STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13655

# SHTOYB UN ASH

Elend

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

חיה העניא עלענד

# שטויב און אַש

ISBN:0-657-13655-7
01-519

Digitized by the Internet Archive
in 2012

http://archive.org/details/nybc213655

חיה העניאַ עלענד

*

**שטויב און אַש**



חיה העניא עלענד

חיה העניא עלענד

# שטויב און אַש

פאַרלאַג „המנורה" תל־אביב
תש"ל — 1970

CH. H. ELEND
SHTOIB UN ASH

חיה העניא עלענד / שטויב און אַש

פארלאג „המנורה", רח' זנגביל 24 תל־אביב, ישראל
"Hamenora", Publishing House, 24 Zangwil St., Tel-Aviv, Israel

©

נדפס בישראל תש"ל
Printed in Israel 1970

דפוס „מופת" — יצחק ריזמן, ת"א, עין־הקורא 6, טל. 32968

## לזכרון

מיין פאָטער און מוטער, שוועסטער און ברודער, מיין טעכטערל — אַלע קדושים פון מיין שטעטל באַ־ליגרוד און אלע יידן, וואָס זענען אומגעקומען איף קידוש השם דורכן נאַצישן צורר ימ״ש און דורך די אר־מות העולם זייט דורות.

## אינהאַלט


✶ (הקדמה) . . . . . . . . . 9
על קדוש השם . . . . . . . . 11
אורחים . . . . . . . . 38
א שפּיאָן . . . . . . . . 51
איכה . . . . . . . . . 67
פּערעלע . . . . . . . . 73
דער פאַרמשפּעטער פּאַרטיזאַן . . . 77
דער שאָס אין באָדצימער . . . . 89
דעם שניידערס ווידערשטאַנד . . . 101
ר׳ נתן האָשאַנסקי . . . . . . 108
זעקס יאָרצייט־ליכט . . . . . 121
מיט שלום אש אין ניצע . . . . . 128
תפיסות . . . . . . . . 137

*

די שילדערונגען אין דעם דאָזיקן בוך מיינעם נעמען אַרום די דורות, מיט וועלכע איך האָב געלעבט אין די לענדער: צאַריש־רוסלאַנד און סאָוויעט־רוסלאַנד, פוילן, אוקראַינע, דייטשלאַנד, בעלגיע, פראַנקרייך... אָבער אומעטום און שטענדיק איז פאַר יידן אין די גלות־לענדער געווען דער זעלבער גורל — גזירות רעות, אַלע שבעה מדורי גיהנום...

איך דערצייל דער עיקר וועגן דעם שוידער און גרויל פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען אונדזער פאָלק האָט איבערגעלעבט זיין דריטן חורבן, וואָס שטייגט איבער אין זיין פאַרנעם און טראַגיק אונדזער גאַנצע מאַרטירער־געשיכטע. איך גיב איבער אין דער אויסגאַבע וועגן דעם „לאַנד פון פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט", ווו „זשוויף" האָט געהאַט די זעלבע באַדייטונג אין פראַנקרייך, ווי „זשיד" אין רוסלאַנד און „יודע" אין דייטשלאַנד. די געלע לאַטע מיטן מגן דוד איז ווי דער אַמאָליקער צייכן S מיטן האָרן אין ווירטעמבערג.

מיין הייסער ווונטש איז, אַז מיין באַשיידן בוך זאָל ביישטייערן צום הייליקן אָנדענק פון די קדושים וטהורים, און זאָל עס זיי דינען ווי אַ קדיש.

# על קידוש השם

(פון דער אַלטער היים)

אין דעם גאַליציאַנישן שטעטל — באַליגרוד, צו וועלכן עס פירט אַ שעה־צוויי פאָרן מיט אַ פור פון לינסק (לעסקאָ), ווו דער טייך „האָטשעוקאָ" שטראָמט ביי דער לינקער זייט, האָט געלעבט מיין זיידע, דער רבי ר׳ יצחק.

עס איז געווען אַ שבת.

דער זיידע ר׳ יצחק האָט געפּראַוועט דעם שבת־טיש אין זיין גרויסער בית־דין־שטוב, וואָס האָט זיך געטונקען אינעם גרינעם שאָטן פון די גאָרטן־ביימער. פון די אַרומיקע קאַרפּאַטן־בערג האָט אריינגעבלאָזן אַ מילד ווינטל דורך דעם אָפענעם פענצטער.

זיין הויכע און צאַרטע געשטאַלט איז געזעסן איינגעבויגן אויבנאָן און געזאָגט תורה פון פרשת השבוע. די ווייס־גרויע באָרד זיינע האָט זיך באַוועגט, געלע גאָלד־שפּיצן פון דעם סויבלנעם שטריימל האָבן זיך געבוקט צו די צוויי פאות־לאָקן און צוזאַמען ריטמיש זיך באַוועגט.

חסידים אַרום האָבן געכאַפּט שיריים פונעם רבינס טעלער, געטרונקען משקה, געווונטשן זיך „לחיים", און מיט הכנעהדיקע קעפּ זיך געשאָקלט צו דעם הייליקן אויבנאָן — צום רבין, זייער איינציקער אָנשפּאַר... זייערע הערצער האָבן געפלאַטערט מיט יראת הכבוד.

טיף זענען געווען די פּשטלעך פון רבינס תורה. נישט אַלץ האָט מען פאַרשטאַנען, די האַרציקע קלאַנגען פון זיין קול, האָבן זיך צעגאָסן מחיהדיק, ווי שיינע מוזיק, וואָס האָט צעדבקהט די

חסידים, וועלכע האָבן זיך אַרום רבין, אויף די שפּיץ־פינגער, צעשוועבט אין אַ ריקודל — אַנגענומען זיך ביי די הענט און אַוועק אין אַ ראָד־קאַראַהאָד, ממש אין די „עולמות העליונים״, דערהויבן אין די סאַמע העכסטע „היכלות״ — ביז אין־סוף... מיט פרומע אויגן, מיט האַלב־אָפענע מיילער און התלהבותדיקע הענט־באַוועגונגען, האָבן זיי אָנגעשפּיצט דאָס געהער, צוגעזעצט זיך און מיט ברען און חסידישער דבקות צוגעהערט צום רבינס תורה.

דער רבי האָט גערעדט וועגן קדושת השבת, וועגן „דעם טאָג שכולו שבת נצחית״, וואָס אַ וועלט בענקט און לעכצט נאָך אים... די חסידים האָבן מיט אמונה אויפגענומען זיינע הייליקע ווערטער, נישט אַנדערש, נאָר די שכינה רעדט פון רבינס מויל.

מיט צאַרטקייט און התרוממות הרוח והנפש האָט דעם רבינס שבת־תורה משמח געווען יעדנס האַרץ, געגלעט ווי אַ מאַמעס צערטלעכע האַנט, אַ דערהויבן געפיל פון יראת־שמים האָט אָפּגעטאָן פון זיי דעם קליינלעכן שטויב פון חול. נישט געווען קיין זכר פון וואָכעדיקער מרירות און טאָג־טעגלעכן קיום.

אין דעם אַרום זענען אויפגעגאַנגען האַרציקע זמרלעך, ניגונים מיט התלהבות און חסידישן ברען. דער רבי מיט זיינע צאַן־קדשים זענען געווען פאַרפלאָכטן אין איין קאָמפּאַקטער גאָלדענער קייט. געדוכט האָט זיך זיי, אַז מיט זייער שלימותדיקער אחדות ברענגען זיי די בענקנדיקע גאולה... דעם אייביקן שבת...

*

אין דער זעלבער צייט איז אַ קאָזאַקן־פּאַטרול, אויף הויכע פערד, בנעימותדיק זיך דורכגעריטן דעם וועג.

אַן איבערגעשראָקענע, בין איך האַסטיק צוגעלאָפן צום זיידן, האָב געוויזן צום פענצטער און אויסגערופן:

— זיידעניו, איך האָב מורא!

דער זיידע האָט אויפגעהויבן די קלוגע אויגן אויף מיר. זיינע געדיכטע ברעמען האָבן דאַמאָלס אויסגעזען געדיכטער און ווייסער. ער האָט לייכט אַ גלעט געטאָן מיין בעקל און נאָך שטאַרקער פאַרקנייטשט די טיפע פאַלדן פון שטערן. ער האָט טרויעריק געשעפטשעט:

— דעם קינדס ווערטער — אַ סימן... חיימל, נעם צו דאָס קינד — דאָס האָט דער זיידע זיך געווענדט צו זיין זון (מיין פאָטער) מיט אַ ווייכער שטים.

מיין פאָטער, האָט מיך גענומען ביי דער האַנט, אַוועקגעזעצט לעבן זיך ביים טיש און באַרויקט מיט צערטלעך פאָטערלעכע רייד.

ווייבער זענען אין בהלה געקומען צו לויפן, און פון דער ווייטנס אויסגעיאָמערט:

— רבי, ראַטעוועט! די צאַרישע חיילות זענען שוין אין שטעטל!

עס האָט אַ בליץ געטאָן דעם רבינס וואָרט:

— שבת! עס איז שבת!

דעם זיידנס ווערטער האָבן באַרויִקט. זיין ליכטיקער בליק האָט אָפּגעטאָן פון אַלעמען די מורא און פחד.

דער זיידע האָט ווייטער געפירט דעם שבת־טיש.

בין מנחה למעריב, ווען דער זיידע איז געגאַנגען זיך וואַשן צו שלוש־סעודות, זענען צוויי קאָזאַקן אַריין מיט שטורעם. זיי האָבן גערעדט אויפגערעגט, זיך געבייזערט: „הלמאַי די דראָטן, וואָס ציען זיך פון איין הויז צום צווייטן", און האָבן בשום אופן נישט געוואָלט גלויבן, אַז ביי יידן איז דאָ אַ דין פון „עירוב־שבת" און זענען געווען איבערצייגט, „אַז די דראָטן זענען געהיימע שפּיאָנאַזש־טעלעפאָנען צו זייער עסטרייכישן קיסר פראַנץ יאָזעף". מיט לאַמטערנעס זענען זיי געקראָכן אין די קעלערס, געזוכט די טעלעפאָנען. און כאָטש זיי האָבן דאָרט גאָרנישט געפונען, האָבן זיי דאָך באַשולדיקט און חושד געווען דעם זיידן, „אַז ער איז

אַ שפּיאָן", און פאַרלאַנגט „דער רבי זאָל מיט זיי מיטגיין". ווען אַט די אויפפאָדערונג איז קוים וואָס דערגאַנגען צום זיידן, איז פּלוצים אָפּיר געגאַנגען פון טיש אַ בכבודיקער הדרת־פּנימדיקער ייד פון שטעטל, און זיך אָנגעגעבן פאַרן רבין. די קאָזאַקן האָבן אים צוגענומען, אים ווולגאַר געשטויסן צו דער טיר. ביים אַרויסגיין, האָבן זיי זיך צוריק אויסגעדרייט צום עולם יידן און פאַרלאַנגט — „אַלע יידן זאָלן מיטגיין".

פונעם טיש האָבן זיך דערהערט דעם זיידנס ווערטער:

— איך בין אויף אייך גוזר: נישט הערן די רוצחים, אַנטקעגנ־שטעלן זיך. — קיינער האָט זיך נישט גערירט פון זיין אָרט.

— טשטאָ! טשטאָ יעוורעיסקיע אַבראַשאָס! — האָבן זיי גע־וואָלדעוועט. איינער האָט אָנגעשטעלט די ביקס אויף די יידן.

— אָן מורא, רבותי, כביכול איז מיט אונדז. — האָט דער זיידע געזאָגט מיט אַ ווייכער שטים.

די יידן האָבן אָהינגעבליקט מיט אמונה צו זייער רבין...

אַ ביקס־שאָס האָט אָפּגעהילכט. דעם קאָזאַקס קויל האָט בלויז באַשעדיקט ביי אַ ייד זיין הוט. די קאָזאַקן זענען אַרויס מיטנעמענ־דיק מיט זיך דעם ייד.

דורכן פענצטער האָט דעם רבינס טאָכטער דערזען, ווי די קאָזאַקן שלאָגן אומברחמנותדיק דעם ייד. זי האָט אויפגעהויבן אַ געוואַלד:

— יידן, קומט ראַטעווען, מען שלאָגט אַ ייד! לאָזט נישט אויף הפקר אַ ייד! דעם יחידס יסורים דאַרף מיטפילן די גאַנצע עדה. — די ערשטע איז זי אַרויס אויף דער גאַס באַשיצן דעם ייד. דעם רבינס טאָכטער איז אַליין געפאַלן אַ קרבן.

אינעם זיידנס בלאַסן פּנים האָט מען געקענט זען דעם טיפן וויי און צער. ער האָט ממשיך געווען זיין עבודת־קודש — געוואַשן זיך, געגעסן, געזונגען זמירות — שיר המעלות, בשוב ד' את שיבת ציון וכו', ווי ער פלעגט זיך תמיד נוהג זיין ביי שלוש־

סעודות. ער האָט געבענטשט ברכת־המזון וואָרט ביי וואָרט, איבער־געקעמפט מיט מסירת־נפש און צדקות דעם שווערן אינערלעכן צער אין זיך, און גערעדינט השי״ת ווי אַלעמאָל. ס׳האָט זיך געקענט אויסדוכטן, אַז ער איז זיך גאָרנישט מצער. נישט מיט דעם אומ־גליק פון זיין טאָכטער, חנהלע, וועלכע די קאָזאַקן האָבן אַכזריותדיק געשלאָגן, און זי איז געלעגן אַ גוססדיקע אין שכנותדיקן הויז, אירע קליינע קינדער אַרום איר — און נעמט זיך אויך נישט איבער מיטן מלחמה־אומגליק בכלל.

די חסידים האָבן מיט אימתא דקדושא נאָכגעקוקט די באַווע־גונגען פון רבין. באַלד זענען זיי פון דער אימה־צוריקגעהאַלטנקייט איבערגעגאַנגען אין אַ נשמה־געפלאַטער, מען האָט זיך מיט געפיל צעזונגען אין טרויעריקע, אומעטיקע לידער, אַז דאָס הארץ האָט געריסן פון ווייטיק.

די נאָכט־שאָטנס האָבן אָנגעהויבן צופאַלן, וואָלקנס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריקער. אין דעם פאַרחושכטן שבת פאַרנאַכט, איז דער רבי געזעסן שטיל, פאַרטיפט, איינגעשלאָסן אין זיך, טרויעריק באַנומען, צוליב דער אַוועקגייענדיקער שבת־מלכתא...

דער עולם איז געזעסן פאַרשטומט, יעדער קרעכץ זייערער, האָט די שטילקייט און פינצטערניש, געמאַכט נאָך אומעטיקער נאָך מאָנאָטאָנער. און ווען די נאָכט־שאָטנס האָבן שוין געהאָט געדיכט באַוועלטיקט דעם גאַנצן אַרום, איז דער רבי נאָך אַלץ געזעסן כמעט אומבאַוועגלעך, ער האָט קיין ליכט נישט אָנגעצונדן... זיך געראַנגלט מיט אַלע כוחות...

מוצש״ק איז מען דעם זיידן געקומען זאָגן, אַז זיין טאָכטער איז געשטאָרבן. דער זיידע האָט אַ ווײַלע נישט רעאַגירט. דערנאָך אַ טיפן זיפץ געטאָן, זיין באָרד האָט אויסגעזען ווי זי וואָלט אין דעם מאָמענט נאָך ווייסער געוואָרן. ער האָט געזאָגט:

— ברוך דיין האמת, האָסט דאָך מסתמא אַזוי געוואָלט רבונו של עולם!...

אַ ייד האָט זיך אָנגערופן:

— רבי, אייער טאָכטער האָט מקריב געווען איר לעבן פאַר ראַטעווען אַ ייד. זי איז אומגעקומען על קידוש השם.

— כל ישראל ערבים זה לזה — האָט דער זיידע רויִק געענט־פערט — די שבת־מלכה איז זיך אַוועק, און מיך האָט זי איבערגעלאָזט אין סאַמע מיטן פון אינדערוואָכן...

✶

ווי נאָר ס׳איז געוואָרן אויס שבת, ווען אַלץ איז געוואָרן וואָכעדיק, האָבן זיך דערהערט שאָסן, הארמאַטן־געטומל, וואָס אַמאָל אַלץ שטאַרקער, ביז צו אַ גראַנאַטן־פייפעריי אין דער נאָענט. די מהומה אין שטעטל איז געוואָרן אין לשער.

דער וועג איז געווען אָנגעפילט מיטן רוסישן חייל. פערד און האַרמאַטן. מיטאַמאָל אַ גערויש פון רעדער, געשרייען פון אָפיצירן און סאָלדאַטן. קאָזאַקן זענען ווילד אַריינגעפאַלן אין הייזער און געשעפטן, גערויבט און געשלאָגן יידן. די נאַכט איז געווען אַ פינצ־טערע, מען האָט געקענט ממש אָנטאַפּן דעם חושך. אין דער דאָ־זיקער נאַכט זענען יידן, אין זייער הילפלאָזיקייט, געלאָפן אין בהלה צום רבין.

— רבי, ראַטעוועט! מען שלאָגט אונדז, מען ראַבעוועט! — האָבן זיי געשריגן פאַרצווייפלטע.

דער זיידע איז געווען פאַרטיפט אין לערנען, ווי ער וואָלט נישט געהערט און נישט געוווּסט, וואָס עס טוט זיך אויף דעם עולם. ער האָט זיך אַריינגעמוחט אין זיינע ספרים, און זיך געהאַט זיין אייגענע וועלט.

די יאָמערלעכע געוויינען פון די אומגליקלעכע יידן, האָבן דעם זיידן גערירט. ער האָט זיין לערנען איבערגעריסן, און מיט וואַרעמ־קייט זיך געווענדט צו די מענטשן:

— נו, וואָס קען איך, אַ בן־אדם, העלפן ? קרוב ה׳ לנשברי לב — האָט ער שטיל צו זיי געטענהט.

פאַרטאָג זענען נאָך אַלץ געזעסן ביים זיידן הינטערן אויוון אַלטע יידן מיט ציטערנדיקע פנימער. איבער זייערע קעפּ האָט גע־האַנגען די סכנה באַפאַלן צו ווערן פון פאָגראָמשטשיקעס. זיי האָבן צווישן זיך געשמועסט, גערעדט פון די אותות ומופתים, וואָס דעם שונאס קול האָט היינט, על פּי נס, קיין ייד נישט געטראָפן. דערמיט געזוכט צו פאַרענטפערן הארבע קשיות...

„סטייטש ? דעם רבינס טאָכטער האָט געראַטעוועט אַ ייד, און זי אַליין איז נישט ניצול געוואָרן פון צאַרישן צורר היהודים ימ״ש. ווו איז זכות אבות און ווו זכות עצמו ?״ געקומען זענען זיי צו דער מסקנה : „אַז אַ ייד טאָר נישט פרעגן קיין קשיות, אַז אין אַלץ איז פאַראַן אַן אצבע אלהים״.

*

די יידנס גרייז־גרויע בערד האָבן זיך געשאָקלט מיט יראת־הכבוד, ביים דערמאָנען מיין זיידנס שלשלת היוחסין, זיין יחוס פון סדר הדורות.

„אונדזער רבי, ר׳ יצחק,איז אַ מורה־מורינו, ער איז אַן אייניקל פון ר׳ איציקל מהאַמבורג. זיין אָפּשטאַם ציט זיך פון של״ה הקודש, דער מחבר פון „שני לוחות הברית״, וועלכער איז אין יאָר 1621 אויפגעגאַנגען פון פראַנקפורט קיין ירושלים. אונדזער רבי, ר׳ יצחק איז אַן אייניקל פון הצדיקת, מרת רחל — די שוועסטער פון גאון, הצדיק רבי נפתלי מראָפּשיץ, און בת גדול הדור, רבי מנחם מענדל פון לינסק (לעסקאָ). איר זון, ר׳ משה חיים אפרים זכרונו לברכה, איז געווען אונדזער באַליגרודער רב. די עלטערע יידן, תלמידי חכמים, וואָס האָבן נאָך געלעבט אין זיין דור, האָבן אים פּערזענלעך געקענט, און געווען זיינע תלמידים, האָבן אויף אים עדות געזאָגט, אַז אַ חוץ

זיין גדלות בתורה, בש״ס ופוסקים, איז ר׳ משה חיים אפרים געווען אַ גרויסער עניו. און אַזוי ווי ער, איז אויך אונדזער רבי (מיין זיידע) ר׳ יצחק — אַ גדול בתורה, מיט מעלות און מידות טובות, איידל־קייט און זעלטענער פשטות — ,,מעשי אבות ירשו בניו״ — האָבן די אַלטע יידן געשלענגלט דעם המשך פון דער גאָלדענער קייט — ,,זכותם יגן עלינו ועל כל ישראל״.

✶

פון ר׳ משה חיים אפרים ז״ל, דעם באַליגרודער רב, האָב איך אויך געהערט שפּעטער דערציילן, אַז ווען ער איז נפטר געוואָרן, זענען מיט אים, אין זעלבן יאָר, אַוועק אויך צוועלף פון זיינע תלמידים אויפן עולם האמת. קלאַנגען זענען אַרומגעגאַנגען, אַז ס׳האָבן דאַמאָלס געהערשט אין שטאָט חולאתן און מגיפות. דער רבי ר׳ משה חיים אפרים האָט אָפּגעריכט תפילות, געפאַסט תע־ניתים וסגופים. ער האָט אויך מכריז געווען וועגן אַ תענית ציבור און זאָגן תהילים בציבור. דער רבי האָט געוואָלט מבטל מאַכן די מגיפות. מיט כלערליי רפאות וסגולות און ביטערע קרייטעכצער, אַליין פאַבריצירט פון אַלערליי גראָזן און בלעטער, האָט ער געהיילט די קראַנקע יידן און גויים, וואָס זענען כסדר געשטאַנען אין לאַנגע שורות פאַר זיין הויז. דער רבי האָט קיין שום נאַכט זיך נישט געלייגט שלאָפן. אַזאַ חומרתדיקע תשובה האָט ער אויף זיך גענומען. אָן אָנגעשפּאַרטער ביים טיש, האָט ער בעתן מתפלל זיין און תהילים זאָגן, אַ ביסל איינגעדרימלט ביים שיין פון אַ וואַקסענעם ליכטל. ער האָט הימלען איינגעריסן, געבעטן רחמים ביים בורא עולם, ער זאָל שיקן אַ ישועה און אָפּשטעלן די עפּידעמיעס. דער רבי האָט געוואָלט אויסלייזן אַ שטאָט מיט יידן, מיט זיין אייגן לעבן.

מענטשן האָבן אים נישט אָפּגעטרעטן. די, וואָס האָבן זיך נישט געקענט דערוואַרטן צוגעלאָזט צו ווערן צום רבין, האָבן זיך

געמוזט באַגנוגענען מיטן שמשס צוזאָג, מזכיר צו זיין זייערע קראַנ־קע ביים רבין.

די מגיפות האָבן ביסלעכווייז אָפּגעטרעטן, און מענטשן האָבן אָנגעהויבן געזונט צו ווערן. נאָר אויף אונדזער בית עולם אין באַ־ליגרוד איז נקבר געוואָרן דער רבי ר׳ משה חיים אפרים, צוזאַמען מיט זיינע צוועלף תלמידים, וועלכע זענען נפטר געוואָרן אין זעלבן יאָר. אין די ספירה־טעג זענען זיי אַלע געבראַכט געוואָרן צו קבר ישראל.

יאָר־יערלעך זענען געקומען יידן פון דער גאַנצער וועלט, צום אוהל־קבר פון מיין זיידן, ר׳ משה חיים אפרים, אַרומגערינגלט מיט די קברים פון זיינע צוועלף תלמידים.

יידן פלעגן זאָגן: „צדיק יסוד עולם — דער צדיק איז אָבער אויך דער אומשולדיקער קרבן, וואָס איז מכפר די זינד פון דער וועלט"...

✶

נאָכן האַלבן טאָג זענען אָנגעקומען נייע גרופּן קאָזאַקן. גאַנ־צע מחנות האָבן דורכגעצויגן. מען האָט געהאָט דאָס געפיל, ווי זייערע לאַנגע שפּיזן־באַיאָנעטן וואָלטן דורכגעשטאָכן יעדעס יידיש האָרץ.

צו די אומהיימלעכע, שטיל געוואָרענע שטובן איז דערגאַנגען דער אָפּקלאַנג פון מאַרשירנדיקע פערד, וואָס האָבן געזונט און מונטער געטופּעט און געהאָפּסלט, באַגלייט פון אַ קנאַקן און פונקען־שפּריצן אויפן שטיינערנעם וועג, אָנפילנדיק די גאַסן מיטן געטומל פון קאָפּיטעס, אין אַ גלייכמעסיקן ריטם. זיי האָבן אויפגעטרייסלט די לופט, ווי מיט דונערן און בליצן, פאַר אַ שטאַרקן געוויטער... איבערן הימל האָבן דורכמאַרשירט טונקל־גרויע וואָלקנס.

אָוונט־צייט איז דאָס געווען. עס האָט געפייפט אַן אימהדיק

געוויטער, אַ קרומער שטויב־געווירבל האָט זיך געוויקלט און איז געטריבן געוואָרן פון אַ ווילדן רייסנדיקן ווינט און שטורמישן דונערן

די דאָזיקע וויסטע זאָווערוכע האָט זיך אויסגעמישט מיט אַנדערע שותפים־משחיתים: הארמאַטן־קנאַלעריי, באָמבן־אויפרייסן מיט געווער־דעטאָנאַציעס און פייער־בליצן. הייזער האָבן אויפגעפלאַקערט אין דער הויך. דער בייזער ווינט האָט דאָס פייער פונאַנדערגעטראָגן אויף די דעכער. ס'האָבן זיך צעברענט אַ סך הייזער, פלאַמען האָבן געריסן פון פענצטער און דעכער. הילכיק האָבן געקראַכט סופיטן און ווענט. שוואַרצע רויך־וואָלקנס האָבן זיך ווילד־גאַווהדיק געריסן צום כמאַרנעם הימל, ווי זיי וואָלטן וועלן פאַרגרעסערן, פאַרברייטערן די וואָלקנס אין דער הויך.

אַ געבראַזגעריי און געפייפעריי פון פאַרשידענע קוילן־דעטאָנירונגען האָבן אויפגעריסן דאָס שטעטל. גראַנאַטן האָבן צעשפּאָלטן און אויפגעציטערט די ערד, און געשליידערט אַלץ פון איר... אויך מתים־קברים האָבן זיי אויפגערודערט, געוועקט די טויטע פון בית־עולמס צוריק אויף דער אויבערפלאַך, אויף דער יבשה אַרויסגע־וואָרפן, אין אימהדיקן גראַנאַטן־פייער אַריין, האָבן אַדורכגעבויערט טיף־באַהאַלטענע גריבער פון ווייטע, פריערדיקע דורות. אַלטע שקעלעטן־קעפּ, צעפאַלענע ביינער, יעדעס שטויבעלע פון אַמאָל, האָבן זיי צעשפּרייט, פונאַנדערגעבלאָזן און אַרויסגעשמיסן.

די לופט איז באַנומען געוואָרן מיט שטויב פון דער אויפגערו־דערטער ערד... מיט פייער־רויך, מיט וויגנדיקע סנאָפּעס פונקען. פאַרצווייפלטע קולות און געוואַלדן. מיט וואָרעם פאַרעדיקן גערוך פון בלוט און לעצטע גסיסה־קרעכצן.

ביסלעכווייז האָבן זיך אַלע ווילדע טענער איינגעשטילט. וואָל־גאַרע רוסן, מיט בערד, דאָס רוב הויך־וווקסיקע, מיט ברייטע פּנימער און רויטע נעז, דיקע ברייטע ליפּן און גרויסע הענט — האָבן זיך אַנגעשטופּט אין די הייזער, און געווילדעוועט, גערויבט

און געשלאָגן די גאַליציאַנער יידן, געזייעט אומרו ווי אַ מחנה רויבער. זיי האָבן הייזער איבערגעקערט, בעטן צעוואָרפן, בעטגעוואַנט צעשאָטן, שטרויזעק אַדורכגענישטערט, פענצטער און טירן אויסגעשלאָגן, שפּיגלען און בילדער פון די ווענט אַראָפּגעריסן, צעבראָכן און צעטראַסקעט זיי אויף שטיקער. קליידער, וועש, שיימעס־פּאַרמעטן פון יידישע ספרים, האָבן זיך געוואַלגערט אויף דער ערד. בילדער פון קייזער פראַנץ יאָזעף מיט זיינע ווייס־גרויע באַקנבערד, און מיט זיינע מעדאַלן אויף דער ברוסט האָבן זיך געוואַלגערט צעטרעטענע אונטער די פיס.

עס האָט זיך צעגאָסן אַ רעגן, ווי פון אַלע פונאַנדערגעעפנטע קוואַלן, און דער רעגן האָט געלאָשן די ברענענדיקע הייזער, אַדורכגעשווענקט די דומפּיקע לופט, און אַלץ איז געבראַזג אַריינגעפירט אין טייך „האָטשעווקאַ".

די שענק־שטובן זענען אַממיינסטנס געווען געפּאַקט מיט רוסן, געטרונקען האָבן זיי גאַנצע וויאַדרעס מיט 98־קער ספּירט, אַרויסגעשלעפּט פון די קעלערס יידנס פּראַצע פון משך לאַנגע יאָרן. זיי האָבן געזאָפן און אַריינגעגאָסן אין זיך ממש ווי דער טייך פאַרשלינגט אַלץ...

די צעשיכורטע צאַרישע ווילדע האָרדע האָט באַלד אָפּגעצויגן ווייטער.

✶

די מהומה צווישן יידן איז געווען אין־לשער. מ'האָט זיך ווי משוגעים געריסן נאָך אַ וואָגן צו אַנטלויפן.

פרויען מיט קינדער, מיט זייער ביסל האָב־און־גוטס אויף די פּלייצעס, באַנומען פון יאוש, זענען געלאָפן פונעם גאַליציאַנער פּייער. צווישן זיי אויך מיין מוטער מיט אירע פינף פּיצלעך קינדער. געשלעפּט זיך וואָכנלאַנג, טאָג איין טאָג אויס, אין קעלט

און אין הונגער. געטוליעט צו זיך, האָט די מאַמע אונדז קינדער געהיטן, געציטערט עס זאָל אונדז חלילה קיין בייז נישט געשען. מיין פאָטער איז איבערגעבליבן אין שטעטל מיט זיינע עלטערן. דער זיידע ר׳ יצחק האָט נישט געוואָלט אַנטלויפן, נישט געוואָלט איבער־לאָזן אויף הפקר די יידן, וואָס האָבן נישט געקענט אַנטלויפן, די קראַנקע און אָרעמע יידן — טענהנדיק, אַז גאָט איז פאַראַן אומעטום.

מיין פאָטער איז נישט געגומען געוואָרן צום מיליטער־דינסט, זיינע ראַבינאַט־פּאַפּירן האָבן אים געשיצט. ביים געזעגענען זיך האָט ער אָנגעזאָגט דער מאַמען:

— נחמה׳טשע, זאָלסט וואַרטן מיט די קינדער אין „איהעל״ (אונגאַרן). מיר וועלן נאָכקומען.

מיר האָבן זיך דערשלעפּט צו דער נאָענטער טשעכיש־אונגאַרי־שער גרענעץ. דאָרט איז געווען אַן אַנגעלויף פון מאַסן גאַליציאַנישע יידן. מען האָט יעדן געאימפט קעגן טיפוס, פון גרויסע סאַמאָוואַרן געטיילט זיסע טיי מיט רום. די אכסניות זענען געווען איבערפולט מיט מאַסן פליכטלינגע. מ׳האָט זיך געוואָלגערט אויף דעם פייכטן באָדן, אין גרויסע שמוציקע באַראַקן, געזעסן אויף פעקלעך און גלות־טאָרבעס. פליכטלינגע זענען צעשיקט געוואָרן אין פאַרשידענע לענדער.

אויך אויף אונדז איז געקומען די ריי. אונדז האָט מען אָפּגע־שטעלט אין „בעהעמען״. דאָרט איז אונדז צוגעטיילט געוואָרן אַ שטובל ד׳ על ד׳, אינעם דאָרף „ברייטענטאַל״ (ביי פּאָליטשקאַ). ערשט מיט חדשים שפּעטער, סוף קריג, האָט מיין פאָטער (געווען איז ער מיט זיינע עלטערן אין אונגאַרן) דורך צייטונגס־אַנאָנסן געוואויר געוואָרן, ווו מיר געפינען זיך.

מיר האָבן שוין געזאָלט אַהיימפאָרן קיין באַליגרוד, איז פּלוצלונג אין זעלבן דאָרף אַ פליכטלינג־פרוי פון בלוזשעוו (ביי ריישע) קראַנק געוואָרן אויף אַן עפּידעמישער קראַנקהייט. קיין שום מענטש

האָט צוליב סכנה זיך נישט אָנצושטעקן מיט דער געפערלעכער קראַנקהייט, צו דער קראַנקער נישט געוואָלט אַריינקומען.

אַ ביטער רחמנות־געפיל האָט געגאָגט מיין מאַמעס האַרץ; די פרוי אין קראַנק, איר קליין קינד איז דאָך אויך מיט איר צוזאַמען... זי האָט נישט לאַנג געטראַכט און איז אַוועק צו דער טיר — גע־וואָרפן אַ בליק אויף אונדז קינדער, ס'האָט אַ ציטער געטאָן איר מוטער־האַרץ. אָבער אַזוי ווי זי האָט קיינמאָל נישט פאַרפעלט אימיצן צו העלפן, האָט זי אויך איצט איינגעשטעלט איר אייגן לעבן, כדי ראַטעווען אַ צווייטן.

קודם האָט מיין מוטער אַרויסגעכאַפּט דאָס פּיצל קינד פון דער קראַנקערס שטוב. זאָלן די בעהמישע מענטשן, חס־וחלילה, זיך נאַר נישט דערוויסן דערפון, מ'זאָל צו דער קראַנקער, באַהיט גאָט, קיין דאָקטאָר נישט שיקן. ווייל וואָס פאַר אַ ווערט האָט אַ יידישע פליכטלינג־פרוי? דער דאָקטאָר וועט מיט איר קיין לאַנגע שהיות נישט מאַכן... גלייך אין שפּיטאָל זי נעמען, וואָס דאָס באַדייט, האָט מיין מאַמע געוווסט...

מיין מוטער האָט דיזענפעקציאָנירט דער קראַנקערס הויז, זי האָט געהיילט און געפלעגט די קראַנקע לויט איר פאַרשטאַנד און מעגלעכקייטן. זי האָט זי געהיילט מיט רפואות פון גראָזן און קריי־טעכצער, וואָס זי האָט צוגעזען ביי איר רבנישן פאָטער, וועלכער האָט, ווי אַ דאָקטאָר, אין דער היים געהיילט קראַנקע מיט רפואות, וואָס זענען באַצייכנט אין די הייליקע ספרים. די מאַמע האָט פאַר־מאָגט אהבת תורה און יראת שמים, זי האָט מתפלל געווען צום אויבערשטן, אַז אירע רפואות זאָלן דער קראַנקער העלפן:

„גלה עיני ואביטה, סודות מעשיך הנפלאים ואת הסגולות וה־רפואות אשר יסדת בעשבים ובאבנים ובזרעים ובפרחים, בשרשים, בעלים, בעצים ובפירות, ביינות ובשמנים באשר העשבים" (תולדות האדם, סגולות און רפואות).

אין אַ קורצער צייט, האָט מיין מוטער די קראַנקע פרוי גע־

שטעלט אויף די פיס, זי איז געזונט געוואָרן, און ווידער געוואָרן אַ מאַמע צו איר קינד.

דאָן איז מיין מוטער אָבער באַלד קראַנק געוואָרן, זי האָט געמוזט גיין אין שפּיטאָל. אונדז, קליינע קינדער, האָט מען בלויז איינמאָל דערלויבט צו שטיין ביי דער מאַמעס אָפענעם שפּיטאָל־פענצטער — אין אַ האַלב־טונקל צימער, לינקס פון דער טיר, איז געשטאַנען אַ בעט, אַ טישל מיט אַ גלאָז וואַסער...

דער חוש פון אַ מאַמען האָט באַלד דערפילט אירע קינדערס אָטעם. איר זיפץ האָט דורכגעריסן די טאַגיקע גרויקייט.

— מאַמע! מאַמעניו!... — האָבן מיר זיך צעכליפּעט.

די מאַמע האָט אויפגעריסן די אויגן, מיט מי זיי געווענדט צום פענצטער, צו אירע קינדער און אַרויסגעשעפּטשעט:

— קינדער מיינע...

די מאַמע האָט אַ לעצטן רחמנותדיקן בליק געלאָזט פאַלן אויף מיר, איר געליבטע בת־יחידה, מיטן יונגסטן קינד אויף מיין האַנט. די מאַמע האָט געקרעכצט. ביז זי איז אַנטשוויגן געוואָרן.

זי איז אַוועק פון דער וועלט ו׳ מנחם־אב תרע״ה (1915), אַלט געווען זעקס און דרייסיק יאָר.

די קראַנקן־שוועסטער אין ווייסן כאַלאַט האָט אונדז אַוועקגע־נומען פונעם פענצטער און געזאָגט:

— גייט אַהיים קינדערלעך... אייער מאַמע... — זי האָט נישט געענדיקט, האָט געוואָרפן אויף אונדז אַ רחמנותדיקן בליק. אָט דער בליק האָט מיר ווי הייסן בליי אַריינגעגאָסן אין האַרצן. איך האָב זיך אַ וואָרף געטאָן מיטן קאָפּ צו דער וואַנט, און פאַרצווייפלט געשריגן:

— מאַמע! מאַמע!... שטאַרב נישט... בלייב לעבן, מאַמע!...

אַהיימגייענדיק האָבן מיר קינדער אַזוי ליידנפול געקוקט איינער אויפן צווייטן, אַזוי טרויעריק, אַז אונדזערע בליקן אַליין האָבן גע־רעדט. מיין עלטערער ברודער האָט זיך אָנגערופן:

—מיר זענען דאָך אַלעמאָל געווען פרום, מיר האָבן געדאַוונט, געזאָגט תהילים, געהאָרכט טאַטע־מאַמע... פאַרוואָס האָט אונדז ג—ט געשטראָפט ? צוגענומען ביי אונדז אַזאַ גוטע מאַמע...

פרעמדע מענטשן האָבן אונדז קינדער אַרויפגעזעצט אויף דער באַן, און מיר זענען געקומען צו אונדזער פאָטער קיין אונגאַרן.

די באָבע האָט אונדז אָפּגענומען פון וואָקזאַל אין „איהעל", און אונדז ביטער באַוויינט: — יתומימלעך, נעבעך, רבונו של עולם, פאַרוואָס ? פאַר וועלכע זינד ?

דער זיידע, ר' יצחק, דערהערנדיק, אַז די מאַמע האָט זיך מקריב געווען פאַר אַ יידישער פרוי, האָט אַ ווײַלע געקנייטשט דעם טיפּן, פאַלדיקן שטערן און מיט רויִקייט געזאָגט:

— ג—ט האָט אַזוי געוואָלט. „כל המקיים נפש אחת מישראל כאילו קיים עולם מלא" (דער, וואָס דערהאַלט ביים לעבן איין ייִדיש נפש, איז גלייך ווי ער וואָלט דערהאַלטן אַ גאַנצע וועלט). אייער מאַמע, די צדיקת עליה השלום, איז אומגעקומען על קידוש השם.

אונדזער פאָטער איז אין דער צווייטער שטוב געלעגן אַ קראַנ־קער. ער איז קראַנק געוואָרן אין אונגאַרן, אין דער זעלבער צייט, וואָס די מאַמע איז קראַנק געוואָרן אין בעהמען. און ווען די דאָקטוירים האָבן שוין געהאַט אָפּגעזאָגט דעם טאַטן דאָס לעבן, האָבן אים אויפגעגעבן, פון דעם טאָג אָן איז דער זיידע ר' יצחק נישט אָפּגעטרעטן פון זיין זונס בעט. ער האָט אים איינגעגעבן קרייטעכצער, לויט דעם רמבמ"ס רפואות־כתבים, און אויך אייגענע רפואות.

יידן זענען געקומען צו מנחה־מעריב אין זיידנס בית־המדרש, נעבן זיין וווינונג, זיי האָבן געוואַרט אַ צייט מיטן דאַווענען. אַז דער זיידע איז אַלץ נישט אַריינגעקומען, האָט אַ ייד אויפגעעפנט אַ שטוב־טיר, ווו דער טאַטע איז געלעגן קראַנק און געזען ווי דער זיידע, ר' יצחק, איז געזעסן פאַרטיפט איבער זיין ספר, ממש ווי אויסגעטאָן אינגאַנצן פון דער וועלט, גרויסע טרערן האָבן זיך

געקייקלט איבער זיין ווייסער באָרד, זיי זענען געפאַלן אויפן אָפּע־נעם ספר.

— רבי, ס'איז שפּעט צו תפילת מנחה — האָט דער ייד ביי דער טיר געזאָגט מיט געבעט און יראת־הכבוד.

דער זיידע האָט זיך אַ טרייסל געטאָן, האָסטיק זיך אויפגעהויבן פון שטול, און איז אייליק אַריין אין בית־המדרש. ער האָט זיך געשטעלט דאַווענען ביים עמוד. אויסגעטאָן פון גשמיות, מיט נשמה, יראה און התלהבות, געווען פאַרטאָן אינגאַנצן אין עבודת הבורא. יעדעס וואָרט, יעדעס אות, אין מלעיל און מלרע, האָט מען געקענט הערן:

— כי אל מלך רופא נאמן ורחמן אתה — אין זיין קול האָט מען געהערט צער.

נאָכן דאַווענען איז דער זיידע נאָך לאַנג געבליבן אין שולעכל. די באָבע האָט פאַמעלעך אויפגעעפנט די טיר, זיך דערנענטערט מיט שטילע טריט צו איר מאַן, וועלכער איז נאָך אַלץ געווען פאַרטיפט אין תפילות.

— שוין צייט אָפּצופאַסטן זיך נאָכן תענית — האָט זי מיט איר ווייכער שטים זיך געבעטן.

דער זיידע האָט זי געהאָרכט, איז אַריין אין שטוב. ער האָט געוואָרפן אַ טרויעריקן בליק אויף זיין זון, וועלכער איז געלעגן מיט אַ גליענדיק פּנים און שווער געאָטעמט. ער האָט זיך געשטאַרקט, זיך געמאַכט הארץ, געזעצט זיך צום טיש און טועם געווען עטלעכע כזיתן ברויט געטונקען אין זאַלץ, און געטרונקען אַ גלאָז טיי.

אין האַלבער נאַכט איז דער זיידע ר' יצחק מיט דער באָבע רעכלע, געגאַנגען אין בית־המדרש אַריין אָפּריכטן תיקון־חצות. זיי האָבן געבעטן רחמים, פאַרבראַכט אין תפילות און בכיות, געוואָלט אויסבעטן זייער איינציקן זון חיימלען, זייער קדיש, דעם בן יקר, אַפילו אויסלייזן מיט זייער אייגענעם לעבן.

אין דער פרי איז דער זיידע צוגעגאַנגען צום קראַנקן זונס

בעט, האָט צוגעלייגט זיין האַנט צום שטערן — ער האָט מער נישט געגליט אין היץ.

— די היץ איז ב״ה געפאַלן, — האָט ער געזאָגט צו דער באָבען. ליכטיק האָבן געלויכטן זיינע אויגן.

די באָבע, וועלכע האָט פון עליית השחר געזאָגט תהילים ביי איר זונס בעט, פאַר זיין געזונט ווען, האָט געשעפּטשעט מיט אויפ־געהויבענע אויגן צום הימל:

— זיי געבענטשט בורא־עולם!

מיין פאָטערס צושטאַנד האָט זיך פאַרבעסערט, ער איז צו ביסלעך אינגאַנצן געזונט געוואָרן.

די באָבע האָט זיך אָבער געפילט מיד, אויסגעמאַטערט פון די שווערע איבערלעבענישן. במשך איר זונס קראַנקהייט, איז זי גאַנצע נעכט נישט געשלאָפן. אַ שוואַכע איז זי געפאַלן צו בעט. איר קראַנקהייט האָט נישט לאַנג געדויערט. דער דאָקטאָר האָט איר נישט געקאָנט העלפן. דער זיידע, וועמען מ׳האָט געהאַלטן פאַר אַ גרויסן בקי אין הלכות דאָקטאָריע — נאָך אין זיין גאַליציאַנער שטעטל פלעגן צו אים קומען פון דער ווייטנס יידן און גויים, און ער האָט אַלעמען געהיילט פון פאַרשידענע קראַנקייטן — אים האָט איצט זיין חכמת־הרפואה נישט געהאָלפן: פאַר זיין אייגן ווייב האָט ער קיין רפואה נישט געהאַט. אין פאַרלויף פון עטלעכע טעג איז מיין באָבע, די רבנית רעכעלע, אויך אָוועק פון דעם עולם, אַלט זייענדיק 62 יאָר.

דער זיידע ר׳ יצחק האָט דעם גזר־דין פון זיין ליבן נאָמען מקבל געווען באהבה.

ווען ער איז נאָר וואָס אָפּגעזעסן שבעה נאָך זיין ווייב, האָט דער זיידע אויך זיך נישט געפילט בקו הבריאות.

געווען איז דאָס גאַנץ פרי, ווען דער זיידע איז אַריינגעגאַנגען אין בית־המדרש דאַווענען, ווי זיין שטייגער, בהשכמה, כדי באַלד

נאָכן דאַווענען, זיך זעצן לערנען. ווען ער איז אַזוי געשטאַנען צו דער מזרח־וואַנט, כנגד ירושלים, איינגעהילט אינעם טלית, איז אים נישט גוט געוואָרן. ער האָט זיך צוגעשפּאַרט אויפן באַנק־בעטל, וואָס איז געשטאַנען אין זיין בית־המדרש. יידן האָבן באַלד דעם זיידן געלייגט אויפן געלעגער. אַזוי איז ער אַ ווײַלע געלעגן מיט לייכט פאַרמאַכטע אויגן, אָן באַוועגונג, און שווער געאָטעמט.

זיין מיד און בלייך געזיכט, איז געווען באַשטראַלט פון דער אויפגייענדיקער זון. דער זיידע האָט נאָך אַ ווײַלע אויפגעהויבן די אויגן־לעדלעך, זיך אַרומגעקוקט, און מיט אַ לייכטן ווונק גערופן זיין זון זאָל זיך צו אים דערנענטערן.

מיין פאָטער האָט זיך געזעצט אויפן באַנק־בעטל, אַריבערגע־בויגן צום זיידן.

— איצט חיימל, דאַרפסטו אָוועקוואַרפן דאָס מסחר — האָט דער זיידע געזאָגט מיט אַ שוואַך קול — דאַרפסט זיך אומקערן קיין באַליגרוד, און איבערנעמען מיין כסא־הרבנות. — דער זיידע האָט שווער אָפּגעאָטעמט, און ממשיך געווען:

— דאַרפסט, בן־יחיד מיינער, גיין אין די דרכים פון דיין טאַטן, פון דיינע זיידעס, וועלכע זענען פון דור־דורות געווען רבנים. דאַרפסט ממשיך זיין דעם דרך פון דיינע אבות, וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר אַ קייט פון רבנים, רביים, גאונים וקדושים. זייער לעבן איז געווען געהייליקט דעם דרך פון עבודת הבורא בלב ונפש.

דער זיידע האָט אָפּגענומען זיין האַנט פון טלית, אין וועלכן ער איז געווען אַרומגעהילט, האָט זי אַרויפגעלייגט אויף זיין זונס קאָפּ, און אים געבענטשט. דאַן געווענדט זיין בליק צום עולם יידן און קוים אַרויסגעשעפּטשעט — רבותי...

ער האָט נאָך תפילה געטאָן בלחש, געזאָגט ווידוי. דאַן האָט ער זיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט, פאַרמאַכט זיינע גוטמוטיקע ליכטיקע אויגן, ויצאה נשמתו בטהרה, — אין עלטער פון 63 יאָר.

ביי מיין זיידן ר׳ יצחקס לוויה האָט מען מיטן ארון געמאַכט הקפות אין דער שול. עס איז געווען אַ געדראַנג, די גאַסן זענען געווען פול מיט מענטשן. פון גאַנץ פרי אָן האָבן יידן געשטראָמט פון איהעלער וואָקזאַל. מען איז געקומען פון אַלע אַרומיקע שטעט, פון אַלע זייטן פון לאַנד, כדי צו באַגלייטן דעם רבין ר׳ יצחק ראַבין צו זיין אייביקער רו.

צו מנחה־מעריב איז דעם זיידנס בית־המדרש געווען איבער־פולט מיט יידן.

מיין פאָטער, וואָס איז נאָר וואָס אויפגעשטאַנען פון אַ קרענק, איז געשטאַנען אויף דעם זיידנס אָרט, ביים עמוד. געדאַוונט און געזאָגט קדיש מיט אַ שוואַך און עצבותדיק קול. די גרויסע עדה יידן האָט אַבלדיק, אין שטילשווייגעניש, אָפּגעגעבן כבוד דעם אַוועק־געגאַנגענעם גרויסן נפטר.

✶

דאָס אַוועקשטאַרבן פון דער מאַמען און פון דער באָבען האָט ביי מיר פריצייטיק אַוועקגערויבט מיין יוגנטלעכע פרייהייט. איך האָב געמוזט, אין אַ געוויסער מאָס, פאַרטרעטן די מאַמע, זיין די קינדערס דערציערין, ווי אַ בעל־הביתטע היטן די שטוב. אָפט מאָל פלעג איך מקנא זיין די מיידלעך אין מיינע יאָרן: זייערע מאַמעס זאָרגן פאַר זיי, און איך, אַליין נאָך אַ קינד, מוז ווי אַ מאַמע זאָרגן פאַר קינדער...

מיין פאָטער האָט געוווּסט אָפּצושאַצן זיין בת־יחידהס פלייסי־קייט און טריישאַפט, און מיך האַרציק ליב געהאַט. אַזוי איז פאַריבער אַ צייט. מיר קינדער האָבן געקריגן אַ שטיפמוטער. אָבער, אַנשטאָט צו זיין אַ צווייטע מאַמע פאַר אונדז, האָט די שטיפמוטער „פערל" קיין האַרץ נישט געהאַט פאַר פרעמדע קינדער. זי האָט אונדז אָן אַ שיעור געפּייניקט. כאָטש זי איז געווען פון יחוס „תאומים" פון

קאַמאַרנע, געשטאַמט פון רבי יוסף תאומים, האָט אונדז קינדער ביי דער שטיפמוטער קיין קלעפּ נישט געפּעלט...

דערפאַר האָט דאָס לעבן אַליין ביי אונדז קינדער אויפגעוועקט אַ מין חוש, אַ געפיל פאַר שטאַרקער צוגעבונדקייט. אַ ליבשאַפט איז געווען צווישן מיר און מיינע ברידערלעך. מיר האָבן זיך זייער צוזאַמענגעלעבט, כדי ניצול צו ווערן פון דעם תהום פון פאַרלאָזנ־קייט, ווייל סוף כל סוף איז דער טאַטע לרוב געשטאַנען אויף דער זייט פון דער שטיפמוטער.

✶

מיין פאָטער האָט מקיים געווען די צוואה פון זיין פאָטער ר׳ יצחק, געטאָן זיין רצון. נאָכן זיידנס פּטירה האָט ער אָוועקגע־וואָרפן דאָס מסחר, האָט אויפגעהערט האַנדלען מיט אויסלענדישע וויינען, מער נישט געליפערט „טאָקייער״, „העדיאַלער״ און „טאַלטש־ווייער״ וויין פון אונגאַרן קיין פּוילן, פון וועלכע ער פלעגט ציען היונה, נאָך פאַרן קריג.

דער טאַטע האָט גענומען זיינע בני־בית און איז צוריקגעפאָרן אין גאַליציאַנער שטעטל באַליגרוד, ווו ער איז באַלד אויפגענומען געוואָרן אלס רב דמתא.

דעם זיידן ר׳ יצחקס שיין הויז, מיט דער רחבותדיקער בית־דין־שטוב, וואָס מיין פאָטער האָט פאַר אים, קורץ פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, געלאָזט אויפבויען — איז אין מלחמה־צייט חרוב געוואָרן. מיר האָבן באַקומען אַ וווינונג אין שכנות, אין שלמה ווערנערס הויז.

יאָרן־לאַנג האָט מיין פאָטער געפירט דאָס רבנות, געלערנט שיעורי תלמוד. מיט השכמת הבוקר, פלעגט ער זיצן מיט תלמידי חכמים, בקיאים בש״ס ופוסקים פון שטעטל, און מרביץ תורה געווען ברבים.

איך פלעג דאַן ליב האָבן צו זיצן ביים אונטערגעהייצטן אויוון, ביי אַ נאַפט־לאָמפּ, מיט אַ האַנט־אַרבעט — שטיקן, שטריקן, פאַרצירעווען זאָקן, און זיך צוהערן, ווי יידן פּלפּולן זיך אין דברי תורה.

געוויסע שטעלן פון קבלה, וואָס יידן האָבן נישט תופס געווען, האָט מיין פאָטער אָנטפּלעקט פאַר זיי. פאַרגליכן די דערהויבענע, מיסטישע ווערטער מיט אַנדערע שטעלן אין דער תורה, איבערגעגעבן זיי אין נייע אויסטייטשונגען אַזוי, אַז יעדעס וואָרט, יעדער אות פון זוהר, איז פאַר די יידן ליכטיק געוואָרן. זיי האָבן הנאה געהאַט פון דעם שאַרפזין און טיפקייט פון דאַזיקן לערנען.

מיין פאָטער פלעגט זיי אָנווייזן אויף ספרים פון פאַרשידענע דורות, גדולים פון יידישן פאָלק. ספרים, וואָס זענען געווען מלא וגדוש מיט פּירושים איבער מידות פון יושר און אהבה, וועגן קדושת ישראל און ארץ־ישראל, וועגן אהבת און אחדות־ישראל.

ווייל געווען זענען יידן אין שטעטל, וואָס האָבן גערעדט מיט ביטול וועגן טעאָדאָר הערצל, אים אָנגערופן „פּושע ישראל״, און זענען געווען קעגן ציוניזם, זיי האָבן געשטערט די ציוניסטישע טעטיקייט אין שטאָט.

געווען ביי אונדז ציוניסטישע פּאַרטייען. יידן פון שטעטל זענען געווען שטענדיקע אַבאָנענטן פון זשורנאַלן: „הצפירה״, „די וועלט״, „העולם״, „בדרך״, וואָס מ׳פלעגט, לאַנג פאַרן קריג, באַקומען דירעקט פון דייטשלאַנד, פון צענטער פון וועלט־ציוניזם, פון נחום סאָקאָלאָוו און זלמן רובאַשאָוו (שז״ר).

יידן מיט אַ נייגונג צו דת און תורה־חינוך האָבן באַקומען צייטשריפטן אין דעם גייסט. מ׳האָט זיי גערן געלייענט, זיי האָבן געהאַט אַ השפּעה אויך אין די רעליגיעז־פרומע קרייזן, פון וועלכע עס זענען אַ סך צוגעשטאַנען צום ציוניזם.

ס׳האָט אויך עקזיסטירט ביי אונדז אַ ציוניסטישע פרויען־גרופּע, פון פאַרן ערשטן וועלט־קריג, מיין מוטער, וועלכע איז געקומען פון דער גרויסער שטאָט טאַרנאָוו (טאַרנע), ווו עס איז שוין דעמאָלט

אנגעגאנגען אַן אינטענסיווע טעטיקייט פאַר ארץ־ישראל, האָט נאָך מיידלוויז, דערציילט מען, דאָרט געשפּילט אַ פּיאָנעריש־חלוצישע ראָל אינעם ציוניסטישן לעבן. מיט איר אָנקומען, נאָך איר חתונה, קיין באַליגרוד, האָט זי באַלד געשאַפן אַרום זיך אַן ענגן פרויען־קרייז. מיין מוטער, דערציילט מען, איז נישט אַזוי לייכט אַנגעקומען אויפצוברעגגען אירע יונגע חברטעס, די תמימותדיקע, פאַרחלומטע, פרומע ווייבלעך און מיידלעך פון שטעטל, אויף דעם „מזבח" פון ציוניזם. די ווירקונג אירע אויף זיי, איז אַלץ געשטאַרקט געוואָרן. זיי פלעגן זיך פאַרזאַמלען ביי איר, זי האָט מיט זיי אָפּגעהאַלטן שמועסן וועגן ציוניזם. פונאַנדערגעטיילט ציוניסטישע זשורנאַלן, וואָס זי פלעגט באַקומען פון איר געבוירן־שטאָט טאַרנאָוו. די אַק־טיוויטעט פאַר ארץ־ישראל פלעגט מיין מוטער פירן בשתיקה. הגם איר מאַן האָט איר אין דעם נישט געשטערט. זי האָט אָבער נישט געוואָלט פוגע בכבוד זיין איר שווער ר' יצחק — דעם שטאָט־רב.

מיין פאָטער האָט געהאַט זיין אייגענעם וועג. ער פלעגט באַקומען אגודה־זשורנאַלן, און געשטאַנען כסדר אין קאָנטאַקט מיט הרב און ראש ישיבת חכמי לובלין, ר' מאיר שפּירא ז"ל. דער טאַטע האָט געשטיצט די ישיבה און די אגודה־צייטונג. צווישן אַנדערע דערהאַלטן אויך ציוניסטישע צייטונגען, געווען באַהאַוונט אין וועלטלעכע ענינים, און האָט, ווי תמיד, גערעדט מיט גרויס ליבשאַפט וועגן ארץ־ישראל.

מיין פאָטער האָט געשמט מיט זיין חכמה און תורה־דרשות, און איז וואָס אַמאָל מער מפורסם געוואָרן. שטראָף־רייד און מוסרן בכלל,האָט מען לרוב פון אים געהערט אין זיין דרשה ערב יום־כפור. ער האָט אָבער קיינמאָל קיינעם, חס וחלילה, נישט מבזה געווען.

געווען זענען יידן, וואָס האָבן פאַרלאַנגט פון טאַטן, אַז ער זאָל עפנטלעך אסרן דאָס אַריינברענגען הערצלס „אַלטניילאַנד" אין אַ יידישער שטוב, ער זאָל פאַרווערן גיין הערן די ציוניסטישע

רעדנער, וואָס פלעגן אָפּט באַזוכן אונדזער שטעטל. און בכלל פאַר־מאַכן דעם לאָקאַל, פון וואַנען ס׳האָבן זיך אַרויסגעהערט די קולות פון חלוציש־ציוניסטישע לידער. נתן ביסטריצקיס „האָראַ״, און זיינס אַ טאַנץ אָדער אַן אַנדערע פּיעסע, וואָס אונדזער דראַמאַטי־שער קרייז פלעגט אויפפירן — זאָל דער טאַטע אסרן צו גיין זען.

מיין פאָטער האָט אָבער קיינעם נישט געוואָלט נושא פּנים זיין, און האָט קיינמאָל קיין ציוניזם און זיין טעטיקייט נישט געאסרט. אין רעזולטאַט האָט די קהילה די צוגעטיילטע שכירות דעם רב נישט געהעכערט. דער טאַטע האָט בעסער באַשטאַנען צו לעבן אין דחקות, און געבליבן ביי זיינע ערלעכע פּרינציפּן. מיט קיינעם קיין מחלוקת נישט געפירט, אויף רדיפות נישט רעאַגירט.

איטשע יאָוויטש פלעגט ברענגען ציוניסטישע רעדנער אין שטעטל. יידן האָבן צו אים געהאַט טענות ותרעומות: הלמאַי ער פאַרשפּרייט כפירה אין שטאָט, זיי האָבן אים אַנגערופן „פושע״, „אפּיקורס״.

איטשע יאָוויטש, איז געווען אברהם הענעכס דעם פורמאַנס אַן איידעם. אברהם הענעך, אַליין אַן עם־הארץ, אָבער אַן איידעם האָט ער גענומען פון דער ישיבה, אַ מאַן פאַר זיין שיינער טאָכטער רבקה (באַליגרוד האָט געשמט מיט אירע שיינע מייד־לעך). איטשע יאָוויטש האָט מען געהאַלטן אין שטעטל פאַר אַ תלמיד־חכם. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען ער איז צוריק געקומען פון מיליטער־דינסט, האָט ער מער נישט געלאָזט וואַקסן באָרד און פאות. זיך גענומען לערנען, שטודירן וועלטלעכע בילדונג, און געשיקט זיינע קינדער אין גימנאַזיע. יידן פון שטעטל האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ „פושע ישראל״.

ווען אַ ציוניסטישער רעדנער איז געקומען אין שטעטל אַריין, איז דער זאַל תמיד געווען אַ פול־געפּאַקטער. די יוגנט האָט אָנטיילגענומען אין דיסקוסיעס, געשטעלט פראַגן, געמאַכט קעסטל־

אָווגטן אויפצוקלערן פאַרשידענע וועלט־פּראָבלעמען. אויך בעלי־בתישע יידן פלעגן קומען צום פאַרטראַג. פאַנאַטישע בחורים, פון עקסטרעם־ אָרטאָדאָקסישע עלטערן, האָבן שטיינער אַריינגעוואָרפן אין לאָקאַל, ווו ס'איז פאָרגעקומען אַ רעפעראַט. יידן פרומאַקעס־פאַנאַטיקער האָבן גערעדט ניבול־פּה, געהאַט תרעומות צו די שטאָט בעלי־־בתים וואָס זיי לאָזן צו, אַז זייערע קינדער זאָלן גיין צו די ציוניסטן ל״ע. זיי האָבן געטענהט: „און אַז מ'האָט שוין פאַסטעמפּאַווע קינדער, וואָס שטודירן אין די גוישע היכשולעס, דאַרף מען זיי שוין אינגאַנצן מאַכן פאַר גוים״... זייער איינפלוס האָט נישט תמיד געווירקט.

מ'האָט אויך געהאַט טענות צום טאַטן, הלמאי זיין זון מענדעלע לערנט אין אַ העברעישער גימנאַזיע אין בענדין.

מענדעלע האָט באַקומען אַ סטיפּענדיע פון דער גימנאַזיע און זיך מפרנס געווען אַליין פון לעקציעס. דער גימנאַזיע־דירעקטאָר פלעגט אויף אים זאָגן: „מענדעלע איז אַן איידעלער בחור, אַ מתמיד, פון מיינע בעסטע תלמידים״.

לאַנגע שעהן אין דער נאַכט אריין, פלעגט דער היכער און דאַרער מענדעלע זיצן איבער ספרים און עוסק זיין אין תורה לערנען. מיט התלהבות געלערנט אַ בלאַט גמרא מיט תוספות — ווי אַמאָל ביים טאַטן און אין די ישיבות פון פרעשבורג און לובלין. געלערנט מיט התמדה האָט דאָס ישיבה־בחורל געגעסן טעג און געשלונגען טרערן...

מענדעלע האָט גאָר יונג באַקומען היתר־הוראה. דאָס סמיכות אויף רבנות האָט ער אַהיימגעשיקט צום טאַטן.

נאָכן ענדיקן די גימנאַזיע איז ער אָנגעקומען אויפן פילאָזאָפישן פאַקולטעט אין לעמבערג.

ער איז טראַגיש אומגעקומען אין די היטלער־צייטן הי״ד.

געווען אָבער אויך אנשי דת ודעת אין שטעטל, וואָס האָבן

זייערע קינדער נישט געשטערט צו גיין הערן אַ ציוניסטישן פאָרטראָג.

פון צייט צו צייט, איז מען פון אונדז אָפּגעפאָרן קיין ארץ־ישראל. כדי צו באַקומען אַן עליה־סערטיפיקאַט, האָט מען געדאַרפט האָבן די נויטיקע קוואַליפיקאַציעס. איז מען געפאָרן אויף הכשרה אויף זעקס חדשים. איך אַליין בין געווען אויף הכשרה אין „קאַלאָניאַ אַגראַדניטשאַ מלאַדזשעזשי זשידאָווסקעי״ אויף פעלד־אַרבעט אין אַ גוט ביי קראָקע. דערנאָך איז אויסגעקומען לאַנג צו וואַרטן אין דער ריי פון באַקומען דעם סערטיפיקאַט, וואָס זענען אַזוי קאַרג, אין אַזאַ קליינער צאָל צוגעטיילט געוואָרן פון דער ענגלישער מאַנדאַט־מאַכט. אָבער דער ווילן עולה צו זיין איז דאַן געווען שטאַרק. מאַנכע זענען עולה געווען נישט־לעגאַל.

יעדעס מאָל ווען אַ בחור אָדער מיידל איז אָפּגעפאָרן קיין ארץ־ישראל, איז ביי אונדז אין שטעטל געווען אַ יום־טוב. די ציוניסטישע יוגנט האָט באַגלייט דעם עולה צו דער באַן, אין אַ גאָר געהויבענער שטימונג, מיט געזאַנג פון „התקוה״ און „תחזקנה״. דאָס געזאַנג איז געקומען פון טיפן האַרצן, מיט בענקשאַפט צום הייליקן לאַנד.

דעם עולה האָבן אויך באַגלייט די פּאַרטיי־פירער פון די אָרגאַניזאַציעס — איטשע יאָוויטש („פּועלי־ציון״ רעכטע), יאָשע, דעם שטאָט־בעקערס זון, כלל־ציוניסטן א. אַנד. זיי האָבן התלהבות־דיק אַנגעקוואָלן פון נחת, און אַריין אין מיט ראָד פון פריילעכן „האָרא־טאַנץ״.

✶

נאָך מנחה־מעריב, פלעגט מיין פאָטער בלייבן זיצן מיט יידן אין שול, און מיט זיי געלערנט. דאָס זענען געווען אממיינסטנס

בעלי־מלאכות, האָרעפּאָשנע מענטשן. געלערנט האָט ער מיט זיי חומש מיט רש״י, אַ קאַפּיטל אין נביאים וכתובים, און מיט אַ טייל פון זיי, אויך אַ בלאַט גמרא מיט תוספות.

פּאָר מיינע אויגן שטייט נאָך דער איידעלער לייב, דער דאַמען־שניידער, וועלכער האָט קיינמאָל נישט פאַרפעלט דאָס דאַווענען מיט מנין, און פון זיין שטוב קיינמאָל נישט אָוועקגעלאָזן אַן אָרעמאַן הונגעריק. ווער געדענקט נישט דעם אויסגעדאַרטן בערעלע בלעכער, וועלכער איז זיך נוהג געווען, נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט, צו קומען אין אָוונט אין שול אַריין און געהאַט תענוג רוחני פון לערנען. אָדער גאָר וועלוועלע בעל־עגלה, צי דער באַליגרודער מילכיקער, וואָס פלעגן זאָגן יועגן די פּאַרטייען אין שטעטל:

„רבי יוחנן הסנדלר אומר, כל כנסיה שהיא לשם שמים סופה להתקים, ושאינו לשם שמים אין סופה להתקים״...

מיין פאָטער האָט ליב געהאַט זיך אַרומצורינגלען מיט „עמך״, זיך משתדל זיין פאַר זיי. דער טאַטע האָט געוווּסט אַלע זייערע געשעפטן, זייערע סודות, געווען זייער אינטימער בעל־יועץ, ביי אַ דין־תורה זיי פאַרטיידיקט. אין בית־דין־שטוב פלעגט דער טאַטע זיצן מיט די אַדוואָקאַטן: וואַגנער און ראַטלער, מיטן נישט־יידישן אַדוואָקאַט שמיעטאַנאַ, און אויסגלייכן סכסוכים. בייזיצן פלעגט אויך איטשע יאַוויטש, וואָס האָט שטודירט יורי, און געוואָרן דעם אַדוואָקאַט שמיעטאַנאַס מיטאַרבעטער און חבר. מ׳האָט אַדורכ־געלייענט תביעה־אַקטן און אויף אַזאַ אופן אויסגעהיט יידן פון שווערע געריכט־שטראָפן.

✶

אַזוי האָט מיין פאָטער געפירט דאָס רבנות, געווען מורה־דרך פאַר אַ שטאָט יידן, ביז צו דער צווייטער וועלט־מלחמה — בערך צוואַנציק יאָר געווען מרא דאתרא אין באַליגרוד.

ווען עס איז געקומען דער צורר היטלער ימ״ש, איז געוואָרן אויס מיט דער שטאָט יידן, אויס מיט דער קהילה, אויס ציוניזם, אויס רבנות, אויס טאַטע און זיידעס. עס איז אפילו קיין זכר פון אַ מצבה נישט פאַרבליבן.

# אורחים

(פון דער אַלטער היים)

זומער, אַ פרייטיק נאָכמיטאָג. ייִנגלעך גייען פריי אַהיים פון חדר. ווער מיט אַ חומש, אָדער אַ גמרא אונטער דער האַנט, אויף שבת צום פאַרהערן. און ווער ס'לויפט מיט פרייד צום טייך זיך באָדן, אין דער האַנט פלאַטערט אַ בלאַנקנדיק ווייס העמד, איבער־צוטאָן לכבוד שבת.

ייִדן גייען פון מקוה, געטובלט זיך, כדי ראוי צו זיין צו עבודת הבורא. ס'פאַלן טראָפּנס פון די נאָך־נאַסע פּיאות אויף די ווייסע געפּרעסטע העמדער. מאַנכע, די פּני־העיר, קומען צום רב, ייִדן מאמנים, שומרי־תורה, שטייען ביי די ספרים־פּאַליצעס און בלעטערן אַ ספר מיט איידעלע הענט. ביים טיש זיצן ייִדן מיט הויכע בולטע שטערנס און למדנים, און פירן אַ חריפותדיקן פּלפּול אין סוגיות התלמוד, מוחן זיך ביי אַ שווער שטיקל זוהר — אַזוי פאַרברענגען זיי דעם זומערדיקן לאַנגן פרייטיק־נאָכמיטאָג, אין אַ געהויבענער רוחניותדיקער שטימונג.

פון מרחץ גייען ייִדן אויך אין ווייַן־שענק אַריין. מ'טרינקט אויסלענדישן וויין, מעד אָדער ביר. אַ בחור אין אַ שוואַרץ־סאַמע־טענער יאַרמלקע באַדינט די קונים מיט משקאות, וואָס דער בעל־הבית דערלאַנגט אים פון הינטער דעם שענק־טיש; דאָס ביר צעשוימט זיך הויך אין גלעזער. ייִדן מאַכן אַ ברכה און טרינקען לחיים. מ'איז זיך מחיה מיט אַ ביסל אויסגעזאָטענע געפעפערטע אַרבעס. ווער ס'שפּילט אַ שאָך אָדער רעדט פון פּאָליטיק, און ווער ס'רעדט סתם דברים בטלים מתוך בדיחות הדעת. ר' שימעלע,

אַ ייד אַ חסיד, קליין און דאַר, מיט אַ גרויסער באָרד, דרייט אַ סיגאַרעטל פון טיטון און ביבילע־פּאַפּיר, פאַרלאַנגט אַ שוועבעלע, פאַררייכערט בניחותא און נעמט נאָכזאָגן אַ רבישע תורה. יידן זענען אויפגעהייטערט, נשמה־יתירהדיק — קיינער טראַכט נישט מער פון מסחר, פון טאָג־טעגלעכע דאגות. דער שבת קומט אָן און פאַרשפּרייט מנוחה ושמחה.

אַרום אַ צווייט טישל זיצן יידן משכילים. מ׳לייענט די יידיש־פּוילישע „כווילאַ״, וואָס ווערט צוגעשיקט פון לעמבערג — די וואַיעוואָדסטווע פון אונדזער שטעטל באַליגרוד. ס׳לייענט ווער די לעמבערגער העברעישע צייטונג „העת״, און דיסקוטירט איבער ש. י. עגנונס אַ דערציילונג. מ׳רעדט וועגן ציוניסטישע און וועלט־לעכע ענינים, ציגאַרן־רויך קנוילט זיך פון די הענט. אַ נישט־היגער ייד, אַ וואַלד־סוחר, מיט אַ גלאַט ראַזירט פּנים, אין איירא־פּעישער קליידונג, דערציילט וועגן גימפּעלס באַרימטן יידישן טעאַטער, פון יאַגעלאָנסקע גאַס אין לעמבערג; ער ווישט דערביי זיינע ברילן־גלעזער אין פינקלדיקע גאָלד־רעמלעך, אויך די לאָ־קאַלע פּאַלקס־שפּילן ווערן געלויבט, מיינסטנס אויף ביבלישע טעמעס.

געוויינטלעך, קומען אויך אין שענק אַריין זשלאָקען ווודקע — פאַן סעקרעטאַזש פון דער גמינע, פאַן קאָמיסאַזש, דער סטעלמאַך, דער געריכטס־באַאַמטער, זיי אַלע זענען שטאַם־געסט אין שענק. די פּריצים קומען מיט אַ דראָזשקע געשפּאַנט אין צוויי פערד. דער שענקער פאַרבעט זיי אין שיינעם צימער אַריין, דערלאַנגט די בעסטע געטראַנקען — זיי זאָלן חס־וחלילה עפּעס אַ חטא נישט אויסזוכן — טראַכט ער. מיט זיי קומט אויך אַמאָל דער פאַן מעצענאַס שמיטאַנאַ. אים האַלטן יידן פאַר אַן איידעלן קריסט, מיט גוטע מאַנירן. ער חברט זיך מיט די פאַסטעמפּאָווע, געבילדעטע יידן פון שטעטל. בלויז פּרייטיק באַווייזן זיי זיך נישט, אַט די אַלע חשובע קריסטלעכע געסט, ווייל פרייטיק נאָך האַלבן טאָג,

לאָזט מען קיין גוי איבער דער שוועל נישט אַריבער, עס זאָל חס־וחלילה פונעם ווייַן, וואָס יידן טרינקען, נישט ווערן קיין יין־נסך.

עס קומט אין שענק אַרייַן לייב דער דאַמסקע שניידער, שאָששעס זון, אַ באַבערדלטער ייד — זייַן לעצט שטיקל אַרבעט האָט ער אָפּגעטראָגן צו חייקע, יעקב־יצחקס ווייַב, מאַכט ער זיך קוראַזש און טרינקט. לייב דער שניידער, שמועסט מען, איז אַ יודע־ספר, האָט ליב פּילפּולן זיך איבער אַ בלאַט גמרא. פאַר דער שענק פאַרפאַרט אויך וואָווע דער בעל־עגלה מיט זייַן בויד. גיט יידן שלום עליכם, און גיט איבער אַ תורה־ווערטל פונעם וועג. אויך געצל דער קאָוואַל, אַ דיקלעך און נידעריק יידל מיט אַ גוטמוטיק פּנים, איז געקומען אין שענקל אַרייַן לכבוד שבת. ער נעמט אַ קווערטל ווייַן, זינגט זיך צו אַ חסידיש ניגונדל. גדליה דער דאַרפס־גייער, מיט אַ ברוין־אָפּגעברענט געזיכט, אין אַן אָפּגע־כוימלטן איבערציער און אין שטיוול, אַ גאַנצע וואָך איז ער צווישן גויים אין די דערפער, און קומט בלויז אהיים אויף שבת — אויך ער באַווייזט זיך אין שענק. גדליה ווערטלט זיך עפּעס מיט וואָווען, דעם בעל־עגלה, גיט זיך אַ נעם ביי דער באָרד, אַמפּערט זיך מיט אים אין עניני מסחר, נאָר באַלד קומען זיי דורך צווישן זיך, און טרינקען צוזאַמען אַ לחיים. גראָזינגער, דער סטאָליער — זייַן זונס זינגען רעוואָלוציאָנערע לידער הערט מען פון וואַרשטאַט אויף דער גאַס אַרויס — פאַרמאַכט שוין אויך זייַן טישלערייַ. בכלל יידן אַר־בעטס־לייט, אין דער וואַסער־מיל הינטער דער שטאָט, אין זעג, ביי האָלץ אין וואַלד, אין טאַרטאַק, אַז ס'ווילט זיך זיי נאָך אַרייַנ־כאַפּן אַ שנאַפּס פאַר קבלת־שבת, אַ שמועס טאָן, קומען זיי צו לויפן אָט די האָרעפּאַשניקעס, די פּראָסט־פּשוטע יידן, בראָווע יאַטן, שמועסן געמיטלעך צווישן זיך, ס'זינגט זיך ווער אונטער דאָס ישראלדיקע האָרא־ניגונדל, ביז ראובן דער שטאָט־שמש, אַ הויכער איינגעדאַרטער ייד, נעמט קלאַפּן אין טויער — „יידן,

ס׳איז צייט זיך גרייטן אין שול אַריין״. ער גייט פון איין הויז צום אַנדערן, און זאָגט אָן מיט זיין הילצערנעם האַמער, אַז די שבת־מלכתא קומט אָן.

יידן פאַרלאָזן די ווייַן־שענק, איילן זיך, כדי חלילה נישט מחלל שבת צו זיין. לאה אפרימס פאַרמאַכט דאָס גאַלאַנטעריע־קרעמל, יואל־משהס שניט־געוועלב, דערנעבן, איז שוין פאַרמאַכט. אויך אַנדערע געוועלבער פון כלערליי סחורות ווערן צוגעמאַכט, די לאַדנס פאַרריגלט אויפן אייזערנעם ריגל פון אינעווייניק, מאַנכע מיט אַ שלאָס פון דרויסן.

אין אונדזער גאַליציאַניש שטעטל באַליגרוד, האָבן אַלע געשעפטן געהערט צו יידן. אומעטום איז געווען יידישער שטייגער, יידיש לעבן. אפילו אין דער מלוכה־שולע האָט מען געלערנט אויך אַ ביסל העברעיש.

זעט טאָקע דער מאַרק אויס שבתדיק — ציכטיק אָפּגערייניקט פון וואָכעדיקס. עס הערשט מנוחהדיקע שטילקייט, דער אָרום איז כמעט אָפּגעליידיקט פון מענטשן.

יידן אין שוואַרצע זיידענע זשיפּעצעס און סויבלנע שטריימלעך, האַלבע שיך און ווייסע זאָקן, גייען בניחותא צום דאַווענען. בחורימ־לעך אין שבתדיקע קאַפּאָטקעלעך, אין פלושענע ספּאָדקעס, פון אונטער וועלכע ס׳באַמבלען זיך די לאָקן־פּאות — גייען מיט דרך־ארץ ביי דער זייט פון זייערע טאַטעס. ס׳קומען אָן יידן גבירים, די מיוחסים, וועלכע באַוווינען זייערע אייגענע הייזער, ווייטער אַרויף, נאָכן מאַרק: שמעון אַלטסטער, ישראל ראַפּאַפּאָרט, חיים־לייב לאַנגזאַם, יעקב־יצחק קרייזבערג, די ליבערס, די ווערנערס, די ראַבינס, יאַנטשע און דוד שרייבער, און יידן פון צענטער פון מאַרק, פּיניעלע און דוד זינגער, די מייזעלס, די פינקס, די גליקמאַנס, זיינוול דער זייגערמאַכער, דער מילכיקער, דער בעקער, דער בעדער,

האַלב־פאַרגעשריטענע יידן אין האַרטע קאַפּעליושן און אַנדערע, אַלע יידן גייען אין שול אַריין.

ס׳איז בין־השמשות, פּרייטיק פאַרנאַכט. די שבת־ליכט פינקלען אַרויס פון די אַרומיקע פענצטער. נשים צדקניות אין בגדי־שבת, אין געפערלטע הויבן, זיידענע שטערן־טיכלעך, בענטשן איבער זיי. דערנאָך רוען זיי זיך אָפּ פון דער טרחה פון אַריינברענגען דעם שבת קודש אין שטוב אַריין. וואַרטן אויף די מענער, וואָס וועלן באַלד קומען פּראַווען די מלכותדיקע פרייטיק־צו־נאַכט סעודה. ווער פון די פרויען דאַוונט גאַטספאַרכטיק און ווער ס׳לייענט דעם ווייבע־רישן טייטש־חומש, די צאינה־וראינה אין עברי־טייטש.

מיידלעך, אויסגעפוצטע, אויסגעצוואָגענע לכבוד שבת, שטייען אויף די שוועלן, פאַר די טירן, אָדער גייען שפּאַצירן אַרומגענומען זאַלבעדריי, זאַלבעפיר, און זינגען לידער. פון בית־המדרש, קלויז, חסידים־שטיבלעך טראָגט זיך דעם חזנס „לכה דודי לקראת כלה, פּני שבת נקבלה״, אין נוסח אשכנז, פאַרפלאָכטן מיט אַנגענעמע גאַליציאַנישע ניגונים. קינדערלעך, אָפּגעוואשנע, אין שבתדיקע מלבושימלעך, וואַיעווען אַרום פאַר די הייזער, אָדער זיי שפּילן זיך אַרום דעם ברונעם אין מיטן מאַרק, פון וואַנען ס׳טראָגט זיך אַ פריילעך קינדעריש געפילדער. יינגלעך קלעטערן אויפן אַספאַל־טירטן שטיין, די לאַנגע פּיאות־גלעקעלעך באַמבלען זיך מיט אין האַרמאָניע.

איך דערמאָן זיך, ווי כ׳האָב אַלס קינד אויך זיך געשפּילט ביים ברונעם. ווען איוואַן דער וואַסערטרעגער, פלעגט טראָגן וואַסער פאַרן עולם אין שטעטל, און אָנגעפילט די הילצערנע וואַסער־פעסער,צוגעדעקט מיט דיקן פויערישן לייוונט, אויף זיינע ברייטע אַקסלען אָנגעהאָנגען די נאַסעס מיט אַ פּאָר וואַסער־וויאַדרעס. קינדער האָבן געטריבן שפּאַס מיט אים. אַ זינדיקער חשק האָט אונדז געשטויסן אים צו וואַרפן שטיינדלעך. איוואַן בייזערט זיך,

שטעלט אונטער די האַנט אונטערן אויסגוס פונעם פּלומפּ ווי אַ שי־סעלע, נעמט אָן וואַסער און באַשפּריצט אונדז.

— גאַנצע קאַן יאַך גיסן! יאַק באַגאַ קאַכאַם! מאַטקאַ שוויענטאַ!

זיין יידיש רעדן מיט אַ גויישער אויסשפּראַך מאַכט אונדז לאַכן. קינדערלעך טשעפּען זיך צו אים ווייטער, אָבער איוואַן פלעגט פּלוצים אויסשיסן מיט אַ הילכיק געלעכטער און מאַרשירן מיט זיינע פולע וויאַדרעס. טייל מאָל האָט איוואַן זיך אויפגערעגט אויף אונדז קליינוואַרג, און אַ געשריי געטאָן: — פּשיאַ־קרעוו, זשידי!...

— איוואַן, וועסט היינט נישט קריגן קיין פיש מיט חלה — זאָגן מיר — און קיין טרונק בראָנפן וועסטו אויך נישט קריגן.

איוואַן האָט פאַרשטאַנען יעדעס יידישע וואָרט. ער האָט אָנגעשטעלט אויף אונדז זיין ברייט, תמעוואַטע פּנים מיט דער פּלאַ־טשיקער נאָז און כיטרע אויגן:

— קאַכאַנע סינעקלעך, קאַכאַנע! ניע קזשיטשטע, סינעק־לעך! — נעמט ער אַרויס פון קעשענע אַ שטיק ווייסע כלה, עסט כאַפּנדיק, זשעדנע שלינגט ער גאַנצע, גרויסע ביסנס, און לאָזט זיך אַוועק זינגענדיק: — אוי־דאַ־דאַ־נאַ.

מיר קינדער, לויפן אַרום דעם מאַרק, וועלכער איז באַלויכטן מיט אַ פולער לבנה. איבער אונדז דער הימל, באַזייט מיט גילדענע שטערן. „דאָס האָט ג־ט אין דער הויך אָנגעצונדן זיינע ליכטלעך לכבוד שבת", טראַכטן מיר מיט קינדישער נאַיווקייט און אמונה. די בלישטשענדיקע שטערנדלעך טונקען זיך אינעם טייך האַטשעווקאַ, וואָס פליסט ביי דער זייט פון אונדזער שטעטל און פאַלט אריין אין גרויסן סאַן. פלעגן מיר קינדער ליב האָבן צו לויפן דורך הינטער־געסלעך צו די שמאָלע סטעזשקעס וואָס פירן צום ברעג. דאָ און דאָרט שטייט אַ הייזקע, באַוווינט פון אָרעמע מענטשן. זייערע שבת־ליכט שפּיגלען זיך אינעם טייך, צוזאַמען מיט ג־טס ליכטעלעך־שטערנדלעך און שיינענדיקער לבנה. אַ לאַנגע ווײַלע באַוואונדערן מיר די שיינקייט. דערביי הערן מיר זיך צו צום געמורמל פון טייך,

צום היימישן געַרויש פון דיביימעלעך און קוסטן אין די וועלדער. ס׳טרעפט, אַז אַ פאַרשפּעטיקטער פּאַסטעך קומט אָן מיט זיין באַגלעקלטער סטאַדע פון יענער זייט טייך, פון וואַנען ס׳טראָגן זיך אָנגענעמע ריחות פון פריש־אָפּגעשניטן גראָז. אויפן וועג אַהיים, גייען מיר פאַרביי אליעזרס קליינע הייזקע, האַרט ביים ברעג, וואָס האָט אַ פּיטאַרעסקן אויסזען, מיט אירע געפאַרבטע שמאָלע פענצטערלעך. מיר זענען באַצויבערט — אפילו דאָס אייזערנע טירל, מיטן אַלט־פרענקישן אָנקלאַפּ־העמערל, שפּיגלט זיך אויף אינעם טייך. מיר קלאַפּן אָן מיטן העמערל, איין מאָל, אַ צווייט מאָל, און מאַכן אַ ויברח, נאָך איידער צירל, אליעזרס ווייב, קומט אַרויס אונדז „מקבל־פּנים זיין״. מיר אַנטלויפן דורך אַ נענטערן וועג, אויסמיידנדיק דעם קאַשטשיאַל, וואָס שטייט אַרויף־צו, נאָכן מאַרק, אָפּגערוקט אין אַ זייט. פון דער אַנדער זייט, לינקס אַראָפּ, טורעמט זיך די אוקראַינישע תיפלה. „דער יצר־הרע זאָל נאָר איבער אונדז קיין שליטה נישט האָבן״, טראַכטן מיר, נישט אַ קוק צו טאָן אויף דער פיגור פון דער מאַטקע באָסקע, צי אויפן יויזל. מיר לויפן שנעל אַהיים.

*

ביי די בענטש־ליכט זיצט די מאַמע מיט די קליינע קינדער, אויסגעפּוצטע, לייכטנדיקע, שבת־קודשדיקע. די מאַמע צערטלט מיך מיט אַ בליק, מיט איר שמייכל ביי מיין אַריינקומען. איבער אירע שיינע ברוינע אויגן הייבט זיך אויף אַ הויכער שטערן. זי איז אָנגעטאָן אינעם סאַמעטענעם קלייד מיטן ווייסן אויסגעהאַפטענעם קעלנערל, פאַרקנעפּלט ביז צום האַלדז, באַצירט אין בריליאַנטענע אוירינגלעך, מיטן שנירל פּערל און גילדענער ירושה־בראָש.

די ליכט ברענען אין אַ ריי פינקלענדיקע לייכטער. דער בליץ־לאָמפּ שיינט העל. אויפן קאַמין שטייט אַ פאַיאַנס־וואַזע מיט פרישע רויזן — די שטוב איז צוגערוימט, אַ ציכטיקע ריינקייט אין יעדן

ווינקל, און דאָס האַרץ פילט זיך נשמה־יתירהדיק. אויף אַלץ רוט אַ באַזונדערער שבת־חן — אַ מנוחת שבת קודש.

מיין פאָטער, הדרת־פּנימדיק, אין דער שוואַרץ־זיידענער זשיפּעצע און סויבלנעם שטריימל, קומט אַריין מלכותדיק, מיט אַ הייטערן „גוט־שבת", הינטער אים צוויי מיטגעבראַכטע אורחים צו דער שבת־סעודה.

„שלום עליכם, מלאכי השרת, מלאכי עליון", דערהערט זיך אַ האַרציקער ניגון. מ'פאַרענדיקט מיט אַ מעלאַדישן אויפזינגג דעם „אשת חיל".

דער טאַטע גיסט אָן דעם זילבערנעם בעכער מיט וויין און מאַכט קידוש, הויך, מיט כוונה:

„ויברך אלהים את יום השביעי ויקדש אותו".

און גאָט האָט געבענטשט דעם זיבעטן טאָג, און האָט אים געהייליקט.

דער טאַטע צעוויגט זיך מיט פאַרמאַכטע אויגן, און צעגייט זיך מתיקותדיק:

„כי בנו בחרת ואותנו קדשת מכל העמים"...

ווייל אונדז האָסטו אויסדערוויילט, און אונדז האָסטו געהייליקט פון צווישן די פעלקער...

דער טאַטע איז טועם פונעם וויין, וויל דערפילן דעם סוף־טעם, ווי זיך אַליין איבערצוצייגן, אַז ער האָט, חלילה, נישט געמאַכט קיין ברכה לבטלה. ער שאָקלט אַ צופרידענער מיטן קאָפּ, און ווענדט זיך צו די אורחים:

— זייט מוחל, יידן, מאַכט קידוש.

די צוויי אורחים, שטעלן מיט זיך פאָר צוויי קאָנטראַסטן:

איינער, מיט איידעלע פאַלדן אויפן שטערן, זיצט ביים פרעמדן טיש מיט צניעות, באַשיידן. די אויגן זיינע קוקן פאַרכטיק, דורות־דיקער פחד איז אין זיי, מיידן אויס די בליקן פון די אַרומיקע. זיין אויסגעמאַטערט פּנים איז איינגעהילט אין עפּעס אַ שלייער פון סוד

ס׳רייסט זיך ביי אים אַרויס אַ זיפץ, אַ תנועה פון אַ באַהאַלטענעם ווייטיק, פון אַ גאַנצן טאָג וואָגלען, אומאַנגענעמלעכקייטן אדג״ל. דער הויכער און דאַרער מאַנספאַרשוין פון אַ יאָר פערציק, מאַכט קידוש שטיל, ער פאַרזשמורעט דערביי די אויגן.

דער צווייטער אורח, אַביש, זיצט ברייט, טרינקט אויס מיט איין זופּ דעם גאַנצן וויין, און צעקרעכצט זיך פון גרויס תענוג. ער גיסט זיך תיכף אָן אַ צווייטן כוס.

„אַביש מיט די קעשענעס״ פלעגט מען אים ביי אונדז אין שטעטל רופן. ער האָט געטראָגן אַ צעכראַסטעטן כאַלאַט, מיט צוויי ברייטע, גרויסע קעשענעס, וויפיל ער האָט נישט געזאָלט אין זיי אַריינלייגן, איז אַלץ געבליבן פּלאַץ אויף נאָך. יינגלעך פלעגן אים מכבד זיין מיט שטיינדלעך און אים נאָכשרייען:

„אַביש מיט די קעשענעס! אַביש מיט די קעשענעס!״

אַבישס פנים איז געווען רויט, ווי אַן אויסדרוק פון כעס און אומגעדולד. זיינע קליינע אייגעלעך האָבן געשטאָכן מיט כיטרעקייט, זיין באָרד אַ קאָלטענעוואַטע פון אַ מין אומקלאָרן ברוי־גרוי קאָליר. קיין גרויסער למדן איז ער נישט געווען — אַ פּראָסטער חי־וקים. ער איז געזעסן ביים טיש און געהאַלטן אין איין אַרויפהייבן מיט די אַקסלען זיינע פול־געפּאַקטע קעשענעס.

מיין פאָטער וואַשט זיך צו די פרישע חלות, איבערגעדעקט מיט אַן אויסגעהאַפּטן חלה־טישטעכל, מאַכט, בדחילו ורחימו, אַ המוציא לחם מן הארץ, צעשניידט די חלה מיטן שבת־קודש־מעסער, און הייסט די יידן זיך וואַשן צו „שאו ידיכם״.

די מוטער דערלאַנגט צום טיש, קודם כל די געפילטע פיש, מיט פאַרגליווערטער ציבעלע־יויך.

אַביש קייעט אויפן קול. ער פאַרטיקט זיך, קיין עין־הרע, שנעל אָפּ מיט זיין טעלער און קוקט מיט אַ נישט־באַהאַלטענער קנאה אויפן טעלער פונעם צווייטן אורח, ווי ער וואָלט פון דאָרט מיטגעגעסן מיט די אויגן.

דער צווייטער אורח, זעט אויס, פילט אַבישס קנאה, אַ געצוימ־טער שמייכל שפּילט זיך אויף זיין פּנים, באַגלייט מיט אַ זיפץ. די מאַמע פאַרשטייט אַבישס בליקן און דערלאַנגט אים אַ צווייטע פּאַרציע פיש — אַ קאַרפּן־קאָפּ. אַביש טוט אַזש אַ הירזשע פאַר פרייד.

נאָך די פיש, גיסט מיין פאָטער אָן פאַר די יידן אַ בעכערל מיט בראָנפן. אַביש באַגנוגנט זיך נישט דערמיט, ער נעמט דעם גרויסן קידוש־בעכער, גיסט אים אָן פול מיט ניינציקער בראָנפן און טרינקט אויס ביז צום דנאָ.

נאָך דער יויך קאָן אביש מער נישט אויסהאַלטן. ער שטעלט זיך פלוצים אויף, טוט אַ קלאַפּ מיט דער פויסט אין טיש, און וואַקלדיק זיך, אַ בגילופינדיקער, צווישן זיינע צוויי באַלאַדענע קעשענעס, מאַכט ער ויברח פון שטוב אָן אַ „גוטן שבת״.

דער צווייטער אורח עסט רויִק און באַשיידן. ער נעמט דאָס ספרל, וואָס ליגט אויפן טיש, איז מעיין דערין, זאָגט תורה־ווערטלעך, פלפולט זיך אין לערנען מיטן בעל־הבית. דעם אורח טוט הנאה, ס׳איז אים אַ כבוד צו זיצן ביי ר׳ חיימלס טיש: ר׳ חימל — לאחר מאה ועשרים, איז דער ממלא מקום פון זיין פאָטער ר׳ יצחק — דער שטאָט־רב אין באַליגרוד (גאַליציע), ווו דאָס בעלזער חסידות איז געווען שטאַרק פאַרשפּרייט. ער זעט ר׳ חיימלען אָפט ביים בעלזער רבין. ר׳ חיימל שמט מיט זיין לומדות און חכמה, שוין צו דרייצן יאָר דורכגעלערנט גאַנץ ש״ס, געווען אַן עילוי.

דער טאַטע זינגט זמירות, חסידישע נגינה:

„יה רבון עלם ועלמיא״ און רייסט איבער דעם אורחס געדאַנקען. ער נעמט מיטזינגען. אויך מיינע ברידערלעך כאַפּן אונטער מיט קלינגענדיקע, באַחנטע שטימעלעך:

„אנת היא מלכא מלך מלכיא״.

ס׳גייען אויף אַנגענעמע ניגונים, צווישן זיי — שמחהדיקע

זמרלעך, מ׳זינגט מיט ברען. תוך כדי זינגען. רופט זיך אָן דער פאָטער צו דער מאַמען:

— נו, נחמהטשע, ווייטער.

די מאַמע רופט אַריין רבקהן, די עוזרת, זי זאָל אַריינברענגען דאָס פלייש. פּאַרציעס פלייש ווערן אויסגעטיילט. די מאַמע הייסט מיך אַריינרופן רבקהן צום טיש, נאָר זי וויל נישט קומען. זעץ איך מיך צוזאַמען מיט רבקהן עסן אין קיך, ווי איך פלעג דאָס אָפט טאָן. רבקה איז צופרידן, זי לויבט מיך:

„כּאָטש דו ביסט נאָך אַ קליין מיידעלע, האָב איך ליב מיט דיר זיך אויסצושמועסן — איך האָב דיך נאָך גְעוויקלט אין די ווינדעלעך", זאָגט מיר רבקה. זי רימט מיין מוטער:

— גילדענע הענט האָט דיין מאַמע. וואָס אירע אויגן זען, מאַכן אירע הענט. און וואָס פאַר אַ גוט האַרץ! אַן אורח אויף שבת און אויף סתם אַ מאָלצייט פעלט קיינמאָל נישט ביי איר טיש.

רבקה דערציילט מיר, אַז מען האָט אין אַ טאָג באַגנבעט אונדזער שפּייז־שאַנק אין פאָרהויז. און זי רעכנט מיר אויס, וואָס פאַר אַ גע־שמאַקע מאכלים עס זענען דאָרט געווען — אַ שפּייז־שאַפע פון כל גוטס, ווי ביי אַ גוטער בעל־הביתישקייט. רבקה האָט איר דעמאָלט געוויזן די אויפגעבראָכענע שאַפע אין קאָרידאָר, און געטענהט צו מיין מאַמען:

— בעל־הביתטע, מען דאַרף די חברה אַנלערנען. זיכער האָט עמעצער פון די אורחים דאָס צערעכט געמאַכט. איך וואָלט זיי שוין געוויזן גנבענען... איך וואָלט שוין אויסגעפונען דעם גנב.

די מאַמע האָט איר געענטפערט מיט אַ שמייכל:

— „רבקה, דאָס האָט דאָך זיכער נישט געטאָן קיין עושר, נאָר אַן אָרעמאַן, זאָל אים דאָס וווּיל באַקומען" — און דיין מאַמע האָט געהייסן מאַכן אַ שוויַיג פון דער גאַנצער זאַך. נו, זאָג דו, ווער האָט רעכט? — איך ענטפער איר נישט. נאָר אין זין האָב איך: די מאַמע איז גערעכט.

— ווען דיין מאַמעס גוטסקייט און צדקה געבן רעדט מען אין דער גאַנצער שטאָט. זי איז דאָך געראָטן אין דיין באָבע, עליה השלום די צדיקת חיה־הענע — איז רבקה ממשיך — ווען איר דערציילט מען, אַז זי האָט אפילו אַוועקגעגעבן אירע שענסטע קליידער פאַר אָרעמעלייט. אַן אָרעמע פרוי האָט איר געבעטן אַ קלייד, אין אַ מאָמענט, ווען זי האָט פאַרמאָגט נאָר דאָס, וואָס זי האָט געטראָגן אויף זיך, דער באָבעס קליידער־שאַפע איז געווען פוסט, זי האָט שוין געהאַט אַלע קליידער אַוועקגעשענקט. דער זיידע האָט זיך געבייזערט, איר מער קיין קלייד נישט געוואָלט מאַכן. די באָבע האָט אָבער רחמנות געהאַט אויף דער אָרעמער פרוי און זי געהייסן קומען פרייטיק אין דער פרי. ווען דער זיידע איז פרייטיק געקומען פון דאַווענען, האָט ער געטראָפן זיין ווייב אין בעט, געווען שוין מיטאָג־צייט — זי האָט אַוועקגעשענקט איר לעצט קלייד און זיך געלייגט אין בעט אַריין, דער זיידע האָט בלית־ברירה געמוזט באַלד קויפן אַ קלייד זי זאָל קענען אויפשטיין מאַכן שבת.

פרייטיק־צו־נאַכטס קומט אַריין איוואַן, דער שבת־גוי, ער לעשט אויס דעם בליץ־לאָמפּ.

— דער ווייַן איז שוין יין־נסך — גיט מיין ברודערל אַ זאָג — דער ערל האָט געזען.

רבקה גיט איוואַנען אַ שטיק חלה מיט דעם וויין.

— בוג זאַפּלאַטש — זאָגט איוואַן.

— איוואַן, קום מאַרגן אַראָפּנעמען די לייכטער פון טיש — זאָגט די מאַמע — דער ערל איז מבין כל דיבור יידיש.

— זשידי באָגאַטע... איך קומען, יאַק באָגאַ קאָכאַם — זאגט איוואַן. און גייט אַוועק מיט אַ הילכיק געלעכטער.

די שבת־ליכט ברענען נאָך. זמירות גייען אַלץ ווייטער אָן מיט ברען. דער אורח זינגט מיט:

„לבוש בגדי חמודות,
להדליק נר הברכה,
מען טוט זיך אָן אין אַ שיין קלייד,
מען בענטשט ליכט מיט גרויס פרייד,
פון אַלע געשעפטן — אַן עק,
די אַרבעט לייגט מען אַוועק,
מען טוט זיך אָן אַ תענוג ביים טיש,
מיט קאַפּהענער, עופות און פיש.

נאָכן בענטשן, שטייט אויף דער אורח צום אַוועקגיין. מיין פאַטער בעט אים, ער זאָל, בלי־נדר, קומען אויך מאָרגן. דער אורח שאָקלט צו מיט הכנעה אויף יאָ, און שאַרט זיך מיט אַ „גוטן שבת" פאַמעלעך אַרויס פון שטוב.

# אַ שפּיאָן

אין האַרבסט, יאָר נײַן הונדערט נײַן און דרײַסיק, האָט אין בעלגיע שוין געהערשט מלחמה־צושטאַנד. די מאָביליזאַציע איז שוין זייט אַ צײַט געווען דעקרעטירט.

די גאַסן אין בריסל האָבן אויסגעזען פאַרענדערט. באַטאַליאָנען זעלנער, ערנסט פאַרטראַכטע, האָבן דעפּילירט מיט דיסציפּלין. יונגע סאָלדאַטן האָבן זיך ווי פאַרלוירן אין די ברייטע און לאַנגע מיליטערישע מונדירן. שווערע לאַסט־אויטאָס מיט מיליטער, מיט אַמוניציע, האָבן פאַרבײַגעצויגן דאָ און דאָרט.

מענטשן זענען אַרומגעגאַנגען פאַרדאגהט, די שרעק פאַר דער מלחמה האָט אַלעמען אַרומגענומען. מ׳איז געווען פאַרנומען מיט איין געדאַנק: ווי אַזוי וועט זיך דאָס ענדיקן?

דאָס וועטער אין דרויסן איז געווען שיין, ווי צו להכעיס די מלחמה־צינדער, האָבן זיך געשטעלט ליכטיקע, זוניקע טעג, וואָס האָבן אַ ביסל אויפגעהייטערט און דערוואַרעמט די צעשראָקענע נשמות.

ווען כ׳האָב פאַרקערעוועט אויף דער רי (גאַס) רויאַש, האָב איך באַגעגנט דעם שריפטשטעלער ד״ר י. ב. צפּור.

— אַבי מען זעט זיך — האָט ער מיך אָפּגעשטעלט אויפן טראָטואַר — איך בין געוווּער געוואָרן, אַז מ׳האָט אײַך פאַרנומען אין תּפיסה —דריקט ער מיר די האַנט.

— יאָ, איך קום טאַקע ערשט אַרויס פון דער תּפיסה „פאָרע״ [1], מען באַשולדיקט מיך אין שפּיאָנאַזש.

[1] די גרויסע תּפיסה פאַר פּאָליטישע אַרעסטירטע אין בעלגיע.

— וואָס רעדט איר ? —זאָגט ער אָן איבערראַשטער. ער קוקט זיך אַרום — דאָ נאָענט, אינגאַנצן אַ פּאָר טריט פון דאַנען איז אַ קאַפע, קומט צו.

מיר זעצן זיך ביי אַ טישל אויף דער טעראַסע, און באַ־שטעלן טיי.

— וואָס פאַר אַ זוניקער טאָג — באַוווּנדערט ד״ר צפור — די לעצטע שיינע טעג זענען פאַר אונדז ווי געפונען.

— נאָר אינגיכן קומען קאַלטע טעג... ס׳וועט ווינטער — גיב איך צו.

אַרום טישלעך זיצן מענטשן פּאַרטיפּט אין שמועסן, און געניסן מחיהדיק פונעם לעצטן ביסל וואַרעמקייט, פון דער האַרבסטיקער זון.

— אייער נאָוועלע „הינטער דער שטאָט", וואָס מיר האָבן אָפּגעדרוקט אין די „בעלגישע בלעטער" [1]) איז נישט שלעכט אָנגע־שריבן. איך לייען אַלץ, וואָס איר שיקט צו אין רעדאַקציע — זאָגט מיר ד״ר צפור.

— און מיין „שפּיאָנאַזש־אַפערע" וואָס איז פאַרעפנטלעכט היינטיקע וואָך אין „אונדזער ישוב" [2]) האָט איר געזען ?

— איך האָב אויך געלייענט „די רעקסיסטן [3]) בושעווען שוין"... דערציילט מיר ווי אַזוי איז עס געווען, פאַרוואָס האָט מען אייך געהאַלטן אין דער שווערער תפיסה „פאַרע" ? — פרעגט ד״ר צפור און טרינקט זיין טיי בניחותא.

— אַ סך צו דערציילן.

— נו, איך בעט אייך, איך האָב צייט, דערציילט מיר.

---

[1]) צוויי־וואָכן־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער און קולטור־פראַגן, פון וועלכן ד״ר צפור איז געווען רעדאַקטאָר.

[2]) זשורנאַל, וואָס דער „יידישער ראַט" אין בעלגיע האָט אַרויסגעגעבן.

[3]) בעלגישע אַנטיסעמיטן.

נאָך אַ ווײלע זיך פאַרטראַכטן, האָב איך געגומען דערציילן:

— געווען איז אַזוי: איך בין געזעסן אין מוניציפּאַלן גאָרטן און געלייענט אַ בוך. צוויי בעלגיער, אין עלטער פון אַרום דרייסיק יאָר, אין אַפּיצירישע אוניפאָרמען, האָבן זיך צוגעזעצט אויף מיין באַנק. זיי האָבן געזען מיין בוך, געקוקט אויף די פּירקאַנטיקע יידישע אותיות פון שערבלאַט און מיר געשטעלט פראַגן: וואָס איך לייען, און וואָס פאַר אַ שפּראַך אדג״ל.

איך האָב זיי געלאָזט רעדן, זיך נישט געמאַכט הערן. ווען איך בין אויפגעשטאַנען פון באַנק צום אַוועקגיין, האָבן זיי פאַר־לאַנגט, איך זאָל מיטגיין אין קאָמיסאַריאַט. איינער פון די אָפיצירן האָט טאַקע באַלד צוגערופן אַ פּאָליציאַנט.

— פאַר וועלכע זינד? — האָב איך פּראָטעסטירט — איר האָט נישט קיין רעכט מיך צו אַרעסטירן אָן שום סיבה.

— אין קאָמיסאַריאַט וועט מען דיר שוין זאָגן — האָט דער פּאָליציאַנט שטרענג געענטפערט.

נייגעריקע מענטשן האָבן זיך דערנענטערט. קינדער האָבן מיך אַרומגערינגלט מיט שרעקעוודיקן געפילדער. די קינדער האָבן מיך דאָ אַלע געקענט. איך האָב מיט זיי שוין פון לאַנג געשלאָסן באַקאַנטשאַפט אין גאָרטן. איך פלעג זיי דערציילן געשיכטעס, מיט זיי געשפּילט אין באַל. כמעט אַלע זונטיק אינדערפרי, ביי אַ שיין וועטער, פלעג איך זיין מיט זיי אין גאָרטן. איצט זענען די קינדער געשטאַנען מיט ברייט־געעפנטע אויגעלעך, דערשראָקענע .עפּעס האָבן זיי געפילט, אַז מען טוט מיר אָן עוולה. מאַנכע מאַמעס האָבן שנעל אַוועקגענומען זייערע קינדער און געקוקט אויף מיר מיט ביטול, אַנדערע מיט מיטלייד. נאָר די קינדערס ליכטיקע אויגעלעך האָבן אַלע אויסגעדריקט אויפריכטיקייט און ליבשאַפט, און ווען מען האָט מיך אַרעסטירט, האָבן זיי מיר נאָכגעקוקט מיט אַזעלכע פאַרווונדערטע בליקן, זענען מיר נאָכגעלאָפן אַ שטיק וועג און נאָכגערופן: דעמואַזעל, דעמואַזעל!

— עליזאַבעט — האָב איך אַ געריירטע אַ שמייכל געטאָן צו אַ 6־יעריק מיידעלע, מיט אַ ראָזער קאָקאַרדע אין אירע בלאָנדע האָר — איך וועל קומען, באַלד וועל איך קומען — האָב איך געוואָלט באַרויִקן די קינדער. זיי זענען מיר אָבער אַלץ נאָכגעלאָפן און באַגלייט מיט פאַרטרערטע אויגעלעך.

— טשעפּעט זיך אָפּ! אַוועק! — האָט דער פּאָליציאַנט זיי געטריבן.

די צוויי אָפיצירן, אין זייערע פּאַראַד־אוניפאָרמען און קלינ־גענדיקע שווערדן, בלאָזנדיק פון זיך מיט גאווה, האָבן גראָב אָנגעשריגן אויף די קינדער:

— גייט צום טייוול!

מ׳האָט מיך אַוועקגעפירט אין מיליטערישן ביוראָ אין סקאַרבעק [1], וואָס האָט זיך געפונען אין אַ ציוויל־הויז אויף פּאַרטער. אַ באַאַמ־טער מיליטעריש געקליידט, האָט, ביי אונדזער אַריינקומען, סאַלו־טירט מיליטעריש, ביי מיר צוגענומען מיין קאַרט־ד׳אידענטיטע און דאָס יידישע בוך, צוזאמען מיט עטלעכע בלעטלעך באַשריבענע אין יידיש מיט מיין האַנטשריפט.

ס׳איז געווען אַ קורצער, אָבער שטרענגער פאַרהער. מ׳האָט מיך באַשולדיקט: „אין שפּיאָנירן די בעלגישע אַרמיי".

די צוויי אָפיצירן מיטן פּאָליציאַנט און דער מיליטער־באַאַמ־טער זענען נאָך לאַנג געבליבן זיצן ביים קאַנצעלאַריע־טיש, געשמועסט צווישן זיך און זיך פריילעך אונטערהאַלטן.

איך בין געזעסן אויף אַ באַנק, אין אַנדערן צימער. פון צייט צו צייט האָבן זיי מיר צוגעוואָרפן בייזוויליקע און ביטולדיקע בליקן. איך האָב באַטראַכט דעם פּאָרטרעט פונעם אינטעליגענטן בעלגישן קעניג „אַלבערט דעם 1־טן", קעגנאיבער אויף דער

[1] פּאָרשטאָט אין בריסל.

וואַנט, דעקאָרירט מיט נאַציאָנאַלע פענער און באַצירט מיט בלומען. געמאָלט איז דער פּאָפּולערער קעניג „לע רוא שעוואַליער" אין אַ מיליטערישן מונדיר.

אַ צווייט גרויס בילד, אויף דער זעלבער וואַנט הינטערן שרייב־טיש, האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן: פון אַ דיקן מאַן, וועלכער איז געווען באַהאָנגען אויף זיין ברייטער ברוסט מיט אַלע זיינע אָרדערס, קרייצן, זיידענע פּאַסיקלעך און שטערנס, וואָס האָבן אים צוגעגעבן אַ ווולגאַרן, צווייפלהאַפטן כבוד. זיין גראָב פּרצוף האָט אויסגעדריקט צביעות און צינישן שמייכל. די ראַמען פונעם בילד זענען געווען באַפּוצט מיט די פאַרביקע נאַציאָנאַלע בענדער: שוואַרץ, געל און רויט.

דאָס גרויסע רחבותדיקע צימער מיט אירע פּראַכטפול־אויס־טאַפּעטירטע ווענט און לאַנגע פאָרהאַנגען אויף די הויכע פענצטער, האָט געטראָגן אויף זיך אַ חותם פון אַ ציווילער פּריוואַט־וווינונג פון אַמאָליקן אַדל. ס'איז געווען קלאָר, אַז אין דעם צימער האָט מען ערשט אין מלחמה־צייט איינגעאָרדנט אַ קאַנצעלאַריע — בלויז אַריינגעשטעלט דעם שרייב־טיש, עטלעכע שטולן, און אַ לאַנגע הילצערנע באַנק. די ווענט זענען געווען באַהאָנגען מיט אַלטע באַאיינדרוקנדיקע גראַווירן, ווי „די באַשאַפונג פון חוהן", „דער קין־צייכן", „דער טויט פון דעם יונגן רוימישן מיידל, ווירגיניע". איבערן שרייב־טיש לינקס האָבן געהאָנגען קאַוואַלעריע־שווערדן, ווי נאָך פון אַ פעאָדאַלער עפּאָכע. אינצווישן די ריטער־שווערדן — אַ ברייטע זייד־באַנד מיט אַ גאָלד־אויסגעהאַפטענער לאָזונג: „זאָל לעבן די אַרמיי". אויפן קאָמין, דערנעבן, איז געשטאַנען אַן אַלט־פרענקישע פאַיאַנסענע וואַזע. פאַרן אַריינגאַנג, דורך בלומען־טעראַסעס, פוןביידע זייטן הויז, האָט זיך געדרייט אַ מיליטערישע וואַך. פון צייט צו צייט זענען מיליטער־לייט געגאַנגען אַריין און אַרויס.

אַרום קאַנצעלאַריע־טיש, ווו ס'זענען געלעגן שטויסן מיט אַקטן

איז אויך געזעסן אַ ציווילער געהיים־אַגענט פון דער פּאָליציי, און די צוויי אָפיצירן מיטן פּאָליציאַנט, וואָס האָבן מיך אַהער געבראַכט. אַלע זענען געווען פאַרטיפט אין בייזע כוונות: זיי האָבן מאַניפּו־לירט מיט די שרייב־מכשירים, געשריבן און געקוקט און ווידער געשריבן, רויכערנדיק און טרינקנדיק אַפּעריטיף און „באָסקע" (בעלגיש ביר). מ'האָט געהאַלטן אין איין מכבד זיין זיך מיט ציגאַרן און געטראַנק. אַן עיפּושדיקער ריח פון פאַרפוילטקייט און פאַרדאַרבנקייט איז געגאַנגען פון זיי. אויך מיר האָבן זיי אָנגעבאָטן אַ גלעזל, וואָס איך האָב צוריקגעוויזן. מיין בקשה, מ'זאָל מיר דער־לויבן צו טעלעפאָנירן אַהיים, האָבן זיי אָפּגעוואָרפן, און כסדר מיר צוגעוואָרפן פאַרדעכטיקטע בליקן. די דומפּיקע לופט האָט אָנגע־וואָרפן אומהיימלעכקייט און אימה. „איך געפין זיך אין אַ פיינער חברותא", האָב איך געטראַכט. אַן איינדרוק האָבן זיי אויף מיר געמאַכט פון פוילע, קליינקעפּלדיקע קאַנצעלאַריע־שרייבערלעך, און קאַריערע־זוכער, וואָס מאַנעווּרירן מיט זייערע שרייב־פעדערס מיט נידערטרעכטיקייט און געמיינע שפּעקולאַציעס, מיטן צוועק צוזאַמענצושטעלן פאַלשע דאָקומענטן קעגן אַן אומשולדיקן...

שפּעט, נאָכן האַלבן טאָג, האָט דער פּאָליציאַנט מיך געפירט צו דער זשאַנדאַרמעריע, ווו מ'האָט מיך רעגיסטרירט און פאַרהערט.

אַ דיקלעך־באַיאָרטער מענטש, מיט אַ געשטופּלט פּנים און אַ פּליכעוואַטן קאָפּ, האָט מיך פאַרהערט. פאַר אים אויפן שרייב־טיש איז געלעגן דער פּראָטאָקאָל־בויגן, וואָס דער פּאָליציאַנט האָט אים איבערגעלאָזן — ער האָט מיר פאָרגעוואָרפן, אַז איך זאָג ליגן.

„ס'איז דער ריינער אמת", האָב איך געענטפערט רויִק, „איך דערצייל אַזוי ווי עס איז געווען". נאָר דער אויספאָרשער האָט זיך געבייזערט, געסטראַשעט און פאַרלאַנגט, איך זאָל זיך מודה זיין.

דער פּראָטאָקאָל האָט זיך לאַנג פאַרצויגן. די צוויי אָפיצירן זענען צוריקגעקומען, און האָבן דערלאַנגט אומפאַרשעמט זייער פּראָטאָקאָל דער זשאַנדאַרמעריע. זיי האָבן דערקלערט, אַז איך

„שפּיאָניר זייער אַרמיי", אַז איך „שיק באַריכטן צו די דייטשן וועגן בעלגישן מיליטער", און נאָך אַזוינע פאַבריצירטע רכילותן און פּאַשקווילן. מיין ענטפער אויף זייערע וויסטע טענות איז געווען בלויז ווידערווילן און פאַראַכטונג, וואָס איך האָב נאָר געקענט אַרויסברענגען אויף מיין פּנים. האָבן זיי נאָך מער געשיט פעך און שוועבל אויף מיר, אַז איך „געהער צו אַ ברייטער שפּיאָנאַזש־אָרגאַניזאַציע".

— נישט אמת? — האָט איינער פון די אָפיצירן מיך פאַר־וואָצירט מיט רוגזה. — זי ענטפערט נישט! וואָס פאַראַ יידישע חוצפה! — האָט דער צווייטער גיפטיק צוגעגעבן.

איך בין געשטאַנען אומבאַוועגלעך, און געזען זייער טריומ־פירנדיקע שנאה, זייער פּוסטע גאווה.

דער אויספאָרשער האָט די אָפיצירן אויסגעהערט אויפמערק־זאַם און געזאָגט, אַז ער רעספּעקטירט זייער געטריישאַפט צו דער אַרמיי, צו דער מלוכה. ער איז געווען אינגאַנצן אויף זייער צד. דאַן האָט מען מיך געלאָזט וואַרטן ביז אין אָוונט.

אַרום אַכט אַזייגער האָבן די זשאַנדאַרן מיך געשמידט אין קייטן. איך האָב פּראָטעסטירט:

— איך בין נישט קיין קרימינעלע. ס'איז אַן אומדערהערטע אומרעכט! — האָב איך אויסגערופן. דער פאַרשוין מיטן נידעריקן שטערן, וואָס איז געווען מיין אויספאָרשער, האָט געשריגן אויף מיר, אַז דאָס איז זיין זאַך, איך זאָל איינצוימען מיין חוצפה און עזותקייט.

מ'האָט מיך אַוועקגעפירט אין אַ פּאָליציי־אויטאָ, ער האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר הויכע מויערן. שווערע אייזערנע טויערן האָבן זיך געעפנט, מ'האָט מיך אַריינגעפירט אין דער תפיסה „פאָרע" פון ביוראָ איז דער פּאָליציאַנט אַריין אין אַ צווייט צימער, נאָך אַ לאַנגער ווײַלע זוימען זיך דאָרט, איז ער צוריק אַריין, מיר אַראָפּגענומען די קייטן פון די הענט און איז אַוועק. מ'האָט מיך

דאַן אַריינגעפירט אין דעם זעלבן צימער. דאָרט איז געזעסן ביים שרייב־טיש אַ ציוויל־געקליידעטער מאַן מיט אַ בייז פּנים. ער האָט מיך געהייסן זיצן. לכתחילה, האָט ער געפּרוווט מיט גוטן, כלומרשט אויף אַ פריינדלעכן אופן אַנגעהויבן די אויספאַרשונג. ער האָט געטענהט, אַז ער מיינט בלויז מיין טובה, היות איך בין באַגאַנגען אַ מלוכה־פאַרברעכן, און ס׳איז זיכער, אַז איך וועל פאַרמשפּט ווערן, ס׳איז דאָ דערויף גענוג מאַטעריאַל, וואָס קען באַווייזן קלאָר מיין שולד, זאָל איך דעריבער אָן לאַנגע שהיות זיך מודה זיין.

איך האָב ביטער געשמייכלט — מער ווי טויט־שטראָף קען מען מיר דאָך נישט געבן — האָב איך זיך באַמיט צו ענטפערן געלאַסן, און דעם פאַרשוין אָפּגעמאָסטן מיט אַ שאַרף־שפּיזיקן בליק.

ער האָט גענומען פינטלען מיט די אויגן פון איבעררעאַשונג, געמאַכט אַ זויערע מינע, און איז באַלד אַריבער צו אַ שרייענדיקן טאָן, פאַרוואָרפנדיק מיר מיינע חטאים, מיך אָנגערופן — „שפּיאָן" און סתם מיך גראָב געזידלט. איך האָב עקשנותדיק געשוויגן.

— רעדט דאָך! — האָט ער געזאָגט מיט כעס, געטופּעט מיט די פיס און נישט אויפגעהערט צו זידלען און ווילדעווען אויף דעם זעלביקן היהשן אופן. איך האָב ווייטער געשוויגן, קיין ריר זיך נישט געגעבן. ער איז אויפגעשפּרונגען פון שטול — איך וועל זיך שוין מיט אייך אָפּרעכענען — און האָט האַסטיק אויפגעפּראַלט אַ טיר און מיך איבערגעגעבן אין די הענט פון וועכטערינס־נאָנעס, זיי מודיע געווען אויפן קול: „אַ שפּיאָן"!

אַ מחנה בייזע נאָנעס געהילט אין שוואַרצן, מאַנכע מיט ווייסע, געקראָכמאַליעטע הויבן, האָבן מיך אויפגענומען מיט אַ מבול פון מיאוסע זילזולים. ס׳האָט זיך געטראָגן פון אויער צו אויער:

„אַ שפּיאָן! אַ שפּיאָן!"

די נאָנעס האָבן מיך געשטופּט, געשטורכעט מיט גראָבע מגושמדיקע הענט. איך האָב צוריק געשטויסן, געוועהרט זיך, ווי כ'האָב נאָר געקענט, און זיי אָפּגעענטפערט מיט האַרטע דיבורים. זיי האָבן געקוקט אויף מיר מיט חוזק און שפּאָט:

— דו, נישט געקרייציקטע! — האָבן זיי מיך געשטראָפט און געזאָגט מוסר.

נאָכן אַדורכנישטערן מיין האַנטבייטל און רעווידירן די קעשענעס ביי מיר, האָט אַ קליינע דיקע וועכטערין־נאָנע, מיט אַ גרויסן צלם אויף דער ברוסט, און נאָך אַ גרעסערן צלם אויף פּאַטשערקעס, אָנגעהאָנגען ביי דער זייט — מיך געפירט דורך לאַנגע געפלאַסטערטע קאָרידאָרן און טרעפּ, מיך אַריינגעשפּאַרט אין אַן עיפּושדיקער האַלב־טונקעלער קאַמער, און פאַרשלאָסן פון דרויסן די טיר.

טעמפּ האָט אָפּגעהילכט דער שליסלען־קלאַנג, זיך אַריינגעשניטן אין פּוסטן ענגן חלל פון מיין תפיסה־קאַמער, ווו איך בין געשטאַנען אַ צעטומלטע, פול מיט אימה, דאָס האַרץ האָט האַסטיק געקלאַפּט.

כ'בין אַזוי געשטאַנען אַ היפּשע ווײַלע, ציטערנדיק פאַר פּחד, פאַמעלעך זיך צוגעשאַרט צו דער פּריטשע און געבליבן זיצן פאַרזונקען אין געדאַנקען. איך האָב געטראַכט וועגן די דערנידעריקונגען פון אַ גאַנצן טאָג, וועגן די אַלע שבעה מדורי גיהנום, וואָס איך בין היינט אַדורכגעגאַנגען. לאַנג בין איך אַזוי געזעסן טרויעריק, טיף פאַרטראַכט.

איך האָב דערזען פאַר זיך מיין זיידן יצחק, דעם באַליגרודער רב — ווי ער וואָלט געלעבט. זיין הויכע און צאַרטע געשטאַלט, אין זיין רבנישער זיידענער זשיפּיצע. ער איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אויף זיין שטעקן, דאָס פּנים זיינס האָט אַזוי ליכטיק געשיינט. ער האָט צו מיר גערעדט מיט אַ שטיל־ווייכער שטים, און אַזוי פריינדלעך אַרויסגעשמייכלט פון זיין מילך־ווייסער, לאַנגער באָרד.

איך האָב אים די האַנט געקושט. בין געווען צופרידן, וואָס מיין זיידע יצחק איז מיך איצט געקומען באַזוכן. אָט דער זיידע מיינער, וואָס די צאַרישע חיילות האָבן אים אויך געהאָט באַשול־דיקט אין שפּיאָנאַזש, נאָך אין דער ערשטער וועלט־מלחמה — ער איז געקומען צו זיין אייניקל אין תפיסה־קאַמער...

איך האָב אויך געזען דעם זיידן יצחק אַ זיצנדיקן אויף זיין אויסגעבעטעטער ווייכער שטול, ווי אַמאָל אין זיין בית־דין־שטוב, מיט אַ גמרא אין האַנט. דעמאָלט, נאָך אַ קליין מיידעלע, בין איך געשטאַנען לעבן אים. ער האָט דורכן ברייטן אַרבל פון זיין כאַלאַט, מיר אַרויפגעלייגט זיין רעכטע האַנט אויפן קאָפּ, און מילד, מיט אַ ווייכער שטים צו מיר געזאָגט:

„העניעלע, דו ביסט געבוירן אין אַ הייבל, דערפאַר וועסטו אי"ה זיין אַ גרויסער בר־מזל". ער האָט אַרויסגענומען אַ לעדער־טעשל פון זיין הויזן־קעשענע, דערפון אָפּגעוויקלט פון זיידן־פּאַפּיר אַ רונד, דין הויט־הייבעלע, לייכט עס אַ טרייסל געטאָן אין דער לופט אַזוי, אַז איך זאָל דאָס שטיקל הויט גוט זען, און בנעימותדיק, מיט הנאה צו מיר געזאָגט:

„אָט דאָס איז דאָס גליק־הייבעלע, וואָס איז געווען אויף דיין קעפּעלע, בעת דו ביזט געבוירן געוואָרן. ביזט אַן אויסגעוויילט קינד"... און מיטן ליכטיקן בליק, מיט שטילע ברכות אויף זיינע ליפּן מיך געבענטשט:

„יברכך ה' וישמרך, יאר ה' פניו אליך ויחנך, ישא ה' פניו אליך וישם לך שלום".

דער זיידע האָט זאָרגעוודיק צוריק באַהאַלטן דאָס הייבל אין זיין טעשל.

„זיידעניו, דאָס גליק־הייבעלע האָט מיר קיין גליק נישט געבראַכט" — האָב איך צו אים געזאָגט — „ווי אַלץ, אין מיין אומגליקלעך לעבן, האָט אויך דאָס הייבעלע מיך אָפּגענאַרט".

פלוצים האָב איך זיך ווי אויפגעכאַפּט און זיך אַרומגעזען,

אַז איך געפֿין זיך אויף דער שלאָף־פּריטשע אין תּפֿיסה, און מיין פּנים איז באַגאָסן געוואָרן מיט טרערן.

פֿון תּפֿיסה־הויף האָט זיך געטראָגן אַ גערויש פֿון ווילדע געוואַלדן, וואָס האָבן אַרויסגעשטופּט די זאַפּטיקע שטים פֿון מיין זיידן יצחק. איך האָב אַזוי באַדויערט, וואָס מיין זיידע איז אַוועק...

לאַנג האָט געראוישט אויפֿן הויף — אַ גערודער פֿון קאַמיאָנען, וואָס זענען געפֿאָרן אַריין און אַרויס, טירן האָבן זיך געעפֿנט און פֿאַרמאַכט. מ׳האָט געהערט געוויינען פֿון קינדער, געבעטן פֿון פֿרויען, און גראָב געבייזער פֿון ווילדע קולות. איך האָב זיך צוגעהערט מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם, בין געווען צוגעשפּאַרט צום האַרטן געלעגער, אָבער שלאָפֿן נישט געקענט.

פֿון דער נאָענט, פֿון איבער דער וואַנט, האָב איך פֿון צייט צו צייט געהערט אַ שטיל זיפֿצן און אָכצן. און ווען ס׳האָט זיך אַדורכגעשלאָגן דורך דעם פֿאַרקראַטעוועטן פֿענצטערל, אין דער הויך, אַ בלייכער פֿרימאָרגן־שיין, האָבן זיך פּלוצים געהערט דורך דער וואַנט, שטילע שלייכנדיקע טריט און דערנאָך אַן אומבאַ־שטימט זשומען, עפּעס אַן אונטערברומען. איך האָב איינגעהאַלטן דעם אָטעם און אונטערגעהאָרכט.

אַ שוואַך, ציטערדיק מענער־קול האָט מתפּלל געווען שטיל און פֿאַרכטיק, געבעטן מיט אַזאַ אומעטיקן איכה־ניגון. — מיר איז באַקאַנט געווען דער דאָזיקער ניגון, איך האָב דייטלעך געהערט:

„בך ה׳ חסיתי, אל אבושה לעולם. בצדקתך תצילני ותפלטני. הטה אלי אזנך והושיעני. היה לי לצור מעון לבוא תמיד, ציות להושיעני. כי סלעי ומצדתי אתא. אלהי, פלטני מיר רשע מכף מעול וחומץ״. (תהילים ע״א).

זאָל דאָס אויך זיין אַ תּפֿילה פֿאַר מיר, האָב איך, אַן איבער־גענומענע איבערגעחזרט ביחידות, פֿאַר זיך, די פּסוקים פֿון תּהילים אויף עברי־טייטש:

„אין דיר, ג־ט, טו איך מיך שיצן, לאָמיר קיינמאָל נישט
פאַרשעמט ווערן.
אין דיין גערעכטיקייט זאָלסטו מיך מציל זיין און מיך
מאַכן אַנטרינען.
נייג צו דיין אויער צו מיר און העלף מיר.
זיי פאַר מיר אַ פעלדז פון באַשיצונג,
וווהין תמיד צו קומען.
באַשער מיר צו העלפן
וואָרום דו ביזט מיין פעלדזן־שטיין און מיין פעסטונג,
מיין ג־ט, מאַך מיך אַנטרינען פון דער האַנט פון רשע,
פון פויסט פון דעם פאַרברעכער און דריקער".

איך האָב זיך נאָך לאַנג צוגעהערט צום יידס תהילים־זאָגן. פלוצים האָט ער זיך צעוויינט אויפן קול, וואָס האָט אַדורכגעריסן די אַרומיקע אומעט־גרויקייט:

„אַזויפיל יידן אויסגעשחטן. רבונו־של־עולם, ווי האָסטו דאָס געקענט צוזען! ספרי־תורה האָבן געברענט אין שייטער־פלאַמען, אויף די בערלינער גאַסן". דער ייד האָט געקלאָגט: „ווי צו מיינע אַלטע יאָרן, וואָס האָבן דאָס געדאַרפט צוזען. אַנשטאָט אַריינצו־שפּרינגען אין פייער און פאַרברענט ווערן צוזאַמען מיט די הייליקע ספרי־תורות, בין איך גאָר צו דער גרענעץ אַנטלאָפן". האַרצרייסנ־דיק האָט אָפּגעקלונגען דעם יידס שפלדיק קול, וואָס איז געווען רירנדיק־טרויעריק, וואָס האָט זיך געריסן פון די טיפענישן פון זיין נשמה.

*

ניין אַזייגער פרי האָט מען מיך געפירט אין אַדמיניסטראַציע צום פאַרהער, וואָס האָט געדויערט צוויי שעה צייט. די אויספאַר־

שונג איז צוגעגאַנגען ווי נעכטן, אויף דעם זעלביקן שטייגער: מיט קולות און געוואַלדן.

אין דער האַלב־טונקעלער און עיפּושדיקער תפיסה־קאַמער האָט זיך דער טאָג מיט גאָרנישט אונטערשיידט פון דער נאַכט, ער האָט זיך געצויגן אָן אַ סוף. מ׳האָט קיינעם צו מיר נישט צוגעלאָזן.

דאָס בריוול, וואָס איך האָב באַלד דעם ערשטן טאָג געשריבן פון דער תפיסה צו מיין אַדוואָקאַט, ד״ר אריה קובאָוויצקי, איז צו אים נישט דערגאַנגען — האָט מיר שפּעטער דער אַדוואָקאַט דערציילט.

נאָך צוויי טעג אָפּזיצן אין תפיסה פאַר פּאָליטישע אַרעסטירטע, האָט מען מיך אַריינגעפּאַקט אין אַן איינצלנער מאַרטירער־צעל, אין אַן אַרעסטאַנטן־וואָגן, ווו ס׳איז קוים געווען פּלאַץ צו שטיין, נישט קיין ריר צו טאָן מיט אַן אבר. נישט קיין פענצטערל און נישט קיין מינדסטע שיין פון ליכט. אין אָט דער פינצטערער, דושנער קאַרעטן־צעל האָט אויסגעפּעלט לופט צו עטעמען. לאַנג בין איך אַזוי געפאָרן און נישט געוווּסט וווהין, די אימה איז מיר פשוט שווער געווען גובר צו זיין.

ענדלעך איז די חושכדיקע צעל געעפנט געוואָרן און איך האָב לייכטער אָפּגעאָטעמט. איך בין צוגעפירט געוואָרן צו דער געביידע פון מיליטערישן טריבונאַל. אונטער אַ זשאַנדאַרן־וואַך פוןביידע זייטן האָט מען מיך אַריינגעפירט אין געריכט. די רשעותדיקע וואַך האָט מיר נישט דערלויבט צו שטיין לעבן עמעצן, אָדער אַ וואָרט אויסצורעדן מיט אַנדערע אַרעסטאַנטן. ווידער האָט אַ ברוטאַלע האַנט מיך אַריינגעשטויסן און איזאָלירט אין אַ קעמערל. כ׳בין ווידער געווען היבטערן שלאָס, ביז מ׳האָט מיך אַריינגעפירט צום מיליטער־געריכט.

אין געריכט־זאַל איז געזעסן, אין מיליטער־מונדירן, די זשורי, זייערע געזיכט־שטריכן כמעט־איידעלע און מילדע.

די ריכטער האָבן צו מיר געוועדט רוּיִק. מיך אויסגעהערט אויפמערקזאַם, און געפירט די געריכט־פאַרהאַנדלונגען מיט חסד. שטייענדיק פאַר דער ריכטער־זשורי, האָט מיין ביז־איצטיקער אומרו און שרעק אינגאַנצן זיך אָפּגעטאָן פון מיר, ווי איך וואָלט זיך געפונען פאַר מענטשן פון גערעכטיקייט און יושר. איך האָב פאַרלאַנגט אַ דערלויבעניש צו רעדן מיט מיין אַדוואָקאַט, און דרייסט אויסגעדריקט מיין ווונטש, אַז די צוויי אָפיצירן זאָלן באַקומען זייער פאַרדינטע שטראָף. איך האָב אַלץ דערציילט וועגן די קינדער אין גאָרטן, וואָס בעתן אַרעסטירן מיך האָבן זיי זיך אויך אָנגענומען מיין עוולה, און די פּאָליציי האָט זיך מיט זיי גראָב באַנומען. כ׳האָב איבערגעגעבן וועגן דעם בעלגישן מיידעלע עלי־זאַבעט, וואָס האָט זיך פלינק דורכגעשטויסן דורכן עולם, זיך אַוועקגעזעצט נאָענט פון מיר אויף דער באַנק און אויסגערופן מיט איר קולעכל אין קינדישער תמימות:

— „נאָן, טי נ־ווא וואָ פּאָס״ [1] — פאַרפלעכטנדיק איר צאַרט אָרעמל אַרום מיינעם, געקוקט דערביי קרום און אָנגעברוגזט אויפן פּאָליציאַנט, וועלכער הייסט מיך גיין מיט אים. און אויך די אַנדערע קינדער נאָך איר, אין איין געשריי, מיט דער זעלבער נאַיווער און נאַטירלעכער פשטות:

— „גייסט נישט! טי רעסט אַוועק נו!״ [2] — די ריכטער האָבן זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט און געשמייכלט.

— דו, מאַנקען [3], פאַרמאַך דיין פיסק! — האָט דער פּאָלי־ציאַנט געשריגן אין פלעמיש, צו אַ קליין ייִנגל, וואָס איז געשטאַנען לעבן מיר און קאָאָפּערירט מיט זיינע חברים אין דער געשעעניש.

---

[1] ניין, דו גייסט נישט!

[2] דו בלייבסט מיט אונדז!

[3] ייִנגל.

דער פּאָליציאַנט האָט ביים ייִנגל אַרויסגעריסן זיין ביכל, אַנדער־סענס מעשהלעך, און עס מיט רוגזה ווייט אַוועקגעשליידערט.

— מ׳האָט דאַך מיך געצוואונגען צו גיין, און דערביי מיר אָנגע־טאָן בזיונות פאַר אַלעמען אין די אויגן. נאָר די קינדער האָבן מיך באַגלייט מיט געוויין.

די ריכטער האָבן מיך אויסגעהערט געשפּאַנט. און דער זשורי־פאָרזיצער האָט זיך צו מיר געווענדט אין אַ פריינדלעכן טאָן:

— נאָך מיטאָג וועט קומען אַן עקספּערט איבערצוזעצן אייערע שריפטן. מיר וועלן עקזאַמינירן אייערע בלעטלעך — ווייזט ער אָן אויף זיי אויפן טיש. מ׳האָט מיך נאָך אויסגעפרעגט, וועגן וואָס איך שרייב, און אין וועלכער צייטונג איך שרייב אין בעלגיע.

— אין אָט די בלעטלעך, האָב איך אָנגעהויבן צו שרייבן אַ דערציילונג א. נ. „ישראל״. עטלעכע מיינע קליינע נאָוועלן האָט מען געדרוקט אין לאָקאַלע יידישע זשורנאַלן — האָב איך געענטפערט.

— איר מוזט נאָך צוּוואַרטן — האָט דער פּראָקוראָר געזאָגט. מיינע שומרים, די וואַך־זשאַנדאַרן, האָבן מיך צוריק אַרויסגע־פירט. זיי זענען מער נישט געווען צו מיר אַזוי שטרענג ווי פריער, מיך געלאָזט זיצן אין געריכט־קאָרידאָר, דערלויבט מיר רעדן צו אַ פרוי אַ פאָר ווערטער, וועמען איך האָב איבערגעגעבן אַ בריוול פאַר מיין אַדוואָקאַט.

נאָך מיטאָג איז געקומען דער עקספּערט, דאָס איז געווען אַ יידישער יונגערמאַן, וואָס דאָס געריכט האָט אים באַשטימט צו עקזאַמינירן מיינע שריפטן.

נאָך אַ לאַנגער ווײַלע בין איך ווידער אַריינגערופן געוואָרן אין געריכט־זאַל. דער עקספּערט האָט געלייענט מיין מאַנוסקריפּט, וואָס ער האָט איבערגעזעצט אין דער פראַנצויזישער שפּראַך. דער אינהאַלט איז פאָלגנדיקער:

„גירוש דייטשלאַנד. יסורים און פּורעניות, וואָס יידן האָבן

אויסצושטיין פון דעם דייטשן גזר־דין. יידן מוזן פאַרלאָזן זייערע היימען, זייער האָב־און־גוטס, ווערן געטריבן צו דער פוילישער גרענעץ זבאָנשין, ווו טויזנטער יידן וואַלגערן זיך מיט זייערע קליינע קינדער און אַלטע לייט אויף דער הוילער ערד, אין ענג־שאַפט און אין שמוץ. און קיין שום לאַנד לאָזט זיי נישט אַריין״ אדג״ל

די ריכטער האָבן זיך באַקענט מיטן מאַטעריאַל, געקנייטשט די שטערנס, געוועזן גערירט.

מ׳האָט פאַרענדיקט דעם פראָצעס און גלייך אַרויסגעגעבן דעם פסק־דין:

אומשולדיק.

מען האָט מיך פריי־געלאָזט.

ד״ר ציפור, נאָכן אויסהערן מיך די גאַנצע צייט געשפּאַנט, האָט געזאָגט:

— איר האָט געהאַט מזל, וואָס איר האָט זיך אַרויסגעראַטעוועט פון דעם וויסטן בלבול.

בעלגיע, 1939.

# איכה

(אין דער פרייער זאָנע, פראַנקרייך)

דעם 16־טן יולי 1942, אַרום צוויי אַזייגער ביינאַכט, קלאַפּט מען אין דער טיר פון מיין וווינונג, 92 די ריקע, אין טולוז (דרום פראַנקרייך). איך כאַפּ זיך אויף פון שלאָף און הער זיך צו מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם פון שרעק. מען קלאַפּט שטאַרקער, דאָס קלאַפּן הערט נישט אויף.

מיין קינד, נחמהלע, וועקט זיך אויף מיט אַ געוויין. איך ציטער אויף, טו אַ שפּאָן צום וויגעלע, מיין האַנט פאַרשטעלט דעם קינדס מיילעכל, מען זאָל נישט הערן דאָס מסרנדיקע געוויין. איך הער ווי די קאָנסיערזשין (הויז־וועכטערין) זאָגט:

„זי איז דאָ אינעווייניק אין שטוב מיטן קינד".

אַ קאַלטער שווייס באַגיסט מיך. איך הער קולות און קללות. דאָס האַקן אין דער טיר ווערט העפטיקער. מען רייסט מיט אימפּעט די קליאַמקע, דעם שלאָס, און די טיר ווערט אויפגעבראָכן. עס רייסן זיך אַריין עטלעכע פאַרשוינען, מען צינדט אָן די עלעקטריע. זיי זענען צוויי פראַנצויזישע זשאַנדאַרמען, און אַ ציווילער. ער שרייט בייז:

— אייער קאַרט ד'אידענטיטע!

איך דערלאַנג אים מיין קאַרט, וואָס איך האָב נישט געלאָזט חתמענען מיטן פראַנצויזישן זיגל „זשוויף" (ייד).

ער טוט אַ חיהשן ברום:

— יידישקע, ביזט נישט געקומען אין קאָמיסאַריאַט סטעמפּלען דיין קאַרט!

— איך בין אַ פּראָטעסטאַנטין.

— דו פּראָטעסטירסט. וועסט באַקומען אַ שטראָף.

ער נעמט צו מיין קאַרט. קוקט נאָך אין מיין פּוילישן פּאַספּאָרט:

— אינסטיטוטריס?

— יאָ.

אַ זשאַנדאַרם הייסט מיך מיטגיין און מיטנעמען דאָס קינד. זיי שלעפּן מיך מיטן קינד אַרויס אויף דער גאַס. אַ שטאַרקער ווינט שמייסט אין פּנים. איך בלייב שטיין פאַרן טויער פון הויז.

אַ לאַסט־אויטאָ שטייט אויף דער גאַס באַוואַכט. איך שריי:

— קוקט ס׳אַרא פּיצל קינד!

מען שלעפּט מיך צום אויטאָ. מיט אַלע כוחות שטעל איך זיך אַנטקעגן. איך שריי ווי אין קאָשמאַר. פון מיינע קולות וועקן זיך אויף די שכנים. אין די געעפנטע פענצטער באַווייזן זיך קעפּ. דער ציווילער גייט צו מיר צו און פאַרלאַנגט דעם קינדס מעט־ריקע. ביי אַ טאַשן־לעמפּל קוקט ער אַריין אינעם פּאַפּיר, און ברומט אַרויס:

„אַכצן חדשים".

דאָס קינד רייסט האַסטיק אַרויס די מעטריקע פון זיין האַנט, און גיט זי מיר צוריק איבער.

אַ זשאַנדאַרם שמייכלט צום קינד. דאָס קינד קוקט מיט אַן ערנסט פּנימל. נאָך אַ ווײַלע גיט דער ציווילער אַ באַפעל:

„קינדער אונטער צוויי יאָר — נישט נעמען!"

מען באַפרייט אונדז.

אַזוי ווי איך ווער באַפרייט, שטראַלט אַ געדאַנק אויף אין מיין מוח. איך גיי נישט אַוועק, נאָר שטעל מיך, מיטן קינד אויף דער האַנט, ביים באַוואַפנטן אויטאָ, און רוף אויס הויך:

„מאַמעס, וואָס האָבן קינדער אונטער צוויי יאָר, זאָלן אַרויס־גיין פון אויטאָ! זיי זענען פריי!..."

דער ציווילער, אַן אָנגעצונדענער פאַר כעס, שטעלט זיך מיט

רוגזה פאַרן אַרויסגאַנג פונעם לאַסט־אויטאַ, צו וועלכן עס וואַרפן זיך מאַמעס מיט וויינענדיקע פּיצלעך קינדער. ער שטויסט זיי בעסטיאַליש צוריק, און ליאַרעמט ווילד:

„נישט אַרויסגיין! אין קאַמיסאַריאַט וועט מען יעדן קאָנטראָ־לירן די פּאַפּירן!"

קינדערלעך, וואָס פּרוּוון אַרויסשטעקן אַ קעפּעלע, אָדער אַ נאַקעט פּיסעלע, שטויסט ער זיי ברוטאַל צוריק אין דעם גרויסן לאַסט־אויטאַ, וועלכער פאַרט האַסטיק אָפּ.

מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ קוק איך נאָך דעם יאַגנדיקן לאַסט־אויטאַ, עס הויבט זיך דער געדיכטער שטויב פון אַספאַלטירטן וועג — אויף דער פראַנצויזישער ערד...

איך גיי וואַרענען יידן, זיי זאָלן וויסן וואָס צו טאָן. איך שלעפּ זיך מיטן קינד אויף דער האַנט, איבער פּוסטע הושכדיקע גאַסן. מ׳זעט קוים ווו צו גיין — וימש חושך. כ׳קען אַנטאַפּן די געדיכטע שוואַרצקייט פון דער אויסטערלישער חשכות. איך האָב זיך נאָך קיינמאָל אַזוי נישט געזען... דער ווינט רייסט מיין מאַנטל, פייפט אין דער דאַזיקער שרעקלעכער נאַכט מיט טרויעריקע קלאַנגען, אַז אַ פּחד כאַפּט אַרום. ווו איך קום איז מען שוין נישטאָ. עס דערטראָגט זיך פון ערגעץ אַ מוראדיקע יללה, אַ יאָמערן פון אַ מענטש — עס הערט זיך עפּעס אַן איכה־קלאָגן. גייענדיק אַ פּאָר שריט ווייטער, דערזע איך אַ לאַסט־אויטאָ שטיין פאַר אַ הויז. צעבושעוועטע פראַנצויזישע פּאָליציי שליידערט קינדער אין אויטאָ. מ׳שלעפּט אַ פרוי מיט אַ פּיצל קינד אויף די אָרעמס. איר ווייַ־געשריי איז האַרצרייסנדיק, זי שרייט מיט אַ באַנעמענ־דיק קול:

— מענטשן!!! ראַטעוועט!!!...

אויפן טראָטואַר שטייט אַ מענטשן־קרענצל און קוקט אויס־טערליש. דאָס רוב פון די צושויער זענען פרויען. איך שטעל זיך אויך אַוועק לעבן זיי.

איינע, אַן עלטערע פראַנצויזין, רופט זיך אָן:

— אַט וואָס אונדזערע מענער טאָן... איז עס נישט קיין צער?

— אָבער דאָס זענען דאָך יידן — זאָגט אַ צווייטע, אַ ייִנגערע, אין די דרייסיקער, און זי טוליעט דערביי צו איר ברוסט אַ הינטל, זי גלעט און שיצט עס קעגן ווינט.

— דאָס זענען דאָך מענטשן ווי מיר — ענטפערט די עלטערע פרוי — מען וועט זיי, די אומגליקלעכע, פון דער „פרייער זאָנע" איבערגעבן צו דעם דייטש, ווי מען טוט עס אין אָקופּירטן פראַנקרייך... קיין פּאַריז זענען יענעם חודש געקומען היטלעריס־טישע פירער, אייכמאַן און דענעקער. אין יידישע ענינים, זאָגט מען, זאָלן זיי שפּילן די הויפּט־ראָל. אייכמאַן שטייט בראש פון דער געסטאַפּאָ אין פּאַריז. ער איז הימלערס פאָרשטייער פון זיכערקייט־פּאָליציי (געסטאַפּאָ). ער און זיין פאַרטרעטער ברונער, זענען דאָס איצט די אָרגאַניזאַטאָרן פון יידן־גירוש אין פראַנקרייך.

— און דער פראַנצויזישער פּרעמיער לאַוואַל און מאַרשאַל פּעטען ,פון דער ווישי־רעגירונג, האָבן מסכים געווען אויף אַרויס־טרייבן יידן — רופט אויס אַ צווייטע.

— מען שיקט די יידן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער „דראַנסי", און פון דראַנסי נאָך ווייטער... וואָס פאַר אַן אומגליק. — באַדויערט די עלטערע פרוי.

מ׳שלעפּט ווידער יידן צום לאַסט־אויטאָ.

— אַט זעט, זיי רייסן אַרויס פרידלעכע מענטשן פון די וווינונגען, קינדער פון די וויגן, און דאָס קומט פאַר ביי אונדז אין לאַנד.

איך קען מער נישט שווייגן, איך רוף אויס:

— פּראָטעסטירט! העלפט! דערלאָזט נישט די דאָזיקע שאַנדע! נאָר קיינער רירט זיך נישט פון אָרט. מען הערט מיך אויס, און מען קוקט אויף מיר מיט ביטול. די צער־בעל־חיימטע, די

פראַנצויזין, וואָס גלעט כסדר איר הינטל, טוט בייז אויף מיר אַ ברום דורך די ציין.

ס׳פלאַמט אַ בליץ נאָך אַ בליץ אַראָפּ פון הימל. באַלייכט און אַנטפּלעקט העל די שוואַרצע עבודה אַרום דעם באַוואַכטן לאַסט־אויטאָ, אַ ווינט וואָיעט. עס בליצט, עס דונערט.

— אָ, ווי די נאַטור צאַרנט — זאָגט ווייטער די עלטערע פרוי...

מ׳פירט נאָך אַרויס אַ צווייטע פאַמיליע פון דעם הויז.

אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטעקן שטייט אַן אַלטיטשקער, האַרט ביי דער וואַנט, אַן איינגעבויגענער. אין דער פינצטער איז בולט זיין שניי־ווייסע באָרד. ער הויבט אויף דעם קאָפּ צום הימל:

„הבט משמים וראה... את עניי" — צעוויינט זיך דער אַל־טיטשקער. „בכה תבכה בלילה ומדעתה על לחיה" — קלאָגט ער ירמיהס קלאָגן על חורבן שלישי: בלילה, דעם 16־טן יולי 1942. אין לה מנחם ואין עוזר לה...

די רוצחים שפּאַטן אָפּ פון דעם אַלטיטשקן, און שלעפּן אים בעסטיאַליש אין אויטאָ אַריין.

— אָרעמער אַלטיטשקער! — איז ממשיך די עלטערע פרוי — ווו איז ברודערלעכקייט?... זאָל בליצן, זאָל דונערן, אַז בערג זאָלן צוזאַמענברעכן. זאָלן גיסן שטראָמען פון הימל און פאַרשווימען די רשעותדיקע וועלט... ווו זענען די שיינע לאָזונגען פון דאַנטאָן און ראָבעספּיער: פאַר סאָציאַלער אויסבעסערונג, פרייהייט און הומאַניטעט, פאַר געדרודפּטע און אונטערדריקטע!

— איר פאַרשוועכט אייערע העלדן, די קעמפער פאַר פריי־הייט — ענטפער איך. — ווי לעכערלעך איז אייער פרעדיקן ברודערלעכקייט, פרייהייט, אויב איר קענט צולאָזן צו דעם אַלע־מען... — ווייז איך צום אויטאָ, ווו בייטשן פייפן און עס דערטראָגן זיך פון דאָרט קולות און געיאָמער.

אָנגעפּאַקט דעם אויטאָ מיט יידן, און אָפּגעפאָרן.

אַ טיף דערשלאָגענע, גיי איך ווייטער מיטן קינד. איך ווייס

אַליין נישט מער, ווהין איך גיי. עס הויבט שוין אָן צו טאָגן. ווו־נישט־ווו, שלייכט זיך שוין אַ מענטש אַדורך דער גאַס. יעדן פאַר־בייגייער בין איך חושד, אַז דאָס לויערט ער אויף מיר... איך באַגעגן אַ באַקאַנטן, אַ פראַנצויז. ער שטעלט זיך אָפּ און וווּנדערט זיך, אַז מ׳האָט מיך נישט צוגענומען. ער האָט שוין געוווּסט וועגן דער אכזריותדיקער נאַכט. ער רופט זיך אָן:

— איר האָט געהאַט מזל, אַז איר האָט אייך געקענט ראַטעווען מיטן קינד.

— יאָ, אָבער אין וויפל שרעק און קאַמף — און איך ווייז אים אויפן קינד, וואָס איז איינגעשלאָפן אויף מיין האַנט — מיין נחמהלע, זי האָט מיך געראַטעוועט. ווי זי האָט דאָס קאָאָפּערירט מיט מיר אין ווידערשטאַנד... און איך דערצייל אים ווי אַזוי ס׳איז געווען.

— מען האָט אויך מיטגענומען ניי־געבוירענע קינדער — זאָגט ער.

— ווי האָט מען דערלאָזט צו אַזאַ אומדערהערטער קאַניבאַ־לישער האַנדלונג ?! — פרעג איך מיט ביטערקייט. — די רעזיס־טאַנס וועט איצט שטורעמען די לאַגערן, וווהין מען האָט פאַרנומען די אומשולדיקע, שוצלאָזע פרויען און קינדער, מען וועט זיי זיכער באַפרייען... מען וועט דאָך דאָס נישט פאַרשווייגן!...

— ניין, מיר קענען זיך נישט אָפּגעבן מיט אַזעלכע קליינע ענינים... — ענטפערט ער דורך די ציין, און גייט איילנדיק ווייטער.

אַ טרויעריקע בלייב איך אַ ווײַלע שטיין. און מיט צער און צאָרן חזר איך איבער דעם פראַנצויזס פראַזע:

„מיר קענען זיך נישט אָפּגעבן מיט אַזעלכע קליינע ענינים"...

## פּערעלע

זשאַנדאַרמען טרײַבן אַ גרופּע ייִדן — יונגע און אַלטע, מיט צעשראָקענע פּנימער און אײַנגעבויגענע קעפּ. מאַמעס מיט קינדער אויף די הענט, מענער מיט האַנט־טשעמאָדאַנעס, בלײַבט ווער הינטערשטעליק, שרײַען די זשאַנדאַרמען, און צוויקן מיט די בײַטשן. דער חלל איז אָנגעפּילט מיט האַרצרײַסנדיקע קרעכצן און קינדערשע געוויינען. עמעץ קרעכצט אויס:

— די פּאָליצײַ האָט אין דער נאַכט אַרויסגענומען די ייִדן פון זײַערע וווינונגען און זיי קאָנצענטרירט אין קאָמיסאַריאַט. און איצט פירט מען זיי אין דער ריכטונג צום קאָנצענטראַציע־לאַגער „קאַפּאַרעלי״.

פּלוצים געשעט עפּעס — אַ פרוי פון דער גרופּע פאַלט אויף דער ערד, אויף בולוואַר שטראַסבורג. די גאַנצע ייִדן־פּראָצעסיע בלײַבט שטיין.

אַ פּאָליציאַנט גייט האַסטיק צו איר צו:

„אויפשטיין!״ — שרײַט ער מיט זײַן גרילציק קול. די ייִדישע פרוי רירט זיך נישט פון אָרט. זי דריקט צוויי קינדער צו איר ברוסט.

פון אַ הויז, דורך אַ שמאָלער עפענונג פון טויער, קוק איך אַרויס געשפּאַנט, מיט אַ ציטערדיק האַרץ. איך זע זי, די פרוי איז דאָך מײַן נאָענטע פרײַנדין פּערעלע.

— אויפשטיין! זאָגט מען דיר! — געוואַלדעוועט אַ ציווילער געהיים־אַגענט, און ער שטעלט צו אַ רעוואָלווער צו איר ברוסט. דאָס בלוט ווערט אין מיר פאַרגליווערט.

— שיסט! — ענטפערט פּערעלע רויִק. נישט געבנדיק אפילו קיין צוק מיט אַן אבר. — שיסט, פאַרן טויט האָב איך קיין מורא נישט!

ווי אַ פייל פון בויגן, פליט פּלוצים, פון ערגעצוווּ, אַ שטיין, און טרעפט דעם געהיים־אַגענט אין פוס. ער ציט גיך צוריק דעם רעוואָלווער פון פּערעלען. ער קאַרטשעט זיך פון שרעק און ווייטיק.

— מען שיסט! — שרייט ער צו זיינע מיטמענטשן, און בייגט זיך אַראָפּ באַטאַפּן זיין פוס, מיינענדיק, אַז ער איז געטראָפן פון אַ קויל, און פאַרלירט דערביי זיין פראַנצויזישן בערעט פון קאָפּ. דאָ געפינט ער דאָס שפּיציקע שטיינדל, וואָס האָט אים געטראָפן אין פוס, ער וואַרפט עס אָוועק מיט כעס.

די פּאָליציי, צעטומלטע, קוקן צום עולם, וואָס שטייט שוין אַרום, און אַרויף צו די פענצטער פון די הייזער, ווו מענטשן רייבן די נאָך פאַרשלאָפענע אויגן. אַרבעטער, וואָס גייען איצט, גאַנץ־פרי, צו דער אַרבעט, דערנענטערן זיך, זיי ווילן וויסן, וואָס דאָ קומט פאָר.

— פון וואַנען פליען שטיינער? — פרעגט די פּאָליציי. עס באַהערשט זיי אַ פּאַניק, זיי קוקן זיך אומרויִק אַן, איינער דעם אַנדערן, האָבן מורא, אַז מען בונטעוועט זיך קעגן זיי. אַזוי ציען זיי שנעל אָפּ מיט דער קאַלאָנע יידן, איבערלאָזנדיק פּערעלען מיט אירע קינדער הינטער זיך.

— פּערעלע, חברטע, — גיי איך שנעל אַרויס פון טויער, גלייך צו איר, איך כאַפּ אירע קינדער.

— קום פּערעלע!

— דו ביזט עס, הענינאַ? — זאָגט פּערעלע, אַן אויפגעהייטערטע.

— הענינאַ, דיין שטיקל אַרבעט איז עס געווען מיטן שטיינדל? האָסט גוט געצילט — זאָגט זי מיט האַרציקייט.

— יוסף (פערעלעס מאַן) איז דאָרט... (ביי די פּאַרטיזאַנער) — גיט זי אַ זאָג צו מיר — דו ווייסט דאָך ווו.

פערעלע קוקט נאָך ווי מען פירט די מחנה יידן — אירע היימישע יידן. צאָרן און ווייטיק דריקט אויס איר פּנים. אירע שוואַרצע אויגן זענען אומעטיק, אָבער אַנטשלאָסן. צווישן דער יידן־מחנה געפינט זיך אויך איר פאָטער. פלינק, צעפּיבערט, גיט זי זיך אַ לאָז נאָך דער גרופּע יידן, רופנדיק אויפן קול:

— טאַטע, טאַטע, קום!

אַן אַלטער מאַן, מיט אַן איינגעבויגענעם רוקן, קוקט זיך אום. פערעלע איז שוין ביי אים. זי נעמט אים פאַר דער האַנט:

— קום, פאָטער־לעבן! קום! יידן, קומט איר אויך! — רופט פערעלע אויס הויך. — לאָזט אייך נישט אָוועקשלעפּן פונעם משחית — דעם דייטש. לאָזט אייך נישט פירן צו דער שחיטה!

די פּאָליציי טרייבט דעם עולם, וואָס בלייבט הינטערשטעליק. בייטשן צוויקן פערעלעס פיס, אָבער זי טרעט נישט אָפּ. איר שטים ווערט אַלץ העכער:

— מיין קראַנקער פאָטער, ווו שלעפּט איר אים? וווהין? — אויך אַנדערע פרויען צעשרייען זיך אויפן קול:

— ווו שלעפּט איר אונדז?! קוקט אָן אונדזערע פּיצלעך קינדער!

פּאָליציי באַמיט זיך איינצוהאַלטן אָרדענונג — יאָגן און פּאַכען מיט די בייטשן. זיי טרייבן די, וואָס האָבן זיך אָפּגעשטעלט און רירן זיך נישט עקשנותדיק פון אָרט. די וויגעשרייען פון די פאַרביטערטע יידישע הערצער, רייסן זיך העכער און העכער, פילן אָן דעם חלל מיט יללות.

— אייער שאַנד! — שרייט אויס פערעלע צו דער פּאָליציי — אַ שאַנד־פלעק אויף אייביק, און דאָס קומט פאַר אין דעם לאַנד פון „פרייהייט, גלייכהייט און ברודערלעכקייט".

דער נייגעריקער המון האַלט אין איין וואַקסן. עס ווערט אַן אַנגעלויף און אַ ליאַרעם.

— יידן, אַנטלויפט! — —שרייט פערעלע — צו פאַרלירן האָט איר גאָרנישט! ראַטעוועט זיך!

יידן צעלויפן זיך, פערעלע לויפט מיט זיי.

פערעלען האָט די פּאָליציי אָממיינסטנס אויפן אויג, זי כאַפּט מען די ערשטע.

— קייטן אויף די הענט! — שרייט דער פּאָליציי־קאָמענדאַנט. פערעלע לייגט אַליין צונויף ביידע הענט, מען בינדט זי.

אַ גרויסער לאַסט־אויטאָ יאָגט אָן פון ערגעץ. מען פּאַקט אין אים אַריין די יידן.

און ווען דער אויטאָ איז שוין פול געפּאַקט, קוקט פערעלע נאָך, דורך אַ שפּאַלט פון אויטאָ, אין דער ריכטונג, ווו די יידן זענען אַוועק. עטלעכע פון זיי האָבן זיך געראַטעוועט. לעבן איר איז געשטאַנען איר פאָטער, אַ צוזאַמענגעקאָרטשעטער זקן, אַ קוים זשיפּנדיקער. פערעלע שטאַמלט צו אים, ווייזנדיק, אַ שטראַלנדיקע, מיט דער האַנט אויף די אַנטלאָפענע, געראַטעוועטע יידן:

— פאָטער, פאָטער טייערער, זיי וועלן נקמה נעמען...

פראַנקרייך, טולוז, 1942.

## דער פאַרמשפּטער פּאַרטיזאַן

(אָקופּאַציע־צייט אין פראַנקרייך)

די עקזעקוציע דאַרף זיין היינט, יעדער אין שטאָט האָט דערפון געוווּסט. גאַנץ־פרי איז דער רב ר׳ נתן האַשאַנסקי אַרויס אין גאַס; דער דרויסן איז געווען פאַרגאָסן מיט אַ פרימאָרגן־שיין. ער איז אַריין אין אויטאָבוס 26 און געפאָרן צו דער תפיסה סען־מישעל, צום פאַרמשפּטן יידישן פּאַרטיזאַנער.

אַריינקומענדיק אין תפיסה־קאַמער, איז אים דער פאַרמשפּטער אַנטקעגנגעגאַנגען.

— גוט מאָרגן רבי, — האָט ער צו אים געשמייכלט, און אים געגעבן שלום.

דער רב האָט אים אויך באַגריסט. ביידע האָבן זיך געזעצט אויף דער פּריטשע.

— רבי, איר קומט אַביסל צו שפּעט, אונדזער געשפּרעך וועט לאַנג נישט קענען דויערן. באַלד וועט מען קומען מיך... — האָט דער פאַרמשפּטער נישט פאַרענדיקט.

דער רב האָט געקוקט מיט צער אויף דעם פאַרמשפּטנס צע־ביילטע הענט און פּנים — אַ מאַרטירער, אַ קדוש, האָט ער געטראַכט.

— מענדל, האָסט גובר געווען... נישט פאַראַטן... איך בין דערשטוינט פון דיין גבורה און רויִקייט.

— רבי, איך האָב אויסגעפירט מיין פליכט בשלימות — האָט מענדל געענטפערט, — כדי ס׳זאָל זיין אַ בעסער און פריי לעבן פאַר אַלע מענטשן.

עס האָבן זיך דערהערט טריט אין קאָרידאָר, דאָס געריש פון שליסל. מענדל האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— מיין פרוי, מיין קינד, מיין ראָזיטאַ — האָט ער געמורמלט.

— מענדל, זאָג ווידוי — האָט אים דער רב אויפגעמישט אַ סידורל.

צוויי וועכטער זענען אַריינגעקומען, האָבן זיך האַסטיק דער־נעענטערט צום קרבן, געוואָלט אים אָננעמען פאַר זיינע געשלאָסענע הענט אין קייטן.

— קום! — האָט זייער געשריי אָפּגעהילכט טעמפּ אינעם דושנעם חלל.

— איך גיי אַליין — האָט דער פאַרמשפטער זיך געוועהרט.

— געגאַנגען!

ער איז אויפגעשטאַנען און געזאָגט:

— איך בין גרייט.

אַלע פיר זענען אַרויס פון דער תפיסה־קאַמער, געגאַנגען דורך דעם לאַנגן האַלב־טונקעלן קאָרידאָר אַראָפּ צום תפיסה־הויף. דער פאַרמשפטער האָט געשפּאַנט דרייסט. דער רב איז נאָכ־געגאַנגען האַרט הינטער אים. ער האָט געקוקט אויף זיינע צערי־סענע קליידער, באַפּלעקטע מיט בלוט, פון וועלכע ס׳האָט ערטער־ווייז אַרויסגעקוקט זיין צעשניטן לייב. דער צער האָט אים גע־שטיקט ביים האַלדז. שטילערהייט האָט ער מתפלל געווען:

— די, וואָס פאַרגיסן בלוט פון אומשולדיקע, זאָל זיי דאָס באַצאָלט ווערן.

אין הויף איז געשטאַנען די גילאָטינע, טויבן זענען געזעסן אין דער הויך אין אַ שורה. אַ זוניקער טאָג, אַ באַצויבערנדיקער פרימאָרגן — דער רב טראַכט: און דאָ וועט אויסגעפירט ווערן אַ פאַרברעכן איבער דעם בחיר־היצירה — דעם מענטש.

מ׳האָט צוגעפירט דעם קרבן צו דער גילאָטינע. עטלעכע פון די טויבן זענען זיך צעפלויגן מיט אַ פליגל־פּאָכעריי און אַנדערע

זענען געקומען אַנצופליען, זיך צוגעזעצט צו די איבערגעבליבענע.

אין אַ זייט, אָפּגערוקט, זענען געשטאַנען דייטשן, ציווילע און מונדירטע. זיי האָבן זיך פריילעך אונטערגעהאַלטן, זיך לוסטיק געמאַכט איבער דעם קרבן, וואָס איז געשטאַנען אויף זיין אומקום־מזבח — די גילאָטינע. זיי האָבן הנאה געהאַט פון דעם ספּעקטאַקל.

דער קרבן איז געווען מוטיק ביי זיין עקידה, ווי יצחק אבינו אויף דעם באַרג מוריה. שטראַלן פון דער מאָרגן־זון זענען געפאַלן אויף זיין פּנים, אויף זיינע גלאַטיקע האָר און באָרד. דער הויף איז געווען באַשטראַלט פון דער אויפגייענדיקער זון.

— ווי אַזוי קאָן די זון שיינען אין דעם תפיסה־הויף ? — האָט דער רב אַלץ נאָך געטראַכט. — פאַרשאַלטן זאָלן זיין די תפיסה־הערשער — „מנא מנא תקל ופרסין...״ — די רוצחים וועלן פאַרטיליקט ווערן. ס׳וועט אויף זיי קומען אַן אונטערגאַנג...

עס זענען אָנגעקומען עטלעכע פראַנצויזן, זיך צוגעשטעלט צום רעדל דייטשן. אַלע האָבן זיי גערעדט הויך, אָפּגעשפּאַט פון קרבן און געטריבן קאַטאָוועס :

— אַ רעוואָלוציאָנער, אַ יידישער קאָמוניסט — האָט ווער געזאָגט מיט אַ חוזק־געלעכטערל.

— אַלע יידן זענען דאָך קאָמוניסטן — גיט צו אַ צווייטער.

— דער זשוויף (ייד), ער קומט פון איזראַעל, געשיקט פון „חיפה״, — רופט זיך אָן דער פּאָליציי־קאָמיסאַר — געוואָרן אַ פירער דאָ אין פראַנקרייך פון די יידישע „מאַקי״, סאַבאָטירט אונדזער „פּאַטריאָ״.

— גענעראַל ראָמעל איז נישט ווייט פון חיפה... — זאָגט אַ געסטאַפּאָ־אַגענט, און אַן אויסדרוק פון נצחון צעלייגט זיך אויף זיין רויטן פּרצוף. — די דייטשע אַרמיי, וועט באַלד באַזעצן איזראַעל, און אויס מיט די יידן — די טעראָריסטן....

ס׳איז אָנגעקומען אַ קליינער פּריוואַט־אויטאָ, פון וועלכן ס׳איז אויסגעשטיגן אַ מאַן. אַלע האָבן אים מיט גרויס כבוד באַגריסט.

דאָס איז געווען דער גרויס־פּראָקוראָר „לעספינאַס", דער זעלבער, וואָס האָט פאַרמשפּט מענדלען, דעם יידישן פּאַרטיזאַן, צום טויט. אויף אים טאַקע, דעם געשעצטן פּראָקוראָר, האָט מען דאָס גע־וואַרט... אַלע זענען זיי געקומען זיך דאָ פאַרשאַפן גזלנישן תענוג — האָט דער רב געטראַכט, — ווי אין די אַמאָליקע צייטן אויף אַן אַמפיטעאַטער־אַרענע, בעת די קאַמפן פון מענטש און ווילדע חיה. — דאָס דייטשישע געלעכטער האָט זיך געטראָגן הילכיק אין דער לופט.

דער פאַרמשפּטער האָט זיך אַ קער געטאָן מיטן פּנים צו די רוצחים און הויך אויסגעשריגן:

— אַ טויט די דייטשן! אַ טויט די קאָלאַבאָראַנטן, די פאַררעטער פון זייער אייגן לאַנד! זאָל לעבן די רעפּובליק! — זיינע אויגן האָבן געפינקלט מיט פייער.

צוויי הענקער האָבן זיך געוואָרפן אויפן קרבן, זיין קאָפּ אַרונטערגעלייגט אונטער דער גילאָטינע. אַ שאַרף פון אַ בליצנדיקן חלף, אַ רויטער שטראָם פון רויכערדיקן בלוט, האָט אַ פאַרבלענד געטאָן דעם רבס אויגן. — דאָס מעסער האָט זיינס געטאָן...

— ברוך דיין אמת — האָט דער רב געזאָגט. — ער איז מיט שווערע טריט אַרויס פון תפיסה־הויף. ער האָט זיך געשטיקט, שווער געאָטעמט, ווי ער וואָלט זיך אויפגעהויבן אויף אַ הויכן באַרג, זיין האַרץ האָט נערוועז געקלאַפּט.

דער רב האָט גענומען שנעל שפּרייזן איבער דער גאַס. אַלץ האָט אים איצט געשראָקן — דער גאַנצער אַרום, דער העלער טאָג און אויך די ערד אויף וועלכער ער איז געטראָטן. ער איז געווען פאַרמאַטערט, אָן כוחות, אָן אימהדיקע מורא האָט אים אַרומגעכאַפּט. פון פאַרבייגייער, וואָס זענען אים אַנטקעגן געקומען, האָט ער מיט פּחד זיך דערווייטערט. ער האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז פון אַלע זייטן קומען און גייען בלויז בלוטדורשטיקע הענ־קערס... אַז אין דער לופט טראָגט זיך נאָר רוצחישער געלעכטער,

אַ וואָרעם־פאַרעדיק געדוך פון בלוט, אומשולדיק מענטשלעך בלוט, אויסגעמישט אין עפּעס אַ מאָדנעם כאַאָס, ווירוואַר... ער האָט זיך וואַקלענדיק קוים דערשלעפּט אַהיים.

אַריינגעקומען צו זיך אין שטוב, האָט דער רב זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטול ביים טיש, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף זיינע הענט און זיך ביטער צעוויינט. ער איז געווען אינגאַנצן נאָך איבער־געוועלטיקט פון דעם נאַר־וואָס איבערגעלעבטן. אַ טיפער טרויער האָט אים באַהערשט. זיין שטערן איז געווען באַהויכט מיט אַ קאַלטן שווייס. אַ גאַנצן טאָג איז ער געווען צעטומלט, פאַרמחשבהט, און געשוויגן. פאַר זיין דמיון איז אים כסדר פאַרביי דאָס טרויעריקע בילד פון תפיסה־הויף — אַן אַראָפּגעהאַקטער קאָפּ פון אַ מענטש, פון אַ יידישן פאַרטיזאַן, האָט אַ פאַל געטאָן אויף דער ערד.

אַ גאַנצן טאָג האָט מען אים נישט געזען אַרויסגיין פון שטוב.

✶

אין אַ בונקער האָבן אויפן רב געוואַרט די יוגנטלעכע, אין אומרו, ווי שטענדיק, ווען ער פאַרזוימט זיך. צוזאַמען מיט זיי זיצט אַ פראַנצויז, דעם פאַראורטיילטנס אַ פריינד, פון דער רעזיסטאַנס־באַוועגונג. ער איז אויך געווען אַרעסטירט, ווי מענדל. דעם פראַנ־צויז איז געלונגען באַפרייט צו ווערן. ער דערציילט וועגן די עינויים, וואָס מענדל האָט געהאַט אויסצושטיין אין תפיסה. וואָס פאַר אַ שרעקלעכע פיזישע טאָרטורן ס׳זענען אויף אים אָנגעווענדט געוואָרן. מענדלס אַלע איבערצייגנדיקע דערקלערונגען פאַר די פאַררעטערישע ווישי־ריכטער, אַז ער איז אַ פּאַטריאָט, אַ געטרייער אָנהענגער פון פראַנקרייך, האָבן נישט געהאָלפן. וואָכן־לאַנג האָט מען מענדלען געפּייניקט, אָבער מענדל האָט נישט פאַרראַטן, קיינעם נישט אויסגעגעבן.

— אין דער פּייניקונגס־קאַמער, איז מענדל נישט איינמאָל

געפאַלן אַן אַטעם, אַ פאַרחלשטער אויף דער ערד. בעתן עפענען די אויגן, האָט ער אַרום זיך געזען ווי ווישי־מיליץ (פראַנצויזישע נאַצי־פּאָליציי) און דייטשע געסטאַפּאָ, גיסן אויף אים עמערס מיט וואַסער, אים צו דערמונטערן, כדי ווידער אַמאָל אים צו מאַלטרעטירן. די תלינימס געלעכטער, זייער קאַטאָוועס טרייבן פון זיינע יסורים, האָט אויפגעטרייסלט די תפיסה־ווענט — דערציילט דער פראַנצויז, וואָס ער האָט אַלץ אַליין בייגעוווינט.

— נאָך דעם אורטייל, שוין קורץ פאַר מענדלס עקזעקוציע, זענען נאָך צו אים געקומען אין תפיסה־צעל צוויי דייטשע געס־טאַפּאָ־לייט און אים צוגעזאָגט צו שענקען דאָס לעבן און אים באַפרייען, אויב ער וועט זאָגן, ווו ער האָט גענומען די וואָפן, וועלכע מ׳האָט געפונען ביים אַרעסטירן אים ביי דער באַן אין טולוז. ער זאָל זיך אויך מודה זיין, אַז ער קומט אין שליחות פון יידן אין פאַלעסטין, און דערציילן וועגן זיין מיטאַרבעט מיט די פּאַרטיזאַנער.

מענדל האָט געענטפערט שטאָלץ און דרייסט: — בעסער וויל איך שטאַרבן, איידער אייך צו דינען. — דעם דאָזיקן פעסטן באַשלוס זיינעם, האָט ער אויך דערקלערט פאַר די ריכטער אין געריכט־זאָל.

די רוצחים האָבן אים געפּאַטשט און געזידלט: — טעראָריסט! יידישער נאַציאָנאַליסט!

זיי האָבן אים אַריינגעפירט אין דער פיין־קאַמער, געוויזן אים פייער־שפּיזן און אַנדערע געפערלעכע רוצחישע מכשירים און אים פאָרגעוואָרפן: אַז אַלס מעכאַניקער האָט מענדל, אין זיין וווינאָרט חיפה, אויסגעאַרבעט געַנוג אַזעלכע טאַרטור־מכשירים קעגן די אַראַבער, פאַבריצירט זיי אויפן פאַרלאַנג פון די יידן און ענגלענ־דער אין פאַלעסטינע, כדי צו פייניקן אומשולדיקע אַראַבער, און נאָך אַזעלכע גיפטיקע ליגנס און וויסטע פאַשקווילן קעגן אים, און קעגן יידן בכלל אין ישראל. נאָר מענדלען שרעקן שוין נישט די אוממענטשלעכע עינויים, וואָס שטייען אים ווידער פאַר אין דער

פייניקונג־קאַמער, ער ווערט אויך נישט נתפעל פונעם צוזאָג צו ראַטעווען זיין לעבן. די געסטאַפּאָ־לייט פּרוּוון ווידער זייערע בלוטיקע, מערדערישע מיטלען.

— מענדל האָט אין חיפה געאַרבעט אַלס מעכאַניקער, אין אַ וואַרשטאַט ביי דער באַן — רופט זיך אָן משה — ביי לאָקאָמאָטיוו־אַרבעט. מענדל איז נאָך אַ סך יאָרן פאַר דער מלחמה אַוועק פון ישראל קיין פראַנקרייך, געוווינט דאָ די גאַנצע צייט, אין טולוז, געווען אַקטיוו באַטייליקט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג.

— מיר ווייסן גאַנץ גוט — זאָגט דער פראַנצויז — אַז ישראל האָט מיט דער גאַנצער זאַך גאָרנישט צו טאָן...

— דאָס פון דער תפיסה, וואָס דער חבר דערציילט, האָבן מיר שוין מער־ווייניק דערפאָרן אויך פון אַנדערע — זאָגט אַ יוגנטלעכער פון דער מפא״י, יידישע אַרבעטער־פּאַרטיי אין ארץ ישראל — און די רעזיסטאַנס, די יידישע, ווי די נישט־יידישע, האָט גאָרנישט געקענט העלפן.

אויך סאַליעזש, דער טולוזער קאַרדינאַל, דער גרויסער הומאַניסט, האָט אויך גאָרנישט געקענט אויפטאָן פאַר מענדלען, אַלע זיינע באַמיונגען זענען געווען אָן דערפאָלג. זיין פּאַסטאָראַל־בריוו וואָס קאַרדינאַל סאַליעזש האָט שוין לאַנג געהאַט צעשיקט אין אַלע קירכעס פון שטאָט: „מען זאָל יידן קיין שלעכטס נישט טאָן, מען זאָל יידן נישט דענונצירן, מען דאַרף יידן העלפן״, איז אויך געלייענט געוואָרן אין קירכע, אין דער קעגנוואַרט פון פּראָקוראָר לעספּינאַס, וואָס האָט געהאַט מענדלס ענין אין זיין האַנט. דאָס אָבער האָט אויך נישט געהאָלפן. אַ סך גלחים זענען אויך נישט מסכים מיטן קאַרדינאַל סאַליעזש, אַז מען דאַרף יידן העלפן...

די פראַנצויזישע פּרעסע האָט געפירט אַ העצע במשך דער גאַנצער צייט פון פּראָצעס. די פעטע צייטונגס־קעפּלעך: „זשוויף (ייד) „מענדל לאַנגער״, „טעראָריסט״ אדג״ל. אין די טאָג־צייטונגען,

צי אין זשורנאַלן, איבעראַל איז אָנגעגאַנגען אַ גיפטיקע העצע מיט אינטריגעס און שקר־בלבולים קעגן יידן בכלל, כדי אויפצוהעצן דעם פראַנצויזישן המון קעגן אונדז. פלאַקאַטן מיט מענדלס בילד קלעפּן אויף די מויערן אין אַלע גאַסן. אַנדערע אַרעסטירטע און דערמאָרדעטע יידישע פּאַרטיזאַנער־ייִנגלעך זענען עפנטלעך פּובּליקירט — ס׳וויייטיקט דאָס האַרץ ביי יעדן פון אונדז.

✶

ערשט אין אָוונט איז דער רב אַרויס אין גאַס און זיך געלאָזט גיין אין בונקער־קעלער, צו די פּאַרטיזאַנער. ער איז קודם אַריין אין שול אויף רי־פּאַלאַפּאַרט. דאָן פאַרזיכטיק געגאַנגען איבער גאַסן און געסלעך, אַרומקוקנדיק זיך פון צייט צו צייט, ביז ער האָט זיך אַריינגעשלייכט אין בונקער. דעם רבס אַריינקומען האָט אַלעמען דערפרייט. ער האָט זיך צוגעזעצט צו זיי אויף דער באַנק און געשוויגן. זיין דערשלאָגן פּנים האָט אויסגעדריקט צער און צאָרן.

די יוגנטלעכע אַרום האָבן אויך פיינלעך געשוויגן, געשוויגן פון אומאָנגענעמער דערוואַרטונג. קיינער האָט נישט געוואָגט עפּעס צו פרעגן, אַ וואָרט אַרויסצורעדן. אַ געדריקטע שטילקייט האָט געהערשט אינעם אַרום.

נאָך אַ לאַנגער ווײַלע, האָט דער רב גענומען דערציילן וועגן מענדלס טויט, דעם פאַרמשפּטן יידישן פּאַרטיזאַנער. זיין קול איז געווען דורכגענומען מיט טיפן צער. ער האָט דערציילט וועגן דעם קרבנס ווונדן, איבערגעגעבן זיינע לעצטע ווערטער וועגן זיין פרוי און קינד.

— וויפל פּערזענלעכן מוט דאַרף אַ מענטש האָבן, אָנועקצוגיין פון פרוי און קינד, פון היים־גליק. יעדעס מאָל ביים באַזוך ביי אים, האָט מענדל געביטערט, געזאָרגט זיך, ווער וועט זיי דער־

נערן? און צי האָט ער בכלל רעכט געהאַט זיך איינצושטעלן דאָס לעבן. דער רב גיט איבער, ווי אַזוי דייטשישע און פראַנצויזישע רוצחים האָבן זיך געשטעלט פאַר דער גילאָטינע, זיך לוסטיק געמאַכט איבער דעם קרבן. און וועגן דעם פאַרמשפּטנס מוטיקער און ווירדיקער האַלטונג אין זיינע לעצטע מינוטן. דער רב האָט אַפּעלירט צו די יוגנטלעכע, געריפן זיך נוקם צו זיין אין די בלוט־שונאים מיט געווער אין האַנט.

מיט פאַרטיפונג און פאַרקלעמטע הערצער האָבן די יוגנט־לעכע זיך צוגעהערט צום רבס רייד. אַלע האָבן מיט אים מסכים געווען, אַז מען דאַרף מיט געווער נוקם זיין דאָס פאַרגאָסענע יידישע בלוט. נאָר איינער, אַ רעליגיעזער בחור, פון דער אגודה, האָט זיך אָנגערופן:

— אונדזערע אבות זענען אייביק געווען קעגן באַנוצן זיך מיט געווער — ג־ט וועט זיך מרחם זיין.

דער רב האָט דעם אגודהניק אָנגעקוקט מיט דורכדרינגענדיקע בליקן און זיך געווענדט צו אים:

— געווער איז ביי יידן טאַקע תמיד געווען אַ דבר מוקצה, אַ פרעמדע זאַך. אָבער, אַז מ׳האָט זיי אָנגעגריפן, האָבן יידן זיך מוטיק אַנטקעגנגעשטעלט די שונאים. ווי קען מען היינט זיך צוקוקן צו דער הפקרות מיט פאַרלייגטע הענט? ווי קען מען זיין פאַסיוו!

— לאָמיר, ברידער, נקמה נעמען מיט געווער אין האַנט! — האָט איינער פון די פרייע (פון די קאָמוניסטן) אַ הינקנדיקער אויף אַ פוס, אַרויסגערופן, אַרויסציענדיק אַ בלאַנקנדיק שפּיזל פון זיין שטעקן.

— אָט איז אויך מיין געווער — האָט פייוול חריף פון מפא״י געוויזן דעם אגודה־בחור זיין רעוואָלווער.

— לאָמיר שאַרפן אונדזער נשק קעגן דעם גרעסטן פיינט פון אונדזער פאָלק — האָט געזאָגט מישעל פינק.

— נקמה, נקמה נעמען — האָט זשאַק, פון „השומר הצעיר" געררעדט מיט ברען.

— לאָמיר פאַרשטאַרקן אונדזער זעלבסטשוץ — מוטיקט טאַני (נתנאל) פון מ. זש. ס. (ציוניסטישע יוגנט־באַוועגונג).

— מיר קעמפן קעגן שונא ביז צום ענדגילטיקן זיג — האַלט אונטער גבריאל.

— מיט שווערד אין האַנט, וועלן מיר פעכטן קעגן פיינט! — רופט אויס נחמן ייווין (ייבין) דער רעוויזיאָניסט, און ציט אַרויס אַ שטילעט פון שטיוול.

— קעגן דער היינטיקער ביישפּיללאָזער אכזריות דאַרף אונדזער ענטפער זיין: אַקטיווער ווידערשטאַנד־קאַמף! — זאָגט יהודה לייב, אַ חבר פון פּועלי־ציון־התאחדות.

דער רב האָט געעפנט אַ שאַכטל, אַרויסגענומען אַ רעוואָלווער, איב באַטראַכט, געזען צי ער האָט גענוג קוילן און זיך געווענדט צו אַלע:

— דאָס כלי־זין רופט ביי מיר אַרויס עקל, יעדעס מאָל ווען איך נעם דאָס אין האַנט, ווי איך וואָלט נישט וועלן זיין אָפּגעהיטן דערפון, נישט באַנוצן זיך דערמיט, מוז איך עס דאָך נעמען מיט זיך. — ער באַהאַלט דעם רעוואָלווער ביי זיך אין טאַש.

די יוגנטלעכע האָבן מיט באַגייסטערונג געקוקט אויפן רב, דעם אָפיציר פון א. זש. (יידישע אַרמיי); זיינע ווערטער האָבן ביי זיי אַרויסגערופן שטאָלץ און קאַמפּס־מוט.

— די געסטאַפּאָ האָט דאָסמאָל גאַרנישט אויפגעטאָן מיט זייער רשעות, — האָט דער רב ממשיך געווען וועגן מענדלען. — מענדל האָט אַלץ אויסגעהאַלטן, איבערגעגעבן זיך דעם טויט ווי אַ הייליקער מאַרטירער. דער העלד, דער קדוש וטהור, וועט אייביק פאַרבלייבן איינגעקריצט אין אונדזער זכרון, צוזאַמען מיטן הייליקן אָנדענק פון אונדזערע אַלע קדושים וטהורים.

די יוגנטלעכע, אונטערן שטאַרקן איינדרוק פונעם רבס רייד, האָבן מיט צער און צאָרן אַנגעפילטע הערצער געשעפטשעט:

— מיר וועלן נקמה נעמען...

✶

קורץ דערנאָך, אין אַ זונטיק־אָוונט, איז דער רב נתן האָשאַנסקי אַריין צו די יוגנטלעכע אין אונטערגרונט מיט אַ צופרידענעם שמייכל:

— ס'איז געשען — האָט ער זיי דערלאַנגט די אָוונט־צייטונג „לאַ דעפעש". די יוגנט האָט פריילעך געטומלט. זיי האָבן שוין געוווּסט וועגן דער גוטער בשורה. אַ בחור האָט הויך געלייענט די נייעס פון דער צייטונג:

„היינט אין דער פרי, ווען פּראָקוראָר לעספינאַס (וואָס האָט פאַרמשפּט מענדלען, דעם יידישן פּאַרטיזאַנער, מיט טויט), איז געגאַנגען פון קלויסטער אַהיים, האָבן זיך צו אים דערנענטערט צוויי טעראָריסטן אויף ביציקלען און אים דערשאָסן".

די יוגנט, צעפלאַקערט פון פרייד, האָבן מיט התפעלות אויסגערופן:

— אַ פיין שטיקל אַרבעט אָפּגעטאָן! ס'איז געלונגען! נקמה גענומען!

— יאָ, נקמה גענומען, מקיים געווען אַ מצווה — האָט דער רב פרום געמורמלט, — די נקמה־נעמער האָבן דערהויבענע נשמות...

— אוודאי, אוודאי אַ מצווה — האָט מען זיך געפּלפּולט איבער גאולת הדם. די פּנימער ביי די יוגנטלעכע, ווי אויך דעם רבס גייסטיק געזיכט, האָבן אויפגעלויכטן מיט שטאָלץ.

— דער בורא עולם, זאָל אויך ווייטער נישט אָפּטאָן פון אונדז זיין חסד, — האָט דער רב געשעפּטשעט, — וואָס עס טוט זיך אין גאַס: רעפּרעסיעס, אַבלאַוועס, מ'נעמט אַממיינסטנס יוגנטלעכע. נאָך

זיבן אַזייגער אין אָוונט טאָר מען שוין נישט פאַרלאָזן די שטוב. אַן אַ דערלויבעניש טאָר מען זיך נישט באַווייזן אין גאַס.

— אָבער די ריכטיקע נקמה־נעמער האָט מען נישט געכאַפּט, — האָבן די יוגנטלעכע אויסגערופן מיט באַגייסטערונג.

— „אל דאטפת דאטפוך״, דערפאַר וואָס דו האָסט דערטרונקען, האָט מען דיך דערטרונקען, — דעם אויבערשטנס חסד איז אין לשער... — האָט דער רב גאָטספאַרכטיק אויפגעהויבן די אויגן צום הימל.

*

נאָך דער באַפרייונג, האָט די פראַנצויזישע רעגירונג אָנגע־רופן אויף מענדלס נאָמען אַ גאַס אין טולוז:

„אַוועניו מאַרסעל לאַנגער — העלד פון דער באַפרייונג״.

מענדלס נאָמען איז אויך אויסגעקריצט געוואָרן אויף אַ מאַר־מאָר־שילד אין תפיסה „סען־מישעל״.

פראַנקרייך, 1943.

## דער שאָס אין באָדצימער

(אָקופּאַציע־יאָרן אין פראַנקרייך)

ווען איך האָב זונטיק, אַכט אַזייגער אין דער פרי, אָפּגעוואַרט מיין פריינדין שרהן (אַריאַניע) ביים צוג, זי איז געקומען פון קליינעם שטעטל גראַנאַדע, לעבן טולוז — האָבן מיר, גייענדיק, אויף רי באַיאַרד־גאַס, האַרט ביים וואָקזאַל, דערזען פאַר אַ הויז שטיין אַ גרויסן גרינעם אויטאָ. קעגנאיבער אויפן טראָטואַר זענען מענטשן געשטאַנען און נייגעריק געקוקט. אויך מיר זענען אויף אַ ווײַלע שטיין געבליבן צווישן עולם. דער גרינער אויטאָ האָט געצויגן אַלעמענס בליקן. באַלד האָבן צוויי דייטשן אַרויסגעטראָגן פון דעם הויז אַ גרויסן פּאַקעט, איינגעבונדן אין אַ קאָלדרע, וואָס איז ערטערווייז געווען פאַרבלוטיקט.

— זיי האָבן דערהרגעט אַ מענטש אין דער וווינונג — האָט מען צווישן עולם זיך געשושקעט. מאַנכע זענען געווען אויפגעבראַכט, צאָרנדיק, מאַנכע גלייכגילטיק. די צאָל נייגעריקע איז אַלץ געוואַקסן. מיר האָט עס אַ ריס געטאָן ביים האַרצן פאַר ווייטיק. איך האָב געוווּסט, אַז אין דעם הויז וווינט אַ יידישע פאַמיליע. די דייטשן האָבן דעם פאַרבלוטיקטן פּאַקעט צוזאַמענגעדרייט אין אַ קנויל, אַריינגעוואָרפן אין זייער אויטאָ און האַסטיק אָוועקגעפאָרן.

אַלע אויפן טראָטואַר האָבן געקוקט שטאַר אין דער ריכטונג, ווו דער דייטשער אויטאָ מיטן דערמאָרדעטן ווערט פאַרשוווּנדן.

— אַ מענטשלעך לעבן שפּילט דאָך ביי זיי קיין שום ראָלע נישט — האָט עמעץ געזאָגט מיט צאָרן, הויך אויפן קול.

— מיר האָבן געהערט דעם אָפּקלאַנג פון שיסן, זענען מיר

שטיין געבליבן — האָבן אַנדערע זיך פאַרענטפערט שמייכ־לענדיק...

אַ שכן האָט אפילו געזען — „דאָס פייער־בליצן פון פּולוועראון רעוואָלווערן דורכן פענצטער פון די זשוויפּס (יידן) וווינונג"... נאָך אַנדערע האָבן זיך באַקלאָגט אויף דעם וועטער: „אַ טריבער פאַרכמאַרעטער טאָג — און אַ היץ... הגם ס'איז ערשט 9 אַזייגער אין דער פרי".

כ'האָב געפילט ווי די פיס ברעכן זיך מיר אונטער, איך האָב מיט טרויער געקוקט פאַר זיך.

— קום, מיר מוזן שוין גיין — פליסטערט שרה מיט אַ פאַר־שטיקטער טרויעריקער שטימע. איך האָב זיך פלוצים געכאַפּט, אַז דאָ טאָר מען נישט שטיין בלייבן, אַז דאָ לויערט אַ סכנה. מיר זענען מיט שנעלע טריט אוועק.

*

מיר זענען אַנגעקומען צו אַ באַקאַנטער פראַנצויזישער פאַ־מיליע, וואָס האָט געוווינט אין „סאַנט־אַן" (אַ פאַרשטאָט פון טולוז). מיר זיצן מיט דער באַקאַנטער פרוי און שמועסן, דער קלײנער פיער — איר זון, פרייט זיך מיט די מתנות, וואָס מיר האָבן אים מיטגעבראַכט. די פרוי באַקלאָגט זיך פאַר אונדז, אַז איר מאַן, (פּאָליציי־באַאַמטער פון „סערוויס־עטראַנזשער") איז אין דינסט, אַז אפילו אין זונטיק איז ער אויך נישט אַלעמאָל פריי פון דער אַרבעט, אָבער ער קומט אויף מיטאָג, מיר קענען צוואַרטן. — מיט אַ פריינדלעכער מינע פרעגט זי אונדז אויס, וואָס מען הערט א. א. וו.

— מיר האָבן געוואָלט געוויזער ווערן ביי אייער מאַן, צי ווייסט ער נישט וואָס ס'האָט פּאַסירט אויף רי באַיאַרד — האָב איך צו איר געזאָגט. שרה דערציילט, אַז זי קומט איצט פון

גראַנאַדע, ווו זי האָט באַזוכט יידישע קינדער ביי אַ נורס,[1] און אַז די קינדער האָבן זיך דאָרט נישט שלעכט.

— דער „מער" (בירגערמייסטער) אין גראַנאַדע איז נישט שלעכט צו יידן — האָט זיך אָנגערופן ראַנען, אַ ייד, וואָס איז אויך געזעסן מיט אונדז — ער מיט זיין פרוי האָבן זיך דאָרט אויסבאַהאַלטן, ביי די פראַנצויזן אין הויז.

— אַ בראַוּוער מאַן, דער מער פון גראַנאַדע — האָט די פרוי צוגעגעבן, — איך בין באמת זייער צופרידן, וואָס עטלעכע יידישע קינדער פון דעפּאַרטירטע עלטערן קענען זיך דאָרט אויסבאַהאַלטן.

אין דעם מאָמענט האָט מען געקלונגען אין טיר. ס'איז אַריינ־געקומען אַ שכן, זשאַן, אַן אויפגערעגטער, ער האָט נישט געקענט קיין וואָרט אַרויסרעדן. נאָך אַ ווײַלע האָט ער געזאָגט מיט אַ פאַרשטיקטער שטים:

— איך האָב איצט געזען, ווי דער „באָש" (דייטש) האָט דערשאָסן אַ יונגע פרוי.

— ווו ? אויף רי באַיאַרד ? — האָבן מיר געפרעגט.

— יאָ, פון וואַנען ווייסט איר שוין ? — האָט זשאַן זיך געוואונדערט.

— מיר זענען פאַרבײַגעגאַנגען די רי באַיאַרד און פלוצים געזען, ווי דייטשן נעמען אַריין אין זייער אויטאָ אַ פאַרבלוטיקטן פּאַקעט.

— יאָ, דאָס איז טאַקע געווען די דערשאָסענע פרוי — ענט־פערט זשאַן.

— דערציילט, ווי אַזוי איז דאָס פאַרגעקומען — האָבן מיר אַלע, אין איין קול אויסגערופן. זשאַן האָט זיך צוגעזעצט צו אונדז לעבן טיש, פאַררויכערט אַ סיגאַרעט. נאָך אַ ווײַלע פאַרזונקען אין

[1]) קינדער־פלעגערין.







זיך, האָט ער אָנגעהויבן דערציילן, מיט אַלע פּרטים, ווי אַזוי דאָס איז געשען:

— איך האָב צוגעזאָגט רענען (דער דערשאָסענערס מאַן), מיין חבר, צו אַראַנזשירן ביי אים די עלעקטרע. אַ גאַנצע וואָך אָבער האָב איך נישט קיין צייט, איך אַרבעט ביי אַ פּאַטראָן, איז קומען קען איך נאָר זונטיק, ווען איך בין פריי. און רענען קען איך נישט אָפּזאָגן, ער איז אַ פּאַרטיי־חבר (סאָציאַליסטישע באַוועגונג). היינט גאַנץ־פרי, בין איך שוין ביי אים געווען. בעת איך האָב דאָרט געאַרבעט, ס'איז געווען אַרום האַלב אַכט אַזייגער, האָט זיך אין פּאָדערצימער דערהערט אַ קלונג פונעם טיר־גלעקל, דאַן אַ צווייטער. רענע איז געוואָרן ווי צעמישט, ער האָט געשטעלט אַ פּאָר טריט צו דער טיר, געגאַנגען צוריק. אַן אומרויִקער און אַן אומאַנטשלאָסענער, איז ער אַ ווײַלע געבליבן שטיין אין מיטן פּאָדערצימער:

— ווער ווייסט ווער דאָס איז — האָט ער געשטאָמלט און געציטערט נערוועז. און אַזוי ווי ער איז געשטאַנען, אָן אַ רעקל, מיט אַן אָפּגעבונדענעם שניפּס, און אין בלויזע פּאַנטאָפל, איז ער אַוועק אין איין שרעק עפענען.

צוויי געוויקסיקע, ברייטע געסטאַפּאָ־לייט זענען געשטאַנען פאַר אים אין דער טיר, און באַלד זענען זיי אַריין אין דער וווינונג. רענע איז געווען בלייך ווי קאַלך.

— אייערע פּאַפּירן! — האָבן זיי זיך ביידע ווילד צעשריגן. איך האָב אויך געמוזט זיי דערלאַנגען מיין קאַרטע־ד'אידענטיטע. און כאָטש מיין קאַרטע איז געווען אָן דעם זיגל „זשוויף" (ייִד) האָבן זיי זי מיר נישט צוריקגעגעבן. זיי האָבן באַקוקט מיינע אַרבעט־מכשירים, וואָס זענען געווען צעוואָרפן לעבן מיר אויפן דיל אין פּאָדערצימער, צוזאַמען מיט מיין לעדערנער סערוועט. זיי האָבן די חפצים גוט באַטאַפּט.

— דאָס געהערט דיר?

— יאָ, — האָב איך אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

דאָן זענען זיי צוגעגאַנגען צו אַלע טירן, אַריינגעקוקט אין די צימערן, ווען זיי האָבן געטראָפן די טיר פון באָד־צימער אַ פאַר־שלאָסענע, האָבן זיי זיך ווידער צעשריגן:

— אויפמאַכן!

בערט איז געווען אין באָדצימער.

— איך בין גלייך פאַרטיק — האָט זיך געהערט איר שטימע.

— זאָפאָרט אויפמאַכן! צום טייפל! —האָבן זיי געטראָס־קעט אין דער טיר. איינער האָט שוין געהאַלטן דעם רעוואָלווער גרייט.

— מיינע פרוי, זי ציט זיך אָן — האָט רענע אין טויט־שרעק זיך געבעטן. איך האָב אויך געוואָלט צולויפן. כ'בין געווען אויסער זיך פאַר כעס. די נאַציס, וואָס האָבן אינסטינקטיוו פיינט יעדן, וואָס איז נישט קיין נאַצי, האָבן אויך אויף מיר געקוקט מיט האַס און רציחה. זיי האָבן מיך גוט געהיטן... — האָט זשאַן, מיטן סיגאַרעט אין מויל, געזאָגט אַ פאַרטראַכטער, בלאָזנדיק פון זיך גאַנצע וואָלקנס מיט רויך.

— נו, דער דייטש האָט דורכגעשאָסן די טיר, דערנאָך מיט עטלעכע זעץ זי אויפגעבראָכן. בערט איז געשטאַנען אַרומגעהילט אין באָד־מאַנטל, און האָט געציטערט פאַר שרעק. פון דער וואַנע איז אַראָפּגעפלאָסן דאָס באָד־וואַסער.

— אַנציען! מיטגיין! — האָבן זיי זיך שעלמיש געוואָנדן צו בערט.

— אַז איר וועט אַרויסגיין פון באָדצימער, וועל איך זיך אָנטאָן — האָט בערט אַביסל שטייף געענטפערט. די דייטשן האָבן געקריצט מיט די ציין, האָסטיק זיך דערנענטערט צו איר, געריסן פון איר דעם באָד־מאַנטל::

— אַנציען זאָגט מען דיר!

בערט האָט זיך קעגנגעשטעלט, ווירדיק און מוטיק געשטעלט

אַ ווידערשטאַנד די רוצחים. זי האָט צוריק פאַרדעקט איר נאַקעט לייב:

— דאַסמאָל וועט איר נישט אויספירן! — האָט זי העלדיש אויסגעשריגן, און זיך געווערט מיט אַלע כוחות:

— בעסער וויל איך שטאַרבן, איידער אייך נאָכגעבן!

דער דייטש האָט צוגעשטעלט אַ רעוואָלווער צו איר שלייף. רענע האָט געמאַכט אַ שפּאַן, געוואָלט צולויפן צו בערט, האָט דער צווייטער דייטש מיט אַ שטויס אים צוריקגעהאַלטן.

— שיסט, — האָט בערט געזאָגט אָן מורא — געציילט זענען אָבער די טעג פון אייער ממשלה! — בערט האָט נאָך באַוויזן די רוצחים צו שליידערן די ווערטער אין פנים אַריין. דער דייטש האָט אויסגעשאָסן צוויי קוילן. רענע האָט מוראדיק זיך צעשריגן, ווי אַ פאַרווונדעטע חיה — ער האָט געזען ווי בערט ליגט אויפן דיל, ווי זי וואַרפט זיך אין קאַנוווּלסן, ווי דאָס בלוט שטראָמט פון איר מויל. ער האָט זיך האַרצרייסנדיק צעיאָמערט. אַ שאַרפער ווייטיק האָט אויך מיך אַרומגענומען, מיין גאַנץ וועזן איז געווען אויפגעטרייסלט, צוקוקנדיק צו דער אכזריות, וואָס די באַנדיטן טאָן.

— דיין געלט ווו האָסטו?! — האָבן די חיהשע רשעים זיך געוואָנדן צו רענען. רענע האָט נאָך געוואָרפן אַ פאַרצווייפלטן בליק אויף זיין גוססדיקער פרוי, און איז אַריין אין צימער. די דייטשן נאָך אים. זיי האָבן אויפגעפּראַלט די שאַפעס, די קרעד־דענגסן, צוגענומען דאָס געלט און צירונג. צעוואָרפן די וועש און קליידער, זיי געשליידערט אויף דער ערד. אַרויסגעוואָרפן מאַט ראַצן פון די בעטן ,אַראָפּגעריסן בילדער און שפּיגלען פון די ווענט, און זיי צעטרעטן אויף שטיקער אונטער די פיס.

דאַן האָבן די באַנדיטן אויפגעפאָדערט רענען, ער זאָל מיט זיי מיטגיין. איינער האָט כסדר געהאַלטן אויסגעשטרעקט דעם רעוואָלווער צו אונדז.

— איך גיי נעמען דעם מאַנטל — האָט רענע געענטפערט. ער

איז אַריין אין אַ נעבן־צימער, אין אַ צווייטן, די דייטשן נאָך אים. זיי האָבן אָבער נישט געקענט זיין אַפּאַרטאַמענט, און זענען דערצו איבעראַל געווען פאַרנומען מיטן זוכן ווערט־זאַכן. האָבן זיי נישט באַמערקט, ווי רענע איז צו צום פענצטער פון אַ צימער, וואָס האָט געפירט אין הויף אַריין, עס געעפנט, אַריבערגעוואָרפן די פיס, און איז אַרויס.

— דאָנערוועטער! דער דרעקישער יודע איז פאַרשוווּנדן! — זיי זענען געלאָפן פון איין צימער אין אַנדערן, מיטשלעפנדיק מיך.

דאַן האָבן זיי גענומען אַ קאָלדרע פון בעט, זי אויסגעשפּרייט פאַרן באַדצימער, און מיך געהייסן נעמען די טויטע בערט, און זי איינפּאַקן אין דער קאָלדרע. איך בין אַריין אין באַדצימער, זיך אַראָפּגעבויגן, מיט ווייטיק אין האַרצן, צו דער דערמאָרדעטער פרוי, זי איז געווען שרעקלעך מאַסאַקרירט און פאַרבלוטיקט. אָן שום פּחד, האָב איך זאָרגפעליק אַרומגעהילט דעם נאַקעטן, מאַ־גערן קערפּער מיטן באַד־מאַנטל, האָב זי גענומען אין מיינע הענט, לייכט געווען ווי אַ קינד. לאַנגזאַם זי צוגעטראָגן, מיט פיל פּיעטעט זי געלייגט אין דער קאָלדרע, און איבערגעדעקט.

— ניכט זאָ! — האָבן די דייטשן געוואָלדעוועט אין כעס. זיי האָבן זיך אַ נעם געטאָן צו דער דערהרגעטער, מיט רוגזה זי אָפּגעדעקט. איינער האָט זי געשלעפּט פאַר אַ פוס, דער צווייטער פאַר די האָר, און דערביי זיך געוויצלט:

— די יידין פילט זיך גאַנץ באַליידיקט, — האָבן זיי געקייכט פאַר געלעכטער. דאַן האָבן די רוצחים צוזאַמענגעוויקלט די טויטע ווי אַ באַל און, טריומפירנדיק, זי פעסט אַרומגעבונדן.

אין דרויסן האָבן זיי פאַרמאַכט די טיר, זי פאַרחתמעט מיטן דייטשן זיגל. מיר צוריקגעגעבן מיין קאַרט, און... מיך באַפרייט. איך האָב טיף אָפּגעאָטעמט... די באַנדיטן זענען שנעל אַוועק מיט־נעמענדיק די טויטע מיט זיך, אין זייער אויטאָ אַריין.

איך בין אַראָפּ, באַלד גענומען זוכן רענען. איך האָב אים

געטראָפן אין אַ הויז פון אַ זייטיק געסל. רענע איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אין אַ וואַנט טרויעריק פאַרטראַכט. איך האָב אַרויפגעלייגט מיין האַנט אויף זיין אַקסל:

— זיי זענען שוין אַוועק — האָב איך שטיל געזאָגט צו אים. ער האָט זיך צעוויינט:

— נישטאָ שוין בערט, נישטאָ. דערשאָסן! אַ קאַניבאַלישער, חיהשער מאָרד.

רענע איז געווען מוראדיק נידערגעשלאָגן פון צער און טיפן ווייטיק. ער האָט צרהדיק אויסגעזען. די אויגן רויט, געשוואָלן. שוין גאַנצע וואָכן, ווי ער איז מיט זיין פאַמיליע אין קיין בעט נישט געשלאָפן, אין פאַרשידענע באַהעלטענישן זיך אַרומגעוואַלגערט. געוואָלט זיך אַ נאַכט אויסשלאָפן אין אַ בעט, זענען די מערדערס גראָד היינט געקומען.

רענע איז געשטאַנען מיט באָרוועסע פיס — בעתן שפּרינגען פון ערשטן שטאָק, האָט ער זיך צעקלאַפּט אַ פוס, וואָס האָט נאָך געבלוטיקט. ער האָט אויך פאַרלוירן די פאַנטאָפל.

— איך ברענג דיר עפּעס אָנצוטאָן — האָב איך אים געזאָגט.

— ניין, איך גיי צו אַ שכן — ער איז אַביסל געקומען צו זיך. איך האָב אים גלייכגעמאַכט די צעשויבערטע האָר. אַביסל האָט ער אונטערגעהינקן, כ׳האָב אים געפירט ביים אָרעם. ער האָט טעלעפאָנירט צו באַקאַנטע:

— עס איז מיט מיר געשען דאָס, וואָס מיט ראָבערט. שיקט מיר שיך און אַ קאָסטיום. — פּלוצים האָט ער אַ ציטער געטאָן, זיך אין עפּעס דערמאָנט:

— אוי! — ער איז שנעל אַרויס, איך בין אים נאָכגעגאַנגען.

— אוי, דאָס קינד, מיין טעכטערל, זי איז געווען אין בעטל. די דייטשן האָבן זי אויך... זאָג, זי לעבט אויך נישט?! — האָט ער זיך צעיאָמערט.

— די דייטשן האָבן זי נישט געזען, זי לעבט, — האָב איך אים באַרויִקט.

מיר זענען אַרויף צו זיין וווינונג. געוואָלט אויפמאַכן די טיר און נישט געקענט. איך האָב באַנוצט מיין גאַנץ עלעקטריש געצייג, מיט אַלע כוחות געשטופּט די טיר, קוים־קוים זי אויפגעמאַכט. דאָס קינד איז אין בעט נישט געווען. רענע איז געווען אויסער זיך פון אויפרעגונג. ער האָט זי גערופן, איבעראַל אַרומגעזוכט. פּלוצים האָט מען דערהערט אַ שאָרך, אַ צווייטן. רענע האָט זי דערזען. הינטערן בעטל אין קינדער־צימער איז דאָס קינד געלעגן אין אַ ווינקל, איינגעקאָרטשעט. רענע האָט זי אָפּירגענומען. דאָס קינד האָט געציטערט פאַר שרעק און געכליפּעט. זי האָט געזען דעם פאָטער און זיך צעוויינט:

— פּאַפּאַ, פּאַפּאַ. — רענע האָט זי גענומען ביי דער האַנט, געגלעט דאָס פּנימל, און זי איינגענומען מיט גוטע רייד.

— גיי דו אַוועק, ס'איז אַ סכנה, — זאָגט ער צו מיר.

— און דו? מיר גייען צוזאַמען, — איך האָב געהאָלפן זוכן עפּעס אָנצוטאָן פאַרן קינד, צווישן די קליידער און וועש, וואָס האָבן זיך געוואָלגערט אויפן דיל. דאָס קינד האָט האַרצרייסנדיק גענומען רופן די מוטער. זי האָט זיך געריסן פון פאָטערס הענט, שטורמיש געוויינט. עס האָבן נישט געהאָלפן רענעס רייד, אַז די מאַמע וואַרט אין דרויסן, אַז מ'טאָר איצט נישט וויינען, און מען מוז שוין אַוועק פון דאַנען...

ניין, און ניין, זי וועט נישט גיין, זי וויל נישט. זי האָט געשריגן, געמאַכט ביטערע געוואַלדן:

— מאַמאַ, מאַמאַ! — און נישט געוואָלט אָפּטרעטן פון דער וווינונג.

— עפּעס האַלט דאָ דאָס קינד צוריק, עפּעס לאָזט זי נישט אַוועקגיין פון דער וווינונג — האָט רענע אויך גענומען יאָמערן. — אפשר די נאָך וואַרעמע קאַלוזשע בלוט פון איר מוטער אין באָד־

צימער ציט דאָס קינד צוריק, לאָזט זי נישט פאַרלאָזן די דירה — זאָגט רענע ווידער מיט אַ פאַרשטיקט כליפּנדיק קול. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז דאָ שוועבט נאָך די נשמה פון קינדס מאַמע, וואָס האָט זיך ערשט געשיידט פונעם קערפּער, מיט אַ שטיל געמורמל פליט זי אַרום אין דער פאַגראַמירטער וווינונג.

דאָס קינד האָט זיך אַביסל איינגעשטילט, אָבער אירע הייסע טרערן האָבן גערונען אָן אויפהער, אַז דאָס האַרץ האָט מיר געריסן פאַר ווייטיק. רענע האָט זי גענומען אויף די הענט, מיר זענען שנעל אַראָפּ פון די שטיגן. איך האָב זיי באַגלייט דורך אַ הינטער־געסל צו אַ טאַקסי, און זיי זענען אַוועק.

זשאַן האָט פאַרצויגן דאָס לעצטע שטיקל פּאַפּיראָס, דער טאַבאַק־רויך האָט זיך געוואַלקנט.

— די אָרעמע בערט, זי וועט שטענדיק שטיין פאַר מיינע אויגן, ווי איך האָב זי געזען אין אַ קאַלוזשע בלוט אין באָד־צימער, — האָט זשאַן געענדיקט אין פאַרשטיקטער אויפרעגונג. אַלע זענען מיר געזעסן בלייכע, מיט פאַרקלעמטע הערצער, אין אומעט און טרויער אויף דער נשמה און געשוויגן.

*

בערטס קבורה איז פאַרגעקומען נאָך אין זעלביקן טאָג. דער רב איז געווען דערביי. צוויי דייטשע זעלנער האָבן אַראָפּגענומען פון זייער וואָגן בערטס קערפּער, וואָס איז געווען פאַרפּאַקט אין אַ קאָלדרע, דורכגעווייקט אין בלוט. זיי האָבן אים אַראָפּגעלאָזט אין אָפענעם גרוב. צוויי גרעבער האָבן דאָס גרוב פאַרשיט מיט ערד.

מענטשן זענען כמעט נישט געווען אויפן בית־עולם. דאָ און דאָרט איז אויף אַ קבר געלעגן אַ פרישער קראַנץ בלומען. אין דער אַרומיקער שטילער אַטמאָספערע האָבן זיך געהערט הילכיקע

גערוישן פון לאַפּאַטעס און רידלעס, וואָס האָבן גלייך געמאַכט בערטס קבר מיט דער ערד.

דערנאָך, ווען די דייטשן זענען אָפּגעפאָרן, האָבן מיר, עטלעכע פריינד, זיך דערנענטערט. פון הינטער די קברים האָט זיך געהערט אַ שטיל געפּליסטער פון מענטשן. זיי האָבן זיך לאַנגזאַם דערנענ־טערט צום קבר. ס'איז געווען אַ מנין יידן. דער רב האָט געזאָגט קדיש, געמאַכט אַן אל מלא רחמים. ער האָט אויך געהאַלטן אַ הספד, פאַרגליכן אונדזערע בלוטיקע צייטן מיט אַנדערע מוראדיקע עפּאָכן אין אונדזער מאַרטירער־היסטאָריע; און אַז אויך מיר, אין איצטיקן דור, מוזן אַדורכמאַכן שווערע ליידן. אָבער מען מוז מיט עקשנות אויסהאַלטן... אַז בערט איז אומגעקומען ווי אַ צנועה — על קידוש השם. דער רב האָט זי געשטעלט אין איין ריי מיט די העראָישע יידישע טעכטער בעת די אינקוויזיציעס אין שפּאַניע און פּאָרטוגאַל. ווען ער האָט פאַרענדיקט מיט די ווערטער: „בערט איז ערשט אַלט געווען 30 יאָר, זי איז געבוירן אין פראַנקרייך"... האָט זיך אין זיין קול געהערט אַ פאַרשטיקט געוויין.

שרה (אַריאַנע) האָט זי דאַן געזעגנט מיט אַ פּאָר ווערטער:

— נאָר ווידערשטאַנד קען אונדז, יידן, ראַטעווען. בערט האָט געוויזן ווי אַזוי מען שטאַרבט מיט מוט און מיט ווירדע. נאָר מיט אַנטקעגנשטעלן זיך קעגן רשעות קענען מיר טריי אָפּהיטן דעם כבוד פון יידישן פאָלק.

די יוגנטלעכע פון מ. זש. ס. (ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע) האָבן פונאַנדערגעטיילט אויפרופן צווישן עולם, וואָס האָבן גערופן צו אַקטיוון ווידערשטאַנד.

מיט אָראָפּגעלאָזטע געבויגענע קעפּ זענען מיר געשטאַנען אַרום בערטס קבר. אַ שווערער יאוש האָט געגאָגט דאָס האַרץ. עס איז געווען שטיל, מען האָט נאָר געהערט דאָס שטילע מאָנאָטאָנע רוישן פון די גרויסע ביימער ביים פּאַרקן פון בית־עולם, ווי זיי

וואַלטן מיטגעקלאַגט אויפן ביטערן גורל פון יידישן פאָלק. פון פאַרכמאַרעטן הימל זענען געפאַלן טראָפּנס רעגן אויף בערטס פרישן קבר, ווי גרויסע טרערן... ווי אויך דער הימל וואָלט זי באַוויינט.

# דעם שניידערס ווידערשטאַנד

(אָקופּאַציע־צייט אין פראַנקרייך)

דוד, אַ שניידער, אַ ייד פון אַרום פינף און פערציק, אַ מיטל־וווקסיקער, מיט אַ פאַרזאָרגט מאָגער פּנים, איז געזעסן געבויגן אין דרייען און געבייט, ער האָט שנעל אויסגעפּאַרטיקט אַן אַרבעט.

די חשון־זון האָט אַריינגעשיינט דורכן פענצטער, און געוואָרפן שוואַכן שיין אויף דעם צושנייד־טיש, באַלייגט מיט שטאָף, ווייסן קרייד, גרויסער שער און אַנדערע שניידערישע מכשירים.

זיין ווייב מיטן פּיצל קינד אויף דער באַנק טענהט זיך מיט אים אויס:

— אַ לאַטוטניק ביסטו געוואָרן, דוד, דו נייסט אַרום דעם דובלור (פּאַדשעווקע) פון אַן אַלט רעקל, נאָר אַלטע שמאַטעס גיט מען דיר צו ניצעווען און פאַרלאַטען — האָט זי אים פאַרגעוואָרפן.

— נו, ס׳איז דאָך מלחמה־צייט, מען קריגט דאָך נישט קיין נייע סחורה — האָט דער שניידער זיך פאַרענטפערט, — אָן דעם וואָלט איך קיין שטאָך אַרבעט נישט געהאַט. אמת, ס׳איז טאַקע אַ מיאוסע, וויסטע האָרעוואַניע ביי די אַלטע בגדים, נאָר וואָס קען מען טאָן ?

— עס איז אַ געפאַר צו זיין אין שטוב. די געסטאַפּאָ קען קומען אַ ליאַדע מינוט אונדז אַרויסנעמען פון דער וווינונג. אויך אין דער נאַכט קומען זיי, רייסן אַרויס פרויען און קינדער פון די שטובן — האָט זי געזאָרגט און געוויייטיקט.

— נו, זאָלן זיי נאָר קומען, די רוצחים, איך ברעך זיי רוק־

און־לענד. איך מאַך זיי קאַלט, אויף מיין וואָרט! אַ ווינט זיי אין זייערע אויגן אַריין! אַ פייער זוכט זיי! — צערעדט זיך דער שניידער אויף זיין לשון, און מיט אַ טאָן, ווי ער וואָלט בכלל נישט געווען באַזאָרגט — איך וועל זיי שוין ווייזן, וואָס איך קען!

— סאַ־וואַ, סאַ־וואַ! גוט, גיבור מיינער! וויצלען פאַרגליסט זיך אים! אויף נסים פאַרלאָזט ער זיך! ביי לייטן נעמען מענער די פרוי און קינדער און פאָרן צו דער גרענעץ, אָדער מ׳באַהאַלט זיך ערגעץ אויס. מענטשן ראַטעווען זיך, און דער שמויגער, נאָר ער כאַליעט אין שטוב און נייט, אַ גענייעכץ אויף אים!

— זאָג מיר, ווו ווילסטו גיין פאַרשוואַרצט און פאַרוואָגלט ווערן מיט אַ קליין קינד, ווו? און ווו איז מען דען היינט יאָ זיכער? נאָר דו האָסט טענות צו מיר. וואָס ס׳וועט זיין מיט כלל ישראל, וועט זיין מיט ר׳ ישראל — האָט דער שניידער גערעדט מיט אַ ווייך קול צום ווייב. — וואָס הייסט זיי וועלן קומען מיר צונעמען מיין פרוי און קינד פון שטוב? מיך באַרויבן, אַרויס־נעמען מיין האָרעוואַניע וועלן זיי!? די מערדער, די רויבער! דער אייבערשטער קען אויך אַ פראָסטן שניידער קומען צו הילף — הויבט ער אויף פרום די אויגן צום הימל, — וואָס בין איך דען ביכולת צו טאָן אָן אים?... דער רבונו של עולם וועט מיר העלפן, — שעפטשעט דער שניידער. — יעדן טאָג שיסן זיי יידן, שיקן יידן אַוועק אין פאַרבלאָמבירטע וואַגאָנען. גאַנצע באַנען מיט יידן ווערן פאַרשוווּנדן, מען ווייסט אַלץ — רעדט דער שניידער שטיל די לעצטע ווערטער, און זעצט זיך צו דער מאַשין שטעפן. ער נייט אַ לאַטקעלע, אָן אַרבל, אַ קאָלנער, ער מאַכט איבער פון אַ גרויס מלבוש אויף אַ פאַלטן פאַר אַ יינגל.

זיין ווייב גיט אַ שווערן זיפץ און באַדויערט אים, שוין אין אַ ווייכן טאָן:

— יאָגסט דאָך אַרויס דאָס חיות פון זיך, פון באַגינען אָן.

— איך מוז דאָך פּאַרטיק מאַכן די פּאָר שטיקלעך, ס׳זאָל כאָטש זיין די חיונה איבער דער וואָך.

זי לייגט דאָס קינד אין קינדער־וויגעלע, און זעצט זיך אויף אַרבעטן. נעמט פּאַסטריגעווען, ווו ס׳איז אָנגעצייכנט מיט ווייסן קרייד, נייט אָן קנעפּלעך און פּאַרטיקט אויס.

מיט אַ מאָל הערט מען קלאַפּן אין טיר, ס׳האָט זיי אַ זעץ געטאָן אין האַרצן. ס׳הערט זיך אַ דריי מיט דער קליאַמקע, די טיר האָט זיך האַסטיק געעפנט. קיין פאַרהויז איז אין דער דירה נישט געווען, און די טיר פירט פון הויף דורכן הינטער־גאַניק גלייך צום שניידערס וואַרשטאַט. צוויי אויסגעפּרעסענע געסטאַפּאָ־לייט האָבן אָן שום שטערונג אַריינגעשפּאַנט.

— אייערע פּאַפּירן!

דער שניידער מיטן ווייב האָבן זיך אָנגעקוקט, איינער דעם צווייטן. נאָך אַ ווײַלע האָט דער שניידער זיי דערלאַנגט זיין קאַרט־דע־אידענטיטע, וואָס איז געווען געשטעמפּלט מיטן זיגל „זשוויף״.

די געסטאַפּאָ־לייט האָבן זיך אַרומגעקוקט און זענען צוגע־גאַנגען צו דער שטובן־טיר:

— יודע, ווו האָסטו באַהאַלטן דיין געלט און צירונג?! — האָבן זיי זיך צעשריגן.

— דייטשע באַנדיטן! — האָט דער שניידער אויסגעשריגן מיט געוואַגטקייט, און אָן לאַנגע מחזקות, איידער די געסטאַפּאָ־לייט האָבן באַוויזן צו מאַכן עפּעס אַ באַוועגונג, בכדי זיך צו וואַרפן אויף אים, האָט דער שניידער זיך איינגעבויגן, פלינק אויסגעשטרעקט אַ האַנט צום פּרעסאייזן, און מיט אַ שטאַרקער קראַפט אַ שליידער געטאָן צו זיי. פון איינעם האָט באַלד גענומען שפּריצן זיין רוצחיש בלוט פון דער נאָז, מויל און אויערן — ער איז אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד.

דער צווייטער דייטש האָט, פון ציינקריצעניש און רציחה,

אַנגעשטעלט דעם רעוואָלווער אויף דעם שניידער און געצילט אין זיין קאָפּ. דער רעוואָלווער האָט אָבער פאַרפעלט, די קויל האָט בלויז לייכט פאַרוואונדעט דעם שניידערס לינקע באַק. דוד האָט זיך באַלד אָריענטירט, פלינק און שנעל געכאַפּט אַ שער. דעם שניידערס כלי־זין האָט אָבער דעם דייטש נישט געטראָפן, בלויז דעם רעוואָלווער אים אַרויסגעשלאָגן פון האַנט. דער דייטש איז געבליבן צעחושט, אויף דעם האָט ער זיך נישט געריכט...

אַ העפטיק געשלעג איז אָנגעגאַנגען צווישן ייד און דייטש, ס'האָבן אַזש די פענצטער־שויבן געציטערט.

דעם שניידערס ווייב מיטן זויג־קינד אויף איין האַנט און דאָס עלטערע מיידעלע ביי דער צווייטער, איז געשטאַנען אָפּגערוקט אָן אַ זייט, פריער אַ צעשראָקענע, אַ טויט־בלאַסע, דערנאָך האָט איר פּנים גענומען אויסדריקן הנאה פון די כסדרדיקע קלעפּ, וואָס די דייטשן האָבן געקריגן פון דודן, דאָס האָט זי דערמוטיקט. זי האָט פּשוט אָנגעקוואָלן פון איר דודן, אירע אייגענע אויגן נישט געגלייבט. די קינדער האָבן געציטערט פאַר שרעק און געיאָמערט. די מוטער האָט זיך פלוצים אָריענטירט, אַז זי קען זיך ראַטעווען, איז זי אין איין סעקונדע שוין געשטאַנען ביי דער טיר, און פאַר־שוווּנדן מיט די קינדער פון הויז.

אַ פרייד איז אינעם שניידער אויפגעגאַנגען — אָפּגעראַטעוועט ווייב און קינד. — דער קאַמף איז אַלץ אָנגעגאַנגען, אַ פויסטן־געפּעכט אין פולן ברען.

— קרעפּל־פלייש וועל איך דאָ פון אייך מאַכן, שווינען, גראָב־הויטיקע, דרעקיקע שווינען — ער האָט דערלאַנגט מכות־רצח, וואַלגערנדיק זיך מיטן דייטש אויפן דיל אין העפטיקן געראַנגל. דער דייטש האָט גענומען מאַכן געוואַלדן:

— ראַטעוועט! אַריינגעפאַלן צו אַ באַנדיט! — ער האָט געמאַכט יללות און געוואָרנט.

אין דרויסן פאַרן הויז, איז געשטאַנען אַ באוואָפנטע שמירה,

ווי ביי יעדן ייִד, ווען מ׳קומט אים צונעמען, וואָס האָט געוואַכט ביים אויטאָ און געהיטן דעם אַריינגאַנג פון הויז, אויף דער פּראָלעטאַרישער גאַס: רוי־פּאַראַדי אין טולוז. — די וואַך קען נאָך דערהערן, און זייערע חברים וועלן קומען צו הילף — האָט דוד געטראַכט. די רציחה האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן אין אים. דער ייִד האָט דערלאַנגט דעם שונא אַ זעץ איבערן קאָפּ, און יענער איז געבליבן ליגן האַלב אָנמעכטיק אויפן דיל, ער האָט זיך מער נישט גערירט. דער שניידער האָט זיך פון אים באַפרייט, זיין פאַרהאַרע־וועט פּנים האָט געשטראַלט פאַר פרייד — פאַר אים ליגן צוויי דייטשע רוצחים מיט אָפּגעהאַקטע ביינער! אינצווישן האָט דער ערשטער דייטש זיך אַ ביסל אויסגעטשוכעט און געפּרוווט זיך אויפהייבן פון דער ערד. דער שניידער האָט אים מיטן פוס דערלאַנגט אין בויך אַריין:

— דו שוויין! שמוציקער שוויין! אין די בערג שטייען שוין גרייט די גריבער פאַר היטלער־לומפּן!

דער צווייטער דייטש האָט מיט אונטערגעהאַקטע אויגן אָהינ־געבליקט צו זיין רעוואָלווער. דער שניידער האָט דאָס אָבער באַמערקט, און איז מיט איין שפּרונג צו צו דער טיר, זי אויפגע־פּראַלט, דורכגעריסן זיך דורך די ווילדע רוצחים, פלינק און רירעוודיק אַרויס. איין דייטש האָט אים נאָכגעשאָסן, דער צווייטער האָט באַוויזן זיך אויפצוהייבן פון דער ערד און איז אַרויס מיטן רעוואָלווער אין האַנט. דער שניידער איז געלאָפן פון בוידעם דורכן דאַך, געזוכט אין אַנגסט אַ באַהעלטעניש. ער האָט געקריגן אַ קויל אין פוס. דאָס בלוט איז אים גערונען פונעם פוס און פון דער באַק. אַזוי הינקענדיק, איז אים דאָך געלונגען צו דערגרייכן אַ צווייט הויז. זיי האָבן אים מער נישט געזען. ער האָט נאָך געהערט זייערע געשרייען:

— צום טויפל! ניקס צו מאַכען! ניקס צו מאַכען!

דער שניידער, קריכנדיק אין דרייען געבויגן, אין גרויס

מאַטערניש, האָט זיך קוים אַראָפּגעקריגן אין אַ הינטערגעסל, אויסבאַהאַלטן זיך אין אַ הויז, פון וואַנען אַ פראַנצויזישער אַרבע־טער האָט אים מיט אַן אויטאָ געפירט אין שפּיטאָל אַריין.

די צוויי געסטאַפּאָ־לייט, צעביילטע, מיט אונטערגעהאַקטע אויגן, האָבן מיט דער הילף פון זייער וואַך, זיך אַרויסגעשלעפּט פאַרן הויז צו זייער אויטאָ, און זיך אָפּגעטראָגן.

✶

דעם שניידערס ווייב מיטן קינד זענען געלאָפן אָן אָטעם, אָנגע־צונדן פון התפעלות, האָט זי זיך דערשלאָגן צו אונדז. מיט טרערן אין די אויגן און אַ פאַרשטיקט קול, האָט זי, אָן אויפגעהייטערטע, דערציילט פון איר מאַנס העלדישן ווידערשטאַנד:

— דוד האָט זיך דאָס מיט די נאַציס אָפּגערעכנט! האָט ער זיי דאָס דערלאַנגט! דאָ מיטן פרעסאייזן, דאָ מיטן קאָפּ פון דער מאַשין — מיט זיין גאַנץ שניידער־געצייג, איידער זיי האָבן נאָך צייט געהאַט אפילו אַ פּיפּס צו טאָן. און ווי ער האָט זיי געוואַל־גערט אויף דער ערד, זיי געקאָפּעט און באַשפּיגן! ד״ר קינדבערג זאָגט, אַז זיינע ווונדן זענען נישט קיין געפערלעכע — האָט זי צוגעגעבן.

— מיר וועלן דודן באַזוכן — האָט געזאָגט עמעצער פון דער גרופּע מ. זש. ס. (ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע). איך און נאָך יוגנטלעכע זענען מיר טאַקע באַלד אַוועק אין שפּיטאָל.

שוין פון ווייטן האָט דוד צו אונדז געשמייכלט. אַ האַלב פּנים איז ביי אים געווען אַרומגעוויקלט. זיין פאַרבאַנדאַזשירטן, פאַרווונדעטן פוס, האָט ער געהאַלטן אויסגעשטרעקט אויפן בעט. די ווונדן האָבן אים ווי געטאָן, דאָס האָט מען געמערקט אין זיין אָפּטן פאַרבייסן די ליפּן, אָבער, ער האָט נישט גערעדט פון זיין ווייטיק. ער האָט נאָר געזאָגט, אַז ער וויל וואָס שנעלער אַרויס

פון שפּיטאָל, און זיך געזעגנטשן, אַז ג־ט זאָל אים ווידער צושיקן אַזאַ פֿײַן שטיקל אַרבעט. ער וועט זיי אויספּאַרטיקן, ער וועט זיי...

— ווילסט טאַקע ווידער צעברעכן זייערע טריפהנע ביינער? — האָבן מיר געלאַכט.

ד״ר קינדבערג, וועלכער איז געשטאַנען בײַ דודס בעט, האָט אָפּגעריייניקט די מכשירים פֿונעם בלוט, און זיי צוריק אַרײַנגע־לייגט אין זײַן וואַליזע. ער האָט זיך צו אונדז געווענדט מיט אַן ערנסטן טאָן:

— דוד מוז נאָך היינט, ווי אַמשנעלסטן פֿאַרלאָזן דאָס שפּי־טאָל. די גאַנצע שטאָט קאָכט מיט אים.

— מיר נעמען אים באַלד מיט. אין הויף שטייט אונדזער אויטאָ.

— גיט נאָר גוט אַכטונג. ווי איר זעט — האָט ד״ר קינדבערג פֿאַרענדיקט, ווײַזנדיק אויפֿן שניידער — איז דוד אויפֿן אויסזען גאָרנישט קיין העלד, דאָך האָט ער געראַטעוועט זײַן בני־בית און אויך זיך. בלויז אַ שראַם וועט פֿאַרבלייבן, אַלס גבורה־אָנדענק, אויף זײַן לינקער באַק.

# ר׳ נתן האָשאַנסקי

(אָקופּאַציע־צייט אין פראַנקרייך)

כסלו תש״ג (1943), אין די חנוכה־טעג.

אַ גרופּע יוגנטלעכע איז זיך צונויפגעקומען, איינציקווייז, אין אַ האַלב־טונקעלן קעלער, פון אַן איינזאַם, פאַרלאָזט הויז, נישט ווייט פונעם טייך גאַראָן. געזעסן זענען זיי אויף אַ הילצערנער באַנק, אויף קעסטלעך, און געוואַרט אויפן רב ר׳ נתן האָשאַנסקי.

פייוול חריף, אַ חבר פון „פּועלי־ציון — התאחדות״, וואָס איז מיט עטלעכע טעג צוריק געקומען פון פּאַריז קיין טולוז האָט זיך אָנגערופן האַלב־שטיל:

— זאָגט, איז דאָס טאַקע אמת, וואָס מען רעדט וועגן רבס העלדישקייט, אַז ער קעמפט מיט געווער אין האַנט קעגן די דייטשן?

— אמת, אמת — האָבן עטלעכע געענטפערט מיט אַמאָל.

— אויב אַזוי, מוזט איר מיר עפּעס דערציילן.

— חבר פייוול, — זאָגט נחום צו אים — דו ווייסט אוודאי, אַז דער רב אַרבעט אין דער רעזיסטאַנס־באַוועגונג?

— יאָ, יאָ, איך ווייס. איך דאַרף טאַקע מיט אים רעדן. איך בין דאַך אַהערגעקומען אין אַ וויכטיקער שליחות.

— נו, הער־זשע זיך צו. דער רב האָט אויף דער יוגנט אַ גרויסע השפּעה.

— ווער איז ער, פון וואַנען קומט ער?

— דער רב איז פון ריימס, — האָט זיך ווער אָנגערופן, — שטאַמט פון וואַסילקאָוו, ער איז אַהערגעקומען אין אָנהויב פון

דער דייטשער אָקופּאַציע — אין סאַמע געפאַר. פון דער צענטראַל־קאָנסיסטאָריע האָט מען אים אַהערגעשיקט, אויפן פּלאַץ פון רב קאַסאַרלאַ (געוועזענער רב אין טולוז). הרב האַשאַנסקי איז געקומען צו די טולוזער יידן צו זיין זייער רב, זייער באַשיצער.

— ער איז נאָך אַ יונגער מענטש ? — פרעגט פּייווּל ווייטער.

— דער רב איז אַלט 29 יאָר. ערשט נישט לאַנג האָט ער געענדיקט זיין מיליטערדינסט אין פראַנקרייך. אויפן פראָנט זענען מיר געווען צוזאַמען. דער יידיש־פראַנצויזישער אָפיציר, רבי נתן האַשאַנסקי, האָט געקעמפט מיט חשמונאים־גייסט, קעגן די דייטשן, פאַר באַפרייען פראַנקרייך.

— מיט וויפל ברען און דביקות ער וואַרפט זיך אויפן פיינטס פּאָזיציעס — האָט געזאָגט אַ רעליגיעזער בחור, אַ חבר פון „הפּועל המזרחי" — ער גייט דער ערשטער אין פייער אריין. ער האַלט דאָס פאַר אַ גרויסער מצווה, און איז זי מקיים מיט התלהבות. איידער ער גייט צו אַן אַקציע, זאָגט ער אַ קאַפּיטל תהילים, איז מתפּלל, דאַן גייט ער דרייסט, מיט בטחון אין ג־ט־ברוך־הוא. אָט זעט — האָט ער געוויזן אויף אַנגעוואָרפענע קעסטלעך מיט קאָנ־צענטרירטע מילך, סאַרדינען, צוקער אדג"ל — דאָס שטאַמט פון אונדזערס אַ געלונגענעם איבערפאַל אויף אַ דייטשן פראָדוקטן־לאַגער. און וויפל דער רב האָט שוין צעטיילט. אַ פּאָר טעג ווי ער לויפט אַרום צווישן יידישע מאַמעס, און צעטיילט פּראָוויאַנט.

— אָט איז אומלעגאַלע ליטעראַטור. דאָס האָט פּיער, אַ יוגנט־לעכער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי געבראַכט — זאָגט חיה.

פּייווּל ציט אַרויס אַ זשורנאַל און זאָגט: דאָס קומט פון ליאָן, דאָרט ווו די פעדעראַציע פון יידישע געזעלשאַפטן אין פראַנקרייך האַלט זיך אויף אין געהיים. די חברים מאַרק און גרינבערג שטייען אין קאָנטאַקט מיט דער פראַנצויזישער סאָציאַליסטישער אונטערגרונט־באַוועגונג. די נישט־יידישע יוגנט העלפט אונדז פונאַנדערטיילן די געהיימע ליטעראַטור. דניאל מאיר און מאַרסעל ליוויאַן העלפן

אונדז אויך ביים דרוקן די געהיימע צייטונגען אין גרויסע טיראַזשן.

— איך בין זיך מודה, — זאָגט חבר מאָריס, פון מפ״ם, ווייט פון פרומקייט, — אויך איך שעפטשע אַ תפילה בעת איך געפין זיך אין אַ געפאַר. וואָס קען דאָס שאַטן אַ תפילה ביי אַן אָנפאַל אויף אַן אַמוניציע־לאַגער אדג״ל.

אויך אַנדערע, פון דער פרייער יוגנט, האָבן דערציילט דאָס זעלבע, אַז אויך זיי נעמען זיך אַ ראיה פון רב. וואָס זיי אינטע־רעסירט באַזונדערס שטאַרק, איז, אַז תמיד, ווען דער רב רעדט וועגן אַקטיוון ווידערשטאַנד, ברענגט ער ראיות פונעם תנא רבי עקיבא און זיינע תלמידימס ווידערשטאַנד.

— הערט צו, — זאָגט יהודה לייב, פון מפא״י — נחמן יעווין פרעגט „צי שטאַמט נישט דער רב פון רבי נחמן מבראַצלעוו, פון וועמען ער האָלט שטאַרק, ווייל יענער איז געווען אַ רעוויזיאָניסט״...

— נחמן איז שוין דאָ מיט זיין רעוויזיאָניזם — אַלע האָבן געלאַכט.

— נאָך נישטאָ דער רב — זאָגט חיה אַ ביסל אומרויִק.

פנחס, אַ יונגער בחור, האָט אַ קוק געטאָן אויפן האַנט־זייגערל:

— דער רב האָט שוין דאָ געדאַרפט זיין, ס׳איז שוין שפעט, אַלע זענען געוואָרן אומרויִק.

— ער איז גאַנץ פרי אַוועק אין די בערג. אָפט לאָזט ער זיך אַראָפּ אין געהיים צו די פאַרטיזאַנער, און ווערט דאָרט נעלם אויף אַ גאַנצן טאָג. עס איז אָבער שוין אָוונט — האָט גבריאל, אַ בחור פון „מ. זש. ס.״ אַ זיפץ געטאָן.

אַלע האָבן זיך געזאָרגט, געשראָקן, וואָס דער רב פאַרזוימט זיך. אַ לאַנגע ווילע האָט געהערשט אַן אומעטיקע שטילקייט. אַ נאַפט־לאָמפּ אויף אַ קאַסטן האָט מיט אַ שוואַך ליכט באַלויכטן דעם פוסטן קעלער, אָנגעפילט מיט גרוילעכע שאָטנס. די טונקעלע קאָלדרע, וואָס האָט פאַרהאָנגען דאָס פאַרקראַטעוועטע פענצטערל, איז מיט יעדן אויגנבליק געוואָרן טונקעלער און גרויער. דער רעגן

האָט נישט אויפגעהערט, אַ כסלו־רעגן האָט גערוישט מאָנאָטאָן הינטערן פענצטערל אַזוי טרויעריק, אַ שווער געמיט האָט געדריקט אויף דער נשמה. אַ הוגטס וואָיען האָט זיך דערטראָגן פון ערגעץ ווייט. אַ שיף האָט גערודערט אויפן גאראַן, דערנאָך זיך אָנגעקלאַפּט אָן ברעג, און באַלד ווידער גענומען רודערן. מיר האָבן אָנגעשפּיצט די אויערן און אויפגעכאַפּט די דערנענטערנדיקע שטילע טריט אין קאָרידאָר.

— אַט קומט דער רב — האָט אַ שטים איבערגעריסן די שטילקייט.

אַ לייכטער קלאַפּ האָט זיך דערהערט אין טיר און אַ געהיים וואָרט:

— עקיבא.

— עקיבא, עקיבא — האָט מען געענטפערט מיט פרייד און געעפנט דאָס געהיימע קעלער־טירל.

דער רב איז אַריין אַ פאַרמאַטערטער, אָבער מיט אַן אויפגע־הייטערט פּנים. ער האָט אויסגעטאָן זיין לענגלעכן שוואַרצן אויבערראָק. אַ יוגנטלעכער האָט פון אים גענומען אַ פּאַקעט און אויפגעהאָנגען זיין מאַנטל. אַלע האָבן אים פריילעכע אַרומגע־רינגלט.

דער רב האָט אויסגעטאָן דעם שוואַרצן הוט, און געבליבן מיטן קליינעם קאַפּל אויפן בלאַנדלעכן קאָפּ. ער האָט זיך געזעצט מיט אונדז אויף דער באַנק.

— עס איז גוט אַביסל זיך אָפּצורוען — האָט ער געשעפּטשעט און געווישט מיט אַ טיכל דעם שווייס פון שטערן.

— מיר האָבן שוין נישט געוווּסט וואָס איבערצוקלערן, געווען זייער אומרויִק — האָבן יוגנטלעכע זיך באַקלאָגט.

דער רב האָט אַ שמייכל געטאָן, ער איז קענטיק געווען גערירט, וואָס מיר זענען שוין געווען באַזאָרגט וועגן אים.

— צי מעג מען אויפמאַכן דאָס פּעקל, וואָס דער רב האָט געבראַכט ? — האָט שרה פּיקסמאַן געפרעגט.

— דאָס זענען געהיימע אויפרופן — האָט דער רב געזאָגט, און געהייסן שרהן פאַרלייענען אַן אויפרוף, אַז אַלע זאָלן הערן. שרה לייענט :

„יידן, שטעלט אַ ווידערשטאַנד ! דורך קעגנשטעלן זיך דעם שונא האָבן אייניקע זיך געראַטעוועט מיט זייערע פאַמיליעס. איר האָט גאַרנישט צו פאַרלירן, גייט נישט מער ווי שעפּסן צו דער שחיטה !"

אַלע האָבן גענומען צו עטלעכע אויפרופן, צום פאַרטיילן צווישן באַקאַנטע.

— איך האָב געבראַכט אַ גוטע בשורה — האָט דער רב געזאָגט — עס איז דאָ אַ ידיעה, אַז די צוויי ברידער זלאַטאַ זענען אַדורך די גרענעץ. זיי זענען בשלום אָנגעקומען קיין שפּאַניע.

— די בחורים זלאַטאַ זענען חברים פון מפא"י אין בעלגיע — האָט פייוול געזאָגט. — זיי האָבן זיך אַהערגעשוואַרצט אין 1940. פון שפּאַניע וועלן זיי ווידער נעמען דעם וואַנדערשטעקן און זיך שוואַרצן קיין ארץ־ישראל, ווו זיי וועלן זיך אַנשליסן אין דער יידישער בריגאַדע.

— נו, זאָלן די קינדער פון עם־ישראל זיך דורכשמוגלען, דורכרייסן זיך דורך די צוויי־טויזנט־יאָריקע קאַלכאַויוונס פון די אומות העולם, און דערגרייכן זייער אוראַלטע היים, אונדזער ארץ הקדושה, דאָס לאַנד פון אונדזערע אבות — האָט דער רב פרום געשעפּטשעט.

און נאָכדעם ווי פייוול האָט אָפּגעשמועסט מיטן רב זיך צו טרעפן מאָרגן אויף דער אסיפה פון די פאַרטיזאַנער, און איז באַלד אַוועק, האָט דער רב אַרויסגענומען פון קעשענע קליינע ליכטלעך, אַנגעטריפט זיי אויף אַ קעסטל, און געדאַוונט מעריב, געבענטשט

חנוכה־ליכט. נאָכן אָפּזינגען שטיל, צוזאַמען מיט דער יוגנט „מעוז צור ישועתי", האָט ער זיך געווענדעט צו אַלע:

— איצט וועל איך אייך דערציילן וועגן חנוכה.

דער רב האָט זיך צוריק געזעצט אויף דער באַנק, אַלע האָבן אים אַרומגערינגלט, אַ טייל האָבן זיך געזעצט אויף די קעסטלעך, און אַנדערע אין אַ קרייז אויף דער ערד.

אַזוי זיצנדיק צווישן דער יוגנט האָט דער רב, אין דער שטיל געהאַלטן אַ קורצע רעדע, וועגן די נסים פון כ"ה כסלו, מיט איבער צוויי טויזנט יאָר צוריק. ווי די אַמאָליקע חשמונאים, די ערשטע פּאַרטיזאַנער, האָבן מנצח געווען דעם טיראַן אַנטיוכוס. ווי רבים בידי מעטים — אַ קליינע צאָל יידן האָט געהאַט דעם מוט זיך אַנטקעגנצושטעלן דער גרויסער גריכיש־סירישער מאַכט און זי באַזיגט.

— אַזוי וועלן מיר אויך אי"ה באַזיגן היטלערן ימ"ש. — האָט דער רב אַלעמען געמוטיקט. — אונדזער גבורה באַשטייט אין, ווי דער נביא זאָגט:

„לא בחיל ולא בכוח, כי אם ברוח".

די יוגנטלעכע האָבן זיך גלויביק איינגעהערט.

— עס וועלן אויפשטיין נייע מכבים — האָט דער רב ממשיך געווען, — נייע גיבורים, וואָס וועלן בייקומען אַלע אונדזערע שונאים — אַלע אַראַבישע שונאים, וואָס ווילן צעשטערן ארץ־ישראל. נייע נצחונות, נייע נסים וועלן געשען אין חשמונאים־לאַנד, און מיר וועלן צוריקקומען אויפן הר־סיני, ווו מיר האָבן מקבל געווען די לוחות. מדינת ישראל דאַרף געבויט ווערן אויף די יסודות פון די לוחות הברית: ואהבת לרעך כמוך. אויף יושר וצדק, גלייכהייט און ברידערלעכקייט — לויטן גייסט פון דער תורה. ווייל נאָר אין דעם לאַנד פון תורה, וואָס איז גרויס אין רוחניות און חכמה, קען קומען די גאולה שלימה...

דער רב האָט געענדיקט. די יוגנט האָט געקוקט אויף אים מיט יראת הכבוד, האָבן אויפגעכאַפּט יעדע תנועה זיינע.

אַדורכגייענדיק זיך מיט געמאָסטענע טריט איבערן קעלער, האָט דער רב אונטערגעברומט אַ חסידיש ניגונדל, דערביי אַרויסגענומען אַ ספר פון קעסטל, ווו ער האָט דערזען ליגן ביכער. איבערלייענענדיק אויף די ביכער־רוקנס די אותיות: „לענין", „ב. שפינאָזאַ", און נאָך ענלעכע, האָט זיך אַ טיפער זיפץ אַרויסגעריסן פון זיין האַרצן. ער האָט מיט פאַרחידושטע, פרעגנדיקע אויגן געקוקט אויף דער יוגנט. גענומען די ביכלעך און, איינס נאָכן אַנדערן, זיי אַרונטערגעוואָרפן אונטער דער באַנק; געהאַט שיברת־הלב, וואָס די יוגנט לייענט נאָך היינט קאָמוניסטישע ליטעראַטור, אפּיקורסישע פילאָזאָפיע; און געזאָגט מיט פאַרביטערונג:

— די שטראָף, וואָס איז אויף יידן געקומען, ווייל זיי ווילן קיין יידן נישט זיין. זייערע קינדער זענען נישט ווייט פון שמד, גייען אין גויאישע וועגן, רימען זיך, אַז זיי קענען נישט קיין יידיש, אַזאַ דערציִונג באַקומען זיי פון די עלטערן.

— עשה למען תינוקות של בית־רבן... — האָט ער אויסגערופן מיט צער.

די יוגנט איז געזעסן פאַרלוירן.

— וואָס באַדייט דאָס, רבי? — האָט עמיץ געפרעגט.

— טו פאַר די קינדער פון מלמדס חדר, לייז אונדז אויס ווי אַמגיכסטן — האָט ער זיי פאַרטייטשט. — די בתי־מדרשים פוסטעווען, און די קינדער גייען אַוועק לתרבות רעה...

— ס'טייטש, רבי, ס'איז דאָך מלחמה־צייט — האָט אַ בחור געענטפערט, — יידן זענען אין אַן עת־צרה.

— נו, און נאָך דער מלחמה, וועלן יידן יאָ קומען מיט זייערע קינדער אין בית־המדרש אַריין? וועלן זיי דאַן יאָ דערציִען די קינדער אין יידישן גייסט, ברוח התורה, ווי ג־ט־ברוך־הוא האָט

געבאַטן? — זיין פנים האָט אויסגעדריקט צווייפל, ווייטיק און יאוש.

דער רב האָט געוויזן אויפן ספר, וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט:

— לא ימוש ספר התורה הזה מפיך, והגיתה בו יומם ולילה למען תשמר לעשות בכל הכתוב בו, כי אז תצליח את דרכך ואז תשכיל... (יהושע).

דער רב האָט ווידער גענומען שפרייזן, אַהין און, צוריק, איבערן קעלער, פאַרזונקען אין מחשבות. אַ ווײַלע האָט געהערשט אַ געדריקטע שטילקייט. באַלד האָט זיך דער רב צוריק אָפּגעשטעלט ביי די יוגנטלעכע, געקנייטשט זיין הויכן שטערן:

— לא הבטתם אל עשיה, ויצרה מרחוק לא ראית, ויקרא אדני ד׳ צבאות — האָט ער דערמאָנט פסוקים פון ישעיה — ביום ההוא, לבכי ולמספד ולקחת ולחגר שק. והנה ששון ושמחה, הרג בקר ושחט צאן, אכל בשר ושתות יין. אכלו ושתו כי מחר נמות. ונגלה באזני ד׳ צבאות אם יכפר העון הזה לכם עד תמתון. אמר אדוני ד׳ צבאות...

— זייט מוחל רבי, פאַרטייטשט אונדז — האָט די יוגנט געבעטן.

— דער נביא קלאָגט, אַז יידן ווילן נישט קענען ג־ט. זיי קוקן נישט אַרויס אויף ג־טס הילף — האָט דער רב זיי דער־קלערט — אַנשטאָט צו וויינען און טרויערן אויפן גרויסן פאָלקס־חורבן, אַנשטאָט צו זיין גוט און פרום — הוליען זיי גאָר מיט אַזאַ לייכטזיניקייט, און עס קימערט זיי גאָרנישט, וואָס מאָרגן וועט זיין... אַבי זיי קענען היינט עסן און טרינקען, און לוסטיק זיין... אָט די זינד, זאָגט ישעיה הנביא, וועט ג־ט קיינמאָל נישט פאַרגעסן. און השי״ת, דער גערעכטער, טוט זיין רצון: אָט האָט ער געשיקט אויף אונדז נאָך אַ חורבן... „אם יכפר העוון הזה"... — האָט דער רב אומעטיק גערעדט.

— רבי, מיר האָבן די וואָך נאָך גאָרנישט געלערנט — האָט אַ בחור זיך אָנגערופן מיט דרך־ארץ.

דער רב, אַ צופרידענער, האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם בחור, ס׳האָט אים הנאה געטאָן, וואָס עס זענען נאָך פאַראַן בחורים, וואָס ווילן לערנען תורה.

— „וכי מה נשתייר להם לישראל והלא כל מתנות טובות ניטלו מהם ואין לנו שיור רק התורה הזאת" — האָט ער געברענגט אַ מדרש. — וואָס איז דען די יידן פאַרבליבן, אַלע גוטע געשאַנקען האָט מען ביי זיי צוגענומען, אָבער די תורה בלייבט אייביק... —

דער רב האָט גענומען אַ ספר, מיט צונויפגעצויגענע ברעמען זיך פאַרטיפט אַ ווײַלע אין אים. באַלד האָט ער אויפגעהויבן זיינע גוטהאַרציקע אויגן אויף די פאַרזאַמלטע און געזאָגט אַ שיעור. אפילו די „פרייע" יוגנטלעכע האָבן זיך צוגעהערט צום שיעור, זיי האָבן נישט געקענט מעיז־פנים זיין דעם רב.

דער רב האָט מיט זיי געלערנט אַ פירוש פון רמב"ם, איבערן מיסטישן ספר היצירה — וועגן דער באַשאַפונג פון דער וועלט. ער האָט געלערנט מיט אַן אָנגענעמען גמרא־ניגון. אַלע האָבן מיט התמדה זיך צוגעהערט צו זיינע טייטשונגען. דאָס לערנען „רמב"ם", רעליגיעז־חסידישע פילאָזאָפיע, האָט זיי אינטערעסירט, פאַרשאַפט פאַרגעניגן.

— רבי, מיר ווילן אויך לערנען דעם „מורה נבוכים" — האָט אַ בחור געזאָגט.

— נו, נו, מיר וועלן אויך לערנען דעם „מורה" — האָט דער רב געענטפערט מיט אַ פריילעכן טאָן.

די יוגנטלעכע האָבן זיך געפלפולט, זיך צעפלאַקערט, געווען אין אַ געהויבענער שטימונג. דער חלל איז געוואָרן אָנגעפילט מיט יוגנט־פרייד. עס איז פאַרשוווּנדן דער אומעט פון די טריבע כסלו־טעג, וועלכע האָבן זיך אָנגעלייגט אויף זייערע פאַרטיזאַ־

נישע פּלייצעס. עס האָט זיך זיי אויסגעדאַכט, אַז זיי געפינען זיך אין אַ נאָרמאַלער צייט.

דער רב האָט זיך אויפגעשטעלט, פון זיין טאַש האָט ער אַרויסגענומען אידענטיטעטס־קאַרטן (פאַלשע), און זיי צעטיילט צווישן די, וואָס האָבן נאָך נישט געהאַט, און געזאָגט:

— ס'איז שפּעט, קינדער, מיר וועלן גיין.

ער האָט יעדן געבענטשט, יעדן באַגלייט מיט „זייט מצליח".

אַזוי שטיל, ווי זיי זענען געקומען, אַזוי זענען זיי זיך איינציק־ווייז צעגאַנגען.

✶

מיט אַ קורצער צייט שפּעטער, אין אַ פאַרמיטאָג, אין חודש יאַנואַר 1944, בעת דער רב איז אַרויס פון דער פּרעפעקטור, וווּ ער האָט זיך משתדל געווען פאַר אַ יידישער פאַמיליע, ווי נאָר ער איז אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט, האָט אַן אויטאָ זיך פאַר אים אָפּגעשטעלט, פון וועלכן ס'זענען אויסגעשטיגן געסטאַפּאָ־לייט מיט רעוואָלווערן אין די הענט.

— הענדע האָך! — האָבן זיי געשריגן מיט גרילציקע קולות — הערײנשטייגן! —

אַ שווייגנדיקער, מיט אַ פאַרבלייכט פּנים, איז דער רב דער ערשטער אַריין אין אויטאָ, נאָך אים — די געסטאַפּאָ.

דער אויטאָ איז געפאָרן פון פּלאַץ סען־עטיען, זיך אַריינגע־דרייט אויף רי־דע־מעץ, געטראָגן זיך איבער די גאַסן.

דער רב האָט גיריק אַרויסגעקוקט דורכן קליינעם פאַרקראַ־טעוועטן אויטאָ־פענצטערל. קיין ייד האָט מען נישט געזען. אומע־טום האָט געבושעוועט דער דייטשער שטיוול. אין דער געגנט פון פּלאַץ־עסקיראַל, האָט זיך דער אויטאָ כמעט ווי אָפּגעשטעלט. דער רב האָט געזען שטיין אַ גרויסן קאַמיאָן פאַר אַ הויז. דייטשן האָבן

אויפגעלאַדנט יידיש האָב־און־גוטס. שיימעס־בלעטלעך האָבן זיך געטראָגן איבער דער גאַס. דייטשער אוניפאָרם האָט געווילדעוועט איבער יידישע הייזער, גערויבט יידישע פראַצע, און פאַרשניטן יידישע לעבנס.

אַ ביסל ווייטער, האָט דער רב אויך געזען אַ צווייטן קאַמיאָן, אָן אָפגעדעקטער לאַסט־אויטאָ, געפאַקט מיט יידן, וועלכע זענען געשטאַנען איינגעפרעסט צווישן מערערע באַוואָפנטע דייטשן. אָן אייז־קאַלטער שטראָם האָט אַדורכגענומען זיין נשמה. צווישן די פאַרנומענע יידן אין לאַסט־אויטאָ האָט ער דערקענט עטלעכע זיינע באַקאַנטע.

די געסטאַפּאָ־לייט האָבן געקוקט אויפן רב, געזוכט דעם רושם, וואָס דאָס אַלץ מאַכט אויף אים...

— נו, ראַבינער, וואָס זעסטו? וואָס מאַכסטו? דער ראַבינער איז שטאַרק באַליידיקט, וואָס מ׳האָט אים געשמידט אין קייטן?

דער רב האָט נישט געענטפערט. זיין פנים איז געבליבן פאַר־שטיינערט ווי פריער. דער אויטאָ האָט פאַרשנעלערט דאָס פאָרן, אין דער ריכטונג פון דער תפיסה „סען־מישעל", וואָס געפינט זיך ווייט פון דער שטאָט. אַ געלער דייטש מיט אַ פנים פון רוצח וואָס איז געזעסן האַרט נעבן רב, האָט זיך איזדיעקעוועט איבער אים. אים פאַררוקט דעם הוט אָן אַ זייט. אָנגענומען אים פאַרן קאָלנער — געפייניקט.

— ווו איז דיין ג־ט, יודע? וואָרום שיצט ער דיך נישט? אַנטוואָרטן! פאַרפלוכטע ראַסע!

רוצחישער געלעכטער האָט הילכיק אָפּגעהילכט. פונעם רבס האַרצן האָט זיך געטראָגן אַ תפילה:

— „אב הרחמים, למה יאמרו הגוים איה אלהיכם?"

דער אויטאָ איז געבליבן שטיין פאַר דער תפיסה „סען־מישעל". דאָס געעפנטע שווערע, אייזערנע תפיסה־טויער האָט אים איינ־געשלונגען.

מיט טעג שפּעטער, האָט אַ תּפיסה־באַאַמטער (אַ חבר פון דער רעזיסטאַנס) איבערגעגעבן די יידישע יוגנטלעכע פון בונקער, גרויליקע פּרטים:

„דער רב ווערט אכזריותדיק געפּייניקט פון דער פראַנצויזישער פּאָליציי און פון די דייטשן. זיינע געשרייען פון מאַטער־קאַמער גייען עד לב השמים. ער האַלט זיך אָבער ווירדיק, ווייל נישט הערן פון זייערע „גליקן", פון זייערע צוזאָגענישן אים צו באַפרייען, ווען ער וועט זיך מודה זיין אין מיטאַרבעט מיט די פּאַרטיזאַנער. דער רב האָט נישט אויסגעגעבן און נישט פאַרראַטן. ער האַלט אויס אַלע פייער־שפּיזן, ווי אַ הייליקער מאַרטירער, ביז דער לעצטער מינוט".

מיט פאַרקלעמטע הערצער, האָט די יוגנט אויסגעהערט דעם תּפיסה־וועכטער.

לעאָן, אַ געוועזענער תּלמיד פון רב, האָט דערציילט, אַז גראַד איז ער היינט געווען אין שול ריי־פּאַלאפּראַט, ווען מען האָט אַריינגעבראַכט אַ פּעקל פון תּפיסה. די שמשטע האָט אויפגעעפנט, דאָס איז געווען דעם רבס וועש, אינגאַנצן פאַרבלוטיקט. לעאָן האָט זיך פאַרשטעלט דאָס פּנים און געוויינט.

די יוגנטלעכע פון „מ. זש. ס." ביי וועמען דער רב איז געווען אַזוי באַליבט, האָבן נישט אויפגעהערט צו רעדן וועגן אים. „גראַד ווען דער רב איז אַרויס פון דער פּרעפעקטור, האָט מען אים צוגענומען..." — האָבן זיי געטענהט — „ווען ער איז געגאַנגען בעטן פאַר אַ יידישער פאַמיליע, מען זאָל פאַרלייגן ערגעץ זייערע אַקטן, אַז די געסטאַפּאָ זאָל זייער אַדרעס נישט האָבן אויף דער ליסטע. מאַנכעס מאָל איז דעם רב געלונגען צו טאָן אַ טובה. אָבער פיל מאָל פלעגט ער דערציילן, אַז דער פּרעפעקטור־באַאַמטער האָט פאַרשטאָפּט די אויערן, און אים אפילו נישט געוואָלט הערן. נישט איינמאָל האָט ער אָנגעטראָפן אויף אַ שונא־ישראל, וואָס האָט אים געמאַכט מיט דער בלאָטע צוגלייך. וויפל בליקן פון ביטול

און שנאה האָבן אים געשטאָכן ווי שפּיזן, דאָרט, אין דער פּרעפּעקטור".

דער רב האָט גוט געוווּסט, אַז דאָקטאָר באַילע (BAILLE) דער שעף פון טולוזער מיליץ (פראַנצויזישע פּאָליציי) האָט אים אויפן אויג. פאַר זיך אַליין האָט דער רב אָבער גאָרנישט געטראַכט. ער האָט זיך מוסר נפש געווען פאַר יעדן ייד, און יעדע זאַך, וואָס ער האָט דערגרייכט פאַר אַ ייד, איז געווען זיין נצחון. אַזוי האָבן די יוגנטלעכע טרויעריק געשמוסט צווישן זיך.

נאָך וואָכן לאַנג, האָט מען זיך דערוווּסט, אַז דער רב איז אַ דערשלאָגענער, אַ קוים זשיפּענדיקער, דעפּאָרטירט געוואָרן.

די פראַנצויזישע רעגירונג האָט אים שפּעטער צוגעטיילט די אויסצייכענונגען: „קרואַ דע גער" און „שטערן פון בראָנז".

ראַבינער פון טולוז, הרב נתן האָשאַנסקי, אַקטיווער מיטאַר־בעטער פון דער ערשטער מינוט אין דער רעזיסטאַנס. ער האָט אַריינגעפירט די יוגנט אין קאַמף, האָט זיך מקריב געווען אויף זיין פּאָסטן.

די יוגנט, פאַראומערט און פול מיט צער, האָט אים געטראָגן אין האַרצן: „דער העראָאישער יידישער פּאַרטיזאַנער, דער קדוש ר' נתן האָשאַנסקי, וועט אייביק פאַרבלייבן אין אונדזער זכרון".

פראַנקרייך, 1943.

## זעקס יאָרצייט־ליכט

(נאָך דער באַפרייאונג אין פראַנקרייך)

ר׳ יהושע איז געלעגן קראַנק. זיינע צאַרטע, בלייכע הענט, האָבן געהאַלטן אַ ספר — אַ משניות, צוגעשפּאַרט צו דער ברוסט, צו זיין כמעט ווייסער באַרד. אָבער נישט אין ספר האָט ער איצט אַריינגעקוקט, נאָר אַהינגעבליקט צום יאָרצייט־ליכט, ביי וועלכן ס׳איז געזעסן זיין ווייב לאה, פאַרדעקט איר פּנים מיט די הענט און האָט שטיל געשלוכצט. צום פלעמל פון זיין בן־יחיד, משהלען, האָט ר׳ יהושע געקוקט טרויעריק.

פאַר ר׳ יהושעס אויגן האָבן פאַרבייגעשוועבט בלוטיקע ביל־דער פון דער שווייץ, וווהין ער איז מיט זיין זון משהלען געווען דעפּאָרטירט. זיין משהלען האָט מען פאַר זיינע אויגן פאַרפייניקט. ער האָט געזען ווי מען שלאָגט אים, מ׳טרייבט אים צוזאַמען מיט אַן עולם יידן אין גאַזקאַמער אַריין. משהלע שטייט אָפּ, ער וויל ווייטער נישט גיין. בייטשן צוויקן זיינע פיס. משהלע שרייט צו די דייטשע רוצחים:

„אייער מפּלה איז נאָענט!״.

מען נעמט משהלען אַרויס פון די רייען, מ׳רייסט פון אים אַראָפּ די מלבושים, מען שמייסט, מ׳שלאָגט ביז בלוט דעם אויסגע־דאַרטן, אויסגעהונגערטן בחורל. מען צווינגט אים אויסצוטאָן דאָס קאַפּל. ער האַלט עס צו מיט עקשנות. משהלע איז אַן איינגע־שפּאַרטער, ער האַלט צו פעסט, מיטביידע הענט, דאָס קאַפּל אויפן קאָפּ, ער גיט נישט נאָך... דאָס רוצחדיקע שלאָגן ווערט שטאַרקער, זיינע יאָמערלעכע קולות גייען עד לב השמים... ביסלעכווייז שטילן

זיך איין משהלעס ווייגעשרייען, ער הויכט אויס זיין טייערע נשמה מיט שמע ישראל!

פאַר ר' יהושעס אויגן גייען פאַרביי בלוטיקע אוישוויצער יידישע קרבנות, לאין שיעור. נאָך יאָמערלעכע געשרייען און געוויינען פון מאַמעס און תינוקות של בית רבן. אַ געפיל האָט ער, אַז דער ריח פון די געסמאַליעטע, פאַרפייניקטע גופים, איז אין אַלע זיינע אברים.

— זעקס מיליאָן קדושים וטהורים — האָט ער זיך צעוויינט — רבונו־של־עולם, זאָל שוין זיין גענוג! גענוג אָפּגעריכט גלות. „העם בחר לנחלה לו". עפן שוין אויף פאַר דיין שארית הפליטה די טויערן פון רחמים!...

לאה האָט אויפגעציטערט פון איר מאַנס ביטערע בכיות. זי איז צוגעגאַנגען צו זיין בעט און מיט געבעט אים גענומען באַרויִקן:

— יהושע, הער אויף צו וויינען, זאָל שוין גענוג זיין. צעברעך זיך נישט. — זי האָט פון זיין בלייכן פנים געווישט די טרערן.

ר' יהושע האָט מיט אַ ציטערדיק קול גענומען לערנען משניות.

זייט וואָכן ווי לאה גייט נישט אַרויס פון קליניק־שטיבל, וווּ איר מאַן ליגט קראַנק. די טיר עפנט זיך, עס קומען אַריין דער דאָקטאָר מיט אַ קראַנקן־שוועסטער. ביים אונטערזוכן דעם קראַנקן, האָבן דעם דאָקטאָר געאַרט די ארבע־כנפות אויף אים.

— נאָך נישט אויסגעטאָן דאָס! — האָט דער דאָקטאָר געשריגן.

ר' יהושע האָט געענטפערט מיט אַ שטילער שטים, אָטעמנדיק שווער:

— איך וועל די ארבע־כנפות נישט אויסטאָן — ער האָט געוויזן די וווּנדן און ביילן אויף זיין לייב — מיט מעסערס האָבן די דייטשע רוצחים מיך געקאַטעוועט, אָבער קעגן ג־ט האָב איך חלילה נישט מהרהר געווען אפילו אויף קיין איין רגע, און די ארבע כנפות האָב איך נישט אויסגעטאָן.

דער דאָקטאָר האָט געשמייכלט, איבערגעקוקט זיך מיט דער

קראַנקן־שוועסטער און נאָכן מאַכן אַן איינשפּריצונג דעם קראַנקן, זענען זיי אַוועק.

ר׳ יהושע האָט געקרעכצט.

— דאָס האַרץ איז דיר שוואַך יהושע ? — האָט לאה געפרעגט — אוי, אַזוי איז נאָך יעדן איינשטיך, נאָר מען שטעכט...

— וואָס שפּילט אַ ראָלע נאָך אַ שטאָך — האָט ר׳ יהושע זיך אָנגעשטרענגט נישט אַרויסצוווייזן זיין ווייטיק.

— דאָס רשעות וואָס מען האָט דאָ (אין קליניק באַנעפּואַ) אויסצושטיין, איז אין לשער, — האָט לאה זיך באַקלאָגט, — אַזוי דער דאָקטאָר, ווי דאָס פּערסאָנאַל. קיין ביסל מענטשלעכע הילף קען מען פון זיי נישט האָבן. היינט איז ווידער מיטן לייבצודעקל, אַמאָל געפּעלט זיי נישט דיין קאָפּל אויפן קאָפּ, אָדער דיין מתפּלל זיין. איך האָב געמיינט, אַז נאָך דער באַפרייונג פון די צוררים, וועט אַלץ זיין אַנדערש.

— נו, מיר זענען דאָך אין גלות — האָט ר׳ יהושע מיט אַ ווייך קול געטענהט. — „אמר ד׳ וקבצתי אתכם מן העמים ואספתי אתכם מן הארצות אשר נפצותם בהם, ונתתי לכם את אדמת ישראל״ — האָט ער ציטירט פּסוקים פון יחזקאל — נאָר אין אונדזער ארץ הקדושה קען קומען אונדזער באַפרייונג...

ר׳ יהושע איז פון שוואַכקייט אַנטשוויגן געוואָרן, זיינע אויגן געשלאָסן, ווי ער וואָלט איינגעשלאָפן. ער איז אַ לאַנגע ווײַלע געלעגן פאַרטראַכט, ווי אַלץ אַרום וואָלט אים געווען גלייכגילטיק. ער האָט לגמרי נישט באַמערקט ווי פריינד זענען געקומען אים מבקר חולה זיין. אַרום טיש האָבן זיי זיך שטיל געפּלפּולט אין דברי תורה. דאָס זענען געווען ידידים, נאָך פון דער היים, פון זיין געבוירן־שטאָט לעמבערג. זיי האָבן דערציילט זיינע שבחים:

„ווי ער, ר׳ יהושע, האָט אין זיינע יונגע יאָרן געלערנט תורה יום ולילה. ער פּלעגט אין די פרימאָרגנס שפּאַצירן אַ פריילעכער איבער דער שטאָט. נישט איינמאָל אויף אַזאַ שפּאַציר, איז ער

באַפאַלן געוואָרן פון גויישע כוליגאַנעס, וועלכע האָבן אים געריסן די פאות און באָרד, און געשלאָגן. אַמאָל האָט ר׳ יהושע אָפּגעטאָן אַ זאַך, וואָס האָט מיט אים געשמט״, האָט אַ ייד, וואָס האָט מיט ר׳ יהושען געוווינט בשכנות אין לעמבערג, דערציילט:

„ס׳איז געווען אין אַ מיטאָג־שעה, ווען לאה האָט געוואַרט אויף אים, ער זאָל קומען פון דאַווענען איבערבייסן. זי האָט אַרויס־געקוקט אויף אים דורך דער טיר פון איר שניט־קרעמל.

„יהושע איז מסתמא איבערגעבליבן לענגער אין שול — האָט לאה געמיינט — כדי ביי עמעצן פון די בעלי־בתים זיך קענען באָרגן אויף שבת. עס איז דאָך שוין דאָנערשטיק״. ווייל פונעם שניט־געוועלבל האָבן זיי געלעבט אין דחקות און געצויגן שווער די פרנסה. די גויישע געוועלבער, האָבן צו זיי נישט צוגעלאָזן קיין קונה. אַנטיסעמיטישע דורכגייער פלעגן נישט איינמאָל אויס־האַקן די שויבן פון לאהס שניט־קרעמל, און די סחורה צוראַבעווען.

„ר׳ יהושע איז אַוועק פון שולעכל, צוזאַמען מיט מיר״, האָט דער ייד ווייטער דערציילט. „עס איז געווען נאָך האַלבן טאָג, מיר האָבן באַגעגנט אַ געשלעג צווישן יידישע און אַנטיסעמיטישע סטודענטן אויף יאַגעלאָנסקאַ גאַס, ווו ס׳איז געווען גימפּלס יידיש טעאַטער. ר׳ יהושע האָט זיך אַוועקגעשטעלט צווישן ביידע צדדים. די אַנטיסעמיטישע סטודענטן האָבן שוין אויפגעהויבן הענט אים צו שלאָגן״.

„השי״ת איז מיט מיר!״ האָט ר׳ יהושע הויך אויסגערופן, און ער האָט זיי פאַרחושט מיט זיין געשריי. די געוואַגטקייט און מוטי־קייט פון דעם ייד מיט דער לאַנגער קאַפּאָטע, מיטן טלית און תפי־לין־זעקל אונטערן אָרעם, האָט אויף זיי אָן אימה אָנגעוואָרפן. די אַנטיסעמיטישע סטודענטן זענען געבליבן שטיין פאַרגאַפטע, צעטומלטע״.

ר׳ יהושע איז שפּעטער אַוועק מיט זיין ווייב און זון צו זיינע לאַנדסלייט קיין בערלין, וועלכע האָבן אים אויפגענומען פאַר רב.

דאָרט האָט ער מיט זייערע קינדער געלערנט תורה. ער איז דערביי אָריינגעצויגן געוואָרן אין קהילה־ענינים. שבת־תשובה און שבת־הגדול פלעגט ער פאַר זיי דרשענען מענינא דיומא. אין אַן עת־צרה זיי געטרייסט, און זיך אידענטיפיצירט מיט יעדן אין זיין צער. געלעבט האָט ער פון שכירות, וואָס זיינע בעלי־בתים האָבן אים געצאָלט. ווער עס איז נאַר, ווען ס'איז, געקומען אין זיין בית־דין־שטוב, האָט ער געהייסן אַריינלייגן אַ שיינע מטבע אין ר' מאיר בעל־הנס־פושקע,פאַר ארץ ישראל. זיין שטעלונג איז געווען אַ פאָזיטיווע פאַר אַן אייגענער מלוכה אין ארץ ישראל. ער האָט אויף זיינע אָנהענגער געהאַט אַ גרויסע השפעה. פיל פון זיי זענען טאַקע אָפּגעפאָרן אין אונדזער לאַנד. ר' יהושע אַליין האָט פון תמיד אַן געטראַכט, געחלומט זיך צו באַזעצן אין ארץ ישראל, ער האָט אָבער דאָס שוין נישט באַוויזן.

אויך זיין 14־יאָריקער משהלע, האָט אין זיין יוגנט געשמט. יידן פלעגן אָנווייזן אויף אים:

„אָט איז משהלע, וויל איז טאַטע־מאַמע. קיין עין הרע אַ ווילע בחורל, אַן עילוי!"

יהושע און זיין ווייב לאה האָבן אָפּגעהיטן זייער בן־יחיד, ווי זייער אויג אין קאָפּ. ווען די דייטשע רדיפות האָבן אָנגעהויבן בושעווען אין דייטשלאַנד, איז יהושע מיט זיין בני־בית אַנטלאָפן פון בערלין קיין פראַנקרייך, פון וואַנען ער איז דעפּאָרטירט געוואָרן, און איז נאָך דער באַפרייונג צוריקגעקומען אַ דערשלאָגענער קיין פראַנקרייך. ער איז ערשט אין די פופציקער, אָבער ווי צעבראָכן ער איז היינט, אַמאָל האָט ער געקאָנט אַ בוים מיט די וואָרצלען אַרויסרייסן.

„זיין גוף האָבן זיי צעפייניקט אָבער אויף זיין נשמה האָבן די רוצחים קיין שליטה נישט געהאַט", האָט אַ ייד זיך אָנגערופן, וואָס איז צוזאַמען מיט ר' יהושען געווען אין לאַגער „גירס" אין פראַנקרייך.

„פאַר אַ ייד האָט ר׳ יהושע זיין אייגן לעבן איינגעשטעלט. זענען די ברויט־ראַציעס קלענער געוואָרן, איז יהושע געגאַנגען אין ביורא בעטן: „מענטשן פאַלן פון די פיס פאַר הונגער". די באַאַמטע האָבן אים אַרויסבאַגלייט מיט שטעקנס. נישט איינמאָל איז ער געקומען אַ צעבלוטיקטער, קוים אַ לעבעדיקער, ער האָט אויסגעבעטן אַ ביסל מילך פאַר אַ שוואַכן יידן. און וויפל מ׳האָט אים נישט געזאָלט שלאָגן, סיי פראַנצויזן, סיי דייטשן, האָט ער ווידער און ווידער זיך אָנגענומען יידנס קריוודע. איובס יסורים אויף זיין לייב, האָט ער מקבל געווען באהבה".

„איינשטעלן זיך פאַר אַ ייד איז אַ גרויסע זאַך", האָט אַ צווייטער ייד, אַן עניו, שטיל זיך אָנגערופן, וועלכער פלעגט יעדן טאָג קומען דעם קראַנקן מבקר חולה זיין — „אהבת ישראל איז אַ הויכע מדרגה".

ר׳ יהושע האָט אויפגעעפנט זיינע אויגן, די ברענענדיקע אויגן. ער איז נאָך געווען מיט זיך. דערזען די עטלעכע פריינד אַרום טיש, האָט ער זיך באַמיט אויפצוזעצן אין בעט, אַ ווײַלע געקנייטשט זיין הויכן שטערן און געזאָגט:

— אין דער גמרא, אין כתובות שטייט „לעולם ידור אדם בארץ ישראל, אפילו בעיר שרובה עכו״ם, ואל ידור בחוץ־לארץ ואפילו בעיר שרובה ישראל". ישראל מוז זיך אומקערן אינעם לאַנד פון אונזערע אבות „וישכן כבוד ד׳ על הר סיני, וזכרון ירושלים עיר קדשך".

— און נישט רוען זאָלט איר, ביז וואַנען איר וועט נישט קומען אין דער הויפּטשטאָט פון אונדזער ארץ הקדושה קיין ירושלים, און דאָרט, ביים כותל המערבי, אויסגיסן אייער האַרץ...

אַלע האָבן זיך איינגעהערט אין זיינע ווערטער, וואָס זענען געקומען מעימקא דליבא, און האָבן מיט גרויס יראה נאָכגעפאָלגט יעדע באַוועגונג זיינע. מען האָט געהאַט דעם רושם, אַז די שכינה רוט אויף אים.

ר׳ יהושע האָט געפילט, אַז ג־ט רופט אים צו זיך. ער האָט זיך געהייסן דערלאַנגען אַ ספר, און האָט שטילערהייט מתפלל געווען.

אַ געדריקטע שטילקייט האָט געהערשט אין צימער. עס האָט זיך שוין מער נישט געהערט דאָס שווערע אָטעמען פון קראַנקן.

עס איז שוין געווען שפּעט ביינאַכט. פון דרויסן איז דערגאַנגען אַ שטיל רוישן פון די צווייגן הינטער דעם אָפענעם פענצטער פון קליניק־גאָרטן. ר׳ יהושע האָט ברמז געבעטן די יידן זאָלן זיך דערנענטערן, ער האָט זיי געבענטשט.

ר׳ יהושע אַ באַלאַדנטער מיט פּעק יידישע צרות, איז צוריק־געפאַלן אויפן געלעגער. ער איז נפטר געוואָרן.

פון דער עדה יידן, וואָס זענען בייגעווען בעת זיין פּטירה, האָט זיך אַרויסגעהויבן אַ קול:

„ואנשי קודש תהיו לי, זאָל דער געהייליקטער אין ליידן, ראוי זיין צוזאַמען מיט די אומגעקומענע קדושים, צו דערטראָגן די יידישע טרערן פאַר די שערי הרחמים...״

טולוז, 1946.

# מיט שלום אַש אין ניצע

אין אַ טאָג פון חודש אויגוסט 1952, בין איך געקומען קיין ניצע פון לעוועגס — אַ דאָרף, וואָס ליגט אין דער זעלבער געגנט, אויף דער פראַנצויזישער ריוויערע.

ווי נאָר איך בין אַרויס פון אויטאָבוס אין ניצע, האָב איך פאַרקירעוועט אויף רעכטס, צו פּראָמענאַדע־אַנגלעי, אין דער ריכטונג צום „האָטעל רוהל", וווּ שלום אַש מיט זיין פרוי האָבן זומערצייט געוווינט. עס איז געווען ניין אַזייגער אין דער פרי, און צו מיין באַגעגעניש מיט שלום אַשן, וואָס איז געווען באַשטימט אויף 10 אַזייגער, האָב איך נאָך געהאַט אַ שעה צייט.

איך בין געגאַנגען מיט לאַנגזאַמע טריט. ס'איז געווען אַ הער־לעכער טאָג, די ברענענדיקע שטראַלן פון דער קאָט־דע־אזור־זון, זענען געווען צעשפרייט איבער דעם גאַנצן אַרום.

דער שיינער „האָטעל רוהל", ציט צו דאָס אויג נאָך פון דער ווייטנס — מיט זיינע צוויי קאָפּולן, די באַקרוינטע מיט לאַמטערן, וואָס זענען אַרומגערינגלט מיט לעמפּעלעך, בלישטשענדיקע, ווי אויסגעפּאַסטע מיט בריליאַנטן. אַמשענסטן זעט עס אויס ביינאַכט, ווען די לבנה שיינט, דער „האָטעל רוהל" איז דאַן אַרומגערייפט עטלעכע מאָל מיט פּאַסן ליכט, און די קאָפּולן שפּיגלען זיך אָפּ אין ים, צוזאַמען מיט דער לבנה און שטערן.

„האָטעל רוהל", איז די ערשטע געביידע פון אַ גאַנצער ריי האָטעלן, וואָס ציען זיך לענגאויס, רעכטס, פון דער פּראָמענאַדע ד'אַנגלעי, האַרט ביי דער פּליאַזשע, און זי קוקט אַרויס מיט די

פענצטער צום ים. די לינקע זייט פון האָטעל גייט אַרויס צום גאָרטן „אַלבערט דער 1־טער״.

איך בין אַריין אין גאָרטן, פון וואַנען ס׳האָט זיך געטראָגן דער שטאַרקער אַראָמאַט פון בלומען. ניצע האָט אַ שם מיט אירע נעלקן, מימאָזן און רויזן.

נאָך אַ ווײַלע, בין איך אַריין אין דעם גרויסן אַרײַנגאַנג פון „האָטעל רוהל״. איך האָב געפרעגט דורכן טעלעפאָן:

— שלום אַש איז הײַנט שטאַרק פאַרנומען.

— איך האָב אַ ראַנדעווו מיט אים. — האָב איך אָנגערופן מײַן נאָמען.

— וואַרט אַ ווײַלע בײַם טעלעפאָן. — באַלד האָב איך ווידער דערהערט: — שלום אַש האָט געבעטן אַרויפקומען.

איך הייב זיך איבער די טרעפּ, וואָס פירן צו זײַער אַפּאַר־טאַמענט. שלום אַשס פרוי האָט מיך אויפגענומען. אַ ווײַלע זענען מיר געזעסן אין געבעטע אָנלען־שטולן און געשמועסט. דאַן איז פון אַ צווייט צימער אַרײַנגעקומען אַ הויכער מאַן, אָנגעטאָן אין אַ דינעם ווײַסן אָנצוג, מיט אַ העלן זומער־הוט — שלום אַש. מיט געמאָסטענע טריט האָט ער זיך צו מיר דערנענטערט, אין דער האַנט האָט ער געהאַלטן מײַן בריוול און אַ צײַטונגס־אויסשניט פון מײַנס אַ געדרוקטער דערצײַלונג, וואָס איך האָב אים צוגעשיקט.

— דאָ האָט איר עס. איך האָב נישט געלייענט, ווײַל איר האָט מיר געשיקט רעגיסטרירט — האָט שלום אַש געזאָגט מיט פאַרוווּרף און מיר צוריקגעגעבן מײַן דערצײַלונג. איך בין געבליבן געטראָפן פון דעם קבלת־פּנים.

— זײַט מיר מוחל דעם חטא, שלום אַש — האָב איך געזאָגט.

ער האָט אַ שמייכל געטאָן, און זיך צו אונדז צוגעזעצט.

— איך האָב מורא פאַר חובות — האָט אַש שוין גערעדט ווייכער

שלום אַשס פרוי האָט געלאַכט.

— איר וווינט אין לעווענס? — האָט שלום אַש געפרעגט.

— געקומען אויף וואַקאַנס.

— איר שרייבט?

איך האָב באַלד גענומען אויפוויקלען אַ בינטל פון מיינע מאַנוסקריפטן.

שלום אַש האָט מיט אַ מביניש און געניט אויג געקוקט אין מיינע שריפטן. געבלעטערט און געלייענט. פון אָפענעם פענצטער איז פון צייט צו צייט אַנגעלאָפן אַ לייכט שפּילעוודיק ווינטל פון ים.

— דערציילונגען, נישט שלעכט. גיט מיר צוריק אייער גע־דרוקטע נאָוועלע, איך וועל זי אַדורכלייענען.

— איך בעט ביי אייך אַ מיינונג.

— אָלרייט. איך וועל אייך שרייבן. מאַטילדע! — האָט ער גערופן. אַשס פרוי איז צוריק אַריין פון אַ צווייטן צימער.

— דו גייסט מיט אונדז?

— איך בין נאָך פאַרנומען — ענטפערט זי, און געזעגנט מיך זייער פריינדלעך.

שלום אַש האָט גענומען זיין שטעקן, מיר זענען אַרויס פון שטוב.

אין דרויסן, פאַר זיין האָטעל, האָבן מיר זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק. פאַר אונדז אויף דער פראָמענאַדע האָבן שפּאַצירט פרויען און מענער, אָפּגעברענט פון דער זון. אַ פאַרביקער געמיש פון קליידער, לאַנגע און קורצע הויזן. עס זענען צו אונדז דער־גאַנגען כלערליי לשונות: ענגליש, דייטש, איטאַליעניש, רוסיש, פראַנצויזיש און אַנדערע שפּראַכן.

מענטשן זענען געזעסן פאַר די קאַפע־הייזער, געוועזן אויס־געצויגן אויף אַנלען־שטולן און גענאָסן פון דער אַנגענעמער און וואַרעמער זון אויף דער ריוויערע. אויפן ים, ווו די זון האָט שימערירט, האָט מען געשפּילט באַל, געשפּרונגען אין וואַסער.

שלום אַש האָט באַטראַכט די פּראָמענאַדע, און מיטן בליק אויסגע־דריקט זיין אַנטציקונג. מיר זענען אַוועק פון דעם טומל.

מיר זענען זיך דורכגעגאַנגען אויף דער לאַנגער פּראָמענאַדע ד'אַנגלעי, האָרט ביים ברעג. וואָס ווייטער פון צענטער, אַלץ שטילער איז געוואָרן דער שטאָט־טומל. לענגאויס דער פּראָמע־נאַדע, פון אַקעגנאיבער, זענען געווען פּרעכטיקע ווילייעס.

איך האָב פאַרגעלייגט אים עפּעס לייענען.

— דאָרט אויף דער באַנק — האָט ער אַנגעוויזן. מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט.

איך האָב פאַרגעלייענט מיינס אַ נאָך־נישט געדרוקטע נאָוועלע. שלום אַש האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט, געמאַכט באַמער־קונגען: — דער זאַץ טויג נישט, אַביסל אומגעלומפּערט... — איך האָב געפּילט אויפריכטיקייט אין זיינע ווערטער. שטעלן, וואָס זענען אים יאָ געפעלן, האָט ער געלויבט. — שיין, זייער שיין. — ביים סוף האָט ער צוגעגעבן — פאַראַן אַ גוטער אינהאַלט אין אייער מאַנוסקריפּט.

מיר זענען נאָך געבליבן זיצן, באַטראַכט די שפּאַצירנדיקע שיפלעך איבערן וואַסער. פּלוצעם האָט שלום אַש זיך אַנגערופן:

— איר זעט דאָרט די גרויסע שיף? — ער האָט זיך שטאַרק איינגעקוקט אין מרחק אַריין, — זי פאָרט קיין ארץ־ישראל. — זיין פּנים האָט געשטראַלט פון נחת.

אַ פאַרחידושטע, האָב איך געווענדט מיינע בליקן אין דער ווייט, צו אַ שיף אויפן ים, די שטאַרקע ליכט־שטראַלן אויף דעם בלויען צעשפּילטן ים, האָבן אויף אַ ווײַלע געשטערט מיין ראיה. באַלד האָב איך באַשטעטיקט:

— אוודאי זע איך. ווי קומט אַהער אַן ארץ־ישראל שיף? — מיינע אויגן האָבן נישט אויפגעהערט צו בלאָנדזשען אינעם חלל.

— נישט ווייט פון דאַנען איז דער מאַרסיילער פּאָרט. איר זעט, ווי עס פלאַטערט די בלוי־ווייסע פאָן מיטן „מגן דוד" אין

דער הויך? מען זעט אויך די לשון־קודשדיקע אויפשריפט אויפן זעקס־שפּיציקן שטערן. און וואָס פאַר אַ פריילעכן געזאַנג עס טראָגט זיך פון דאָרט! איר הערט? עד לב השמים — האָט שלום אַש צוגעגעבן מיט אַנטציקונג.

איך ווער אינגאַנצן מיטגעריסן פון פרייד, הער זיך איין אין ווייטן, פון וואַנען ס׳קומט דאָס פריילעכע געזאַנג. איך פאַרמאַך די אויגן און מיר דוכט זיך, אַז איך הער דעם קלאַנג פון יהודה הלוויס ליד: ציון, הלא תשאלי...

שלום אַש האָרכט זיך איין אַ ווײַלע, ווי אויך ער וואָלט זיך געוואָלט אין עפּעס איבערצייגן, און ער נעמט מורמלען:

בענקסט אויך נאָך דײַנע קינדער, מוטער ציון.
ווי זיי, צעזייטע און צעשפּרייטע בענקען?
ווילסט אויך, ווי זיי, פון דיר אַ ליבן גרוס באַקומען?
דאָ האָסטו אַ גרוס פון נאָענטע און ווײַטע״.

איך כאַפּ אונטער:

„אין האַרצן דורות־לאַנג געוואָרעמט
טראָגט אים פון אַלע עקן וועלט,
דורך ימים און מדבריות,
צו דיר אין שוים,
אַן עלנט קינד דײַנס״.

די שיף האָט זיך אַלץ מער פון אונדז דערווייטערט. אונדזער אויג האָט מיטגעאײַלט אין די מרחקים.

— קיין ניצע — רופט זיך אָן שלום אַש — קום איך פון מעבר־לים, פון ניו־יאָרק. די פראַנצויזישע ריוויערע, דער ים דאָ ווירקט גוט אויפן געזונט. אָבער בקרוב פאָרן מיר צום מיטל־

לענדישן ים פון תל־אביב. דאָרט וועלן מיר זיך באַזעצן. איך בוי זיך אַ הויז אין בת־ים.

— איז אויך אין תל־אביבביים ים אַזוי שיין? — פרעג איך.

— נאָך שענער! דאָס מוזט איר אַליין זען. די זאַמדיקע פּליאַזשע אין תל־אביב ציט זיך לאַנג און ברייט. אין ישראל ווערן ווונדער געשאַפן.

לאַנג האָבן מיר נאָך גערעדט וועגן ישראל.

— איר זייט אַ גאַליציאַנערין? — פרעגט מיך שלום אַש.

— יאָ.

— איך האָב געשריבן פאַר די גאַליציאַנער יידן.

— איך האָב אייך געלייענט, שלום אַש. און נישט בלויז פאַר גאַליציאַנער יידן, אויך פאַר יידן פון פּוילן, רוסלאַנד, רומעניע, האָט איר געשריבן. מיר האָבן געלייענט אייערע ווערק.

— וועלכע?

— „דאָס שטעטל", „קידוש השם", „דער תהילים־ייד", „די כישופמאַכערין פון קאַסטיליע", „שלמה הנגיד", „מאָטקע גנב", „גאָט פון נקמה", „מערי", „דער וועג צו זיך", און אַנדערע אייערע שאַפונגען, וואָס אַלע זענען זיי אַזוי עכט יידיש, וואָס באַזינגען דאָס יידנטום, די העלדן פון קידוש השם, די יידישע געשיכטע. מיר האָבן, פּשוט, אייך פאַרגעטערט.

אַ צופרידענער פון מיינע שבחים, האָט שלום אַש צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— צי ווייסט איר אָבער, שלום אַש, ווי שווער געטראָפן מיר זענען געוואָרן פון אייערע לעצטע קריסטוס־ביכער? און ווי טיף געטראָפן ס'איז די יידישע נשמה בכלל פון אייער „מאַן פון נצרת" און „מאַריאַ", אין וועלכע איר באַזינגט דאָס קריסטנטום, דאָס זעלביקע, וואָס האָט אונדז גערודפט אין משך פון דורות?

שלום אַשס פּנים האָט מיט אַמאָל זיך פאַרכמורעט. ס'איז געווען קענטיק, אַז ער ווונדערט זיך איבער מיין געוואַגטקייט.

— די דאָזיקע ביכער האָב איך געשריבן, כדי צו ברענגען אַ דערנענטערונג און ברודערשאַפט צווישן יידנטום און קריסטנ־טום — האָט ער געענטפערט מיט אַ האַלב מויל, — יידן מיידן אויס אַ נישט־ייד, ווי אַ צרעת.

— צי ס'וועט אַמאָל קומען צו אַ ברודערשאַפט מצד נישט־יידן צו אונדז, אין דעם צווייפלט איר אויך. צי לאָזט איר דען נישט אַזוי רעדן אייער העלד פון קישעניעווער פּאָגראָם, אין אייער ראָמאַן „מערי״? נעכטן איז די זאַך געשען אין אַלעקסאַנדריע, אין רוים, שפּאַניע, פראַנקרייך, קראָקע, און היינט אין קישעניעוו און קיעוו. און אַזוי וועט דאָס זיין ביז צום לעצטן טאָג פון דער וועלט. שוין זשע זייט איר אַזוי ווייט אַוועק פון אַמאַליקן שלום אַש?

— ווי אַזוי ווייט, ווי פון דאַנען ביז קיין אַמעריקע? — האָט שלום אַש איראָניש געשמייכלט.

איך האָב אויך מיטגעשמייכלט, הגם מיר האָט זיך גאָרנישט געוואָלט שמייכלען.

— דער תהום, וואָס צעטיילט די יידן און קריסטן איז דאָך דערפאַר, ווייל יידן האָבן נישט אַנערקענט אַ בן־אלהים — האָב איך געגעדט דרייסטער, — וואָס יידן האָבן נישט געלאָזן פאַרוואַסערן זייער תורה, נישט געלאָזן לעסטערן „יהוה״ מיט פאַרשפּרייטן ישו הנוצריס נייע לערע. ווען אָבער דער רוימישער גובערנאַטאָר פּילאַטוס האָט קריסטוסן אַרעסטירט און די רוימישע לעגיאָנערן האָבן אים געקרייציקט, האָבן זיי קריסטוסן אָנגעטאָן אַ דערנער־קראַנץ, ווי אַ קרוין אויף זיין קאָפּ, פון אים געלאַכט און געחוזקט: „מלך״...

— „דאָס איז דער יידישער מלך״... — האָט שלום אַש צוגעגעבן.

— היינט, נאָך אונדזער גרויסן חורבן, האָט אונדזער דור

דערוואַרט פון אייך, פון גרויסן נאַציאָנאַלן יידישן שרייבער, אַן אַנדערע טעמאַטיק.

שלום אַש, מיט עטוואָס אַ פאַרוואָלקנט פנים, האָט געענטפערט:

— איך האָב געשריבן וועגן דער היטלער־עפּאָכע אויך.

— יאָ, איך האָב געלייענט אייערע צוויי דערציילונגען, „דער ברענענדיקער דאָרן”, און „דער מאַרש פון די קדושים”. ווו איז אָבער דער המשך? צי קאָן מען, צי דאַרף מען אויפהערן שרייבן פון די מאָנסטערס, וואָס האָבן געוואָלט אויסראָטן אַ גאַנץ פאָלק? און ווו זענען געווען די דייטשע אינטעלעקטועלע, די סאָציאַל־דעמאָקראָטן? די קאָמוניסטן? די קריסטלעכע וועלט? ווער האָט אונדז געהאָלפן?

— קיינער נישט — האָט שלום אַש צוגעגעבן — די קולטור־פעלקער האָבן נישט צוגעטאָן אַ האַנט אונדז צו העלפן. אויך זיי אַלע זענען שולדיק.

אונדזערע מחשבות זענען נאָך פול מיט דעם גאַנצן שוידער־לעכן גרויל. די ווונדן אונדזערע זענען נאָך נישט פאַרהיילט.

— ווּעמען האָט איר פאַרלוירן אין קריג? — האָט שלום אַש געפרעגט מיט האַרציקייט.

— מיין פאָטער, אַ שטאָט־רב, איז מיט אַלע יידן צוזאַמען, פאַרפייניקט געוואָרן אין מיטן מאַרק. מיין גאַנצע פאַמיליע איז אומגעקומען אין פוילן. מיין אייגן קינד איז אומגעבראַכט געוואָרן אין פראַנקרייך.

שלום אַש האָט מיך אָנגעקוקט, זיין פנים האָט אויסגעדריקט צער. ער האָט געזאָגט:

— ג־ט האָט אונדז אומגעקערט אין דער אייגענער מדינה, געטאָן חסד מיט זיין רעשטל לעבן־פאַרבליבענע יידן, געבראַכט זיי אַהיים, נאָענט צו זיך. שטייען מיר אַלע פאַר אים, געווענדט צום מזרח, כנגד ירושלים. מיר קוקן אויס, פון אל נקמות, דעם משפט פון פמליה של מעלה, זיין עונש צו אונדזערע שונאים —

די אַלערליי היטלערס, הימלערס און אייכמאַנס. זאָל ג־ט ווייטער טאָן חסד מיט אונדז און געבן נחמה.

שלום אַשס שטים האָט ממש אַריינגעדרונגען אין האַרצן אַריין, דברים היוצאים מן הלב. ער איז אויפגעשטאַנען: — נו, מיר װעלן גיין.

מיר זענען צוריקגעגאַנגען מיטן ים־ברעג, וואָס נענטער צו דער פּליאַזשע, אַלץ שטאַרקער איז געוואָרן דאָס געפּילדער. מענטשן זענען געשווומען, דערקוויקט זיך אין וואַסער, זענען אַרויס פון דאָרט מיט פּאַרזיכטיקע טריט, אויסמיידנדיק די ניצעער שפּיציקע פּליאַזשע־שטיינער. זיך געזאַלבט מיט בשמים־איילן הענט און פיס, און זיך אויסגעצויגן אויף דער ניצע־פּליאַזשע מיטן פּנים צו דער ריוויערע־זון.

שלום אַש האָט באַגעגנט באַקאַנטע, ווו אַ קער — אַ באַגריסונג, אַ שמייכל. מענטשן האָבן שוין אויף אים געוואַרט, מ'איז אים אַנטקעגנגעקומען. ער האָט מיך געזעגנט און איז אַוועק.

*

מיט עטלעכע טעג שפּעטער, האָט מיר דער דאָרפס־בריוונטרע־גער פון לעווענס דערלאַנגט אַ גרויסן קאָנווערט, אַ בריוו פון שלום אַש, ער האָט מקיים געווען זיין הבטחה. אויפן ברעג פון מיין דערציילונג, וואָס ער האָט מיר צוריקגעשיקט צוזאַמען מיטן בריוו, איז אויך געווען אָנגעשריבן אַ צוזאָגנדיקע מיינונג, וועגן מיינע שרייבערישע פעיקייטן. אונטערגעשריבן: שלום אַש.

פראַנקרייך, ניצע, 1952.

## תפיסות

(סאָוויעט רוסלאַנד)

די תפיסה־קאַמער, ווו מען האָט אַריינגעפירט ישראלן, איז געווען געפּאַקט מיט מענטשן. די לופט אַ שטיקנדיקע, אַ שווערע.

ישראל האָט זיך אַרומגעקוקט, און געזען פאַר זיך אַ קאָמפּאַקטע, טרויעריקע מאַסע פון פאַרחושכטע פנימער. אַממייסטנס יידישע.

ווער עס איז געזעסן אויף דער הוילער ערד, ווער אָנגעשפּאַרט אויף הילצערנע פּריטשעס. ישראלן איז שווער געווען תופס צו זיין, פאַרוואָס אויך אין סאָוויעט־רוסלאַנד זענען פאַרשפאַרט אַזויפיל מענטשן אין תפיסה, און בעיקר, פאַרוואָס האָט מען אויך אים אַרעסטירט. ער איז געווען מיד און האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן ליימיקן דיל.

— פון וואַנען קומט אַ ייד? — האָט אַן עלטערער ייד לעבן אים געפרעגט.

— פון קאַטאָרזשנע אַרבעט.

— דאָס זע איך אין אייער פאַרמאַטערטקייט.

— געראַטעוועט זיך, על פּי נס, פון דעם דייטשן צורר היהודים ימ״ש, געקומען אַהער, האָט מען מיך אויך דאָ, אין ראַטנ־פאַרבאַנד פאַרהאַפטעט. און רק מ׳שלעפּט מיך פון איין לאַגער אין אַנדערן. אָנשטאָט, ווי איך האָב געמיינט, צו געפינען דאָ אַביסל אָפּרו פאַר מיינע מידע פיס...

— אָפּרו, הלוואי רבונו־של־עולם... נו, און די מאַטער־קאַ־מערס! — האָט געזאָגט דער עלטערער ייד.

— און דאָס הייסט ביי זיי אַ שריט פאָרויס פון אַלוועלט־

לעכער פרייהייט. איז אויך שוין דאָ, אין פּראָגרעסיוון רוסלאַנד דער מענטשלעכער פונק אויסגעלאָשן ?...

— פּראָגרעס, קאָמוניזם, הומאַניזם — האָט זיך דער עלטערער ייד ביטער צעלאַכט.

אַן אַלטיטשקער ייד, מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד, וואָס איז געזעסן אויף אַ קלומאַק, נישט ווייט פון ישראלן, האָט צו אים געווענדט זיין מאָגער, צעקנייטשט פּנים, זיינע שוואַרצע, מילד־וואַרעמע אויגן, פון וועלכע ס׳האָט אַרויסגעקוקט דורותדיקער טרויער.

— פרייהייט, גערעכטיקייט, מענטשלעכקייט: מליצה, נאָר מליצה, — האָט דער אַלטיטשקער אויסגעצויגן יעדעס וואָרט, — אַלץ איז שקר וכזב. אַ סך רבנים, מאַרטירער, האָבן אויסגעהויכט זייערע נשמות אונטער דער היינטיקער ממשלה. אין דער זעלביקער תפיסה, אונטער צאַרישער הערשאַפט, איז אויך מיין פּאָטער ע״ה אומגעקומען, אַ פאַרפיינטער פון די פּאָבעדינאָסצעווס, יידן־פרעסער. אַזוי איז דער יידן־גורל, — ער האָט טרויעריק צוגעגעבן — אויך אונדזערע אבות האָבן געליטן, דאָס איז נאָר אַ המשך פון די צווייטוויזנט־יאָריקע תפיסות...

דער אַלטיטשקער האָט לאַנגזאַם אויפגעהויבן זיין איינגעהויקערטע, איינגעשרומפּענע פיגור. מיט ציטערדיקע הענט, האָט ער אַרויסגענומען פון זיין טלית־זעקל אַ טלית. זיין נאַקעטן אָרעם, ווי אַ גלאַנציק העלצל, האָט ער אַרומגעוויקלט מיט רצועות פון תפילין. אָנגעשפּאַרט זיך אין אַ וואַנט, האָט ער זיך געשטעלט דאַווענען שחרית.

ישראל האָט זיך דערוווּסט, אַז דער אַלטיטשקער איז געווען רב אין אַ שטאָט הינטער כאַרקאָוו, און ער איז אַרעסטירט געוואָרן דערפאַר, וואָס ער האָט זיך איינגעשטעלט פאַר זיין שול. פאַר דער איינציק פאַרבליבענער שול אין שטאָט, ווו ער האָט מיט יידן

געלערנט משניות, מדרש. די שול איז לסוף חרוב געוואָרן, ווי אַלע בתי מדרשים, וואָס מ׳האָט איבערגעבויט אויף ספּאָרט־„פּאַלאַצן״.

אַ לענגערע ווײַלע איז געווען שטיל, מ׳האָט נאָר געהערט דעם טרויעריקן, שטילן ניגון פון דעם ײדס מתפלל זיין:

„אבינו שבשמים עשה עמנו חסד בעבור שמך הגדול שנקרא עלינו וקים לנו ד׳ אלוקינו מה שכתוב — בעת ההיא אביא אתכם ובעת קבצי אתכם כי אתן אתכם לשם ולתהלה בכל עמי הארץ בשובי את שבותיכם לעיניכם אמר ד׳״.

ישראל האָט געקוקט, דאָ צום ייד וואָס דאַוונט, און דאָ צו די אַנדערע יידן, די איינגעהויקערטע, פאַרשמאַכטע, מיט הכנעה־דיקע פּנימער, וואָס שווייגן ווי געשטאַרבענע, געזען האָט ער אין זיי דעם תהום פון מענטשלעכן עלנט. ווי לעכערלעך און אומזיניק עס איז דאָס פריידיקן וועלט־דערלייזונג, קולטור און וויסן, אַלץ וואָס מענטשן האָבן אַמאָל געטאָן, כדי צו בויען אַ נייע, אַ בעסערע פרייהייטלעכע געזעלשאַפט, אויב ס׳עקזיסטירן אַזעלכע קנוילן פון מענטשלעכע יסורים. אויב ביז היינט ווערן מענטשן, צוליב כלומרשטע „פרייהייט״־אינטערעסן, פאַרשקלאַפט, אכזריות־דיק אונטערדריקט — איז אַלץ פּוסטע קלאַנגען...

ישראל האָט זיך געווענדט צום עלטערן ייד לעבן זיך:

— מען וואָלט געדאַרפט דער גאַנצער וועלט ווייזן אָט דעם שוואַכן ייד, דעם פרומען אַלטיטשקן און פרעגן: פאַר וועלכן פאַרברעכן לאָזט מען אים, אויף זיינע אַלטע יאָרן, אויסגיין אין תפיסה.

— „שמע ישראל ד׳ אלוקינו ד׳ אחד״ — האָט ישראל איבער־געחזרט מיט התלהבות דעם יידנס דאַוונען, — „ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד״.

אין אַ ווינקל, אויף אַ בינטל קליידער, איז געזעסן אַ באַבריל־טער ייד, אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן, און פאַרגאָסן גרויסע טרערן

איבער די בלעטלעך פון אַ ספרל. ישראלן האָט דאָס האַרץ געקלעמט פאַר ווייטיק קוקנדיק אויף אים.

— פאַרוואָס וויינט ער ? — האָט ישראל געפרעגט.

— אַזוי הערט ער נישט אויף, אַ גאַנצן טאָג, מתפלל צו זיין צו ג־ט.

— אוי ווייַ !

דער עלטערער ייד האָט אין ישראלס שטימע געפילט מיט־געפיל, און פון דעם ערשטן בליק אָן, האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז מיט אים קען מען וועגן אַלץ רעדן.

— וואָס איז דער וווּנדער — האָט ער געזאָגט — אַזויפיל יסורים דאָ שוין געליטן. אַלע שבעה מדורי גיהנום אַדורכגעמאַכט. אין וויפל קאַצעטן האָט ער זיך געוואַלגערט, ביי קאַטאַרזשנער אַרבעט, און אין וויפל מאַטער־קאַמערס. אכזריותדיקע פייניקונגען ביי דער אויספאָרשונג, און וואָס איז ער אַלץ שוין נישט אויסגעשטאַנען.

— ער זעט אויס צו זיין אַזאַ איידעלער. ווער איז ער ?

— דאָס איז דאָך דער דיכטער פעפער.

— וואָס ? איציק פעפער, דער באַרימטער יידיש־סאָוויעטישער פאָעט ? !

— יאָ, ער.

ישראל האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ.

ער איז דאָך הויט און ביין, און אין וואָס פאַר אַ הולך ער גייט. דערצו איז ער נאָך געוואָרן פרום. ווי זאָגן אונדזערע חכמים: „במקום שבעלי־תשובה עומדים, אין צדיקים גמורים יכולים לעמוד בו״.

— איציק פעפער, זייענדיק נאָך גאַנץ יונג, איז אַריינגעטרעטן אין דער באָלשעוויסטישער באַוועגונג. און איז איר טריי געבליבן ביז צום אַרעסט.

— פעפער האָט דאָך תמיד באַזונגען סטאַלינען... געזונגען

לויב־געזאָנגען דעם פֿאָטער פֿון די פֿעלקער, נאָר געזונגען האָט ער מיט יידישע ווערטער... מ׳האָט אים אויסגעשלאָסן פֿון דער פּאַרטיי.

— ער וועט אַלט זיין ערשט אַ יאָר פֿערציק.

— און קוקט שוין אויס ווי אַן אַלטער מאַן. די צעבראָכענע ברילן מאַכן דאָך אַ תל פֿון זיינע אויגן.

— מ׳האָט אים דאָך די ברילן צעבראָכן ביי דער אויספֿאָרשונג, די נ. ק. וו. ד. האָט אים געשלאָגן, דאָס רעקל אויף אים צעריסן, דאָס העמד צעלעכערט.

— חבר פֿעפֿער, — האָט אַ רוף געטאָן דער עלטערער ייד.

איציק פֿעפֿער האָט זיך אַ טרייסל געטאָן, אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו דעם, וואָס האָט צו אים גערעדט, אָנגעשטעלט זיין בליק אויף אים. זיין, פֿאַר דער צייט, געעלטערט און אויסגעבלייכט פּנים, האָט אויסגעדריקט ווייטיק, יאוש און צאָרן.

— יאָ, חבר בערגלסאָן — האָבן פֿעפֿערס בלאָסע ליפּן גע־שעפּטשעט. ער האָט צוגעמאַכט דאָס ספּרל.

לויט דעם ציטערדיקן קול און נערוועזע באַוועגונגען איז ישראלן געוואָרן קלאָר, אַז פֿעפֿער איז אינגאַנצן אַדורכגענומען פֿון דער קאָשמאַרער טראַגעדיע. אים באַהערשט אַ טיפֿע פֿאַרביטערונג פֿון אַ שטאַרק באַוועלטן...

— אָ, דאָס זייט איר בערגלסאָן — ׳האָט ישראל גענומען דעם עלטערן יידנס האַנט און זי שטאַרק געדריקט. — נישט קיין פּשוט פּנים... דער באַרימטער יידיש־סאָוויעטישער פּראָזאַיקער. — אויך איר זייט דאָ, דוד בערגלסאָן ?

— יאָ, אויף מיינע אַלטע יאָרן, — האָט בערגלסאָן געענט־פֿערט מיט אַ יאושדיקער שטים.

— ווער זייט איר ? — האָט פֿעפֿער געפֿרעגט אַפּאַטיש.

— איך בין ישראל אייביקער... פֿון קיִעוו, פֿון דער יידישער גאַס... אייערס אַ לאַנדסמאַן. און איר זייט דאָך פֿון ש פּ אָ ל ע (קיִעווער גובערניע).

פעפער האָט אומעטיק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און געזאָגט:

— איך האָב געהערט פון אייך, ישראל אייביקער. ווען זייט איר אַוועק פון קיִעוו?

— נאָך אין יאָר 1913, ווען עס איז אויסגעבראָכן דער באַוווּס־טער עלילת־דם, דער ביילִיס־פּראָצעס. דאָ אַהער בין איך אַנטלאָפן פון היטלער־דייטשלאַנד. אָבער פון סטאַליניסטישן רוסלאַנד, ווי אַזוי ראַטעוועט מען זיך אַרויס?...

— נאָך שווערער — האָט פעפער געענטפערט מיט אַ שוואַך קול, און אַנגעקוקט אויפמערקזאַם ישראלן. — אין וואָס פאַר אַ שלעכטער צייט איר זייט געקומען אַהער. הלוואי זאָל זי אין דער צוקונפט זיין אַנדערש...

— און אייער פאַמיליע? — האָט געפרעגט בערגלסאָן.

ישראל האָט שווער אָפּגעזיפצט און דערציילט, „אַז זיין זון האָט ער איבערגעלאָזט אין דייטשלאַנד אין אַ לאַגער, און זיין פרוי מיט זיינע אַנדערע צוויי קינדער, האָט ער נאָך פאַרלוירן אין יענער וועלט־מלחמה (1914), ביי אַ פּאָגראָם אויף יידן אין פּוילן, ווו ער האָט געלעבט זינט ער איז אַוועק פון קיעוו. דעמאָלט האָבן די שונאים אויך זיין הויז חרוב געמאַכט. אַ ייד אַנטלויפט דאָך נישט פון זיין גורל... אַזוי ווי ער גייט און שטייט, איז ער דאַן אַנטלאָפן אין גרויס פּאַניק, פון פּוילן, מיט אַ קליין קינד אויף די אָרעמס, דאָס איינציקע, וואָס איז אים פאַרבליבן, און זיך דערשלעפּט קיין דייטשלאַנד. איצט ווער ווייסט, צי ער לעבט, זיין איינציקער זון".

— אוודאי זיך געראַטעוועט, — האָט בערגלסאָן געזאָגט. — ער וועט לעבן אייער זון, ישראל אייביקער...

— איר זייט דאָך אויך פון קיעוו, פריינד בערגלסאָן. ווי גערן מען האָט אייך געלייענט. — און ישראל האָט גענומען אויסרעכע־נען בערגלסאָנס דערציילונגען: „נאָך אַלעמען", „מידת הדין", „אַרום וואָקזאַל", „יאָרצייט־ליכט" און אַנדערע. אויך ביידע בענדער

„ביים דניעפּער״ האָט ער געלייענט. דאָס זענען געניאַלע ווערק, אַן אוצר פון יידישן שטייגער. דאָס בעסטע וואָס בערגלסאָן האָט געשאַפן. וויפל זכרונות פון עבר גייען אויף, לייענענדיק „ביים דניעפּער״. ביים טייך דניעפּער, הינטער קיעוו, ווו ישראל פלעגט קינדווייז זיך שפּילן, באָדן, שקצימלעך האָבן אָפט געשלאָגן — דערציילט ער — געווען דאַן צאַרישע גזירות רעות, אָבער פאַרט ייִנגל־יאָרן. נאָך דעמאָלט האָט ישראלס שוואַכער קינדערשער שכל, מיט ברען און אומדערפאַרנקייט, זיך געוואָלט קלאָר מאַכן פאַרוואָס מען שלאָגט יידן. אַלע זיינע געדאַנקען זענען אָפט געווען קאָנצענטרירט אַרום דעם, אָבער גאָרנישט איז געטאָן געוואָרן, אויסער פּלפּולן זיך.

בערגלסאָן האָט אויסגעהערט ישראלן שווייגנדיק.

— וואָס איז געוואָרן מיטן יידישן שרייבער־פאַראיין אין קיעוו? עס האָט דאָך מיט אים געשמט אין גאַנץ רוסלאַנד. אַז ער, ישראל, איז געקומען אויף אַ טאָג קיין קיעוו, האָט אים אַ פריינד מיטגענומען אין פאַראיין אַריין. אין די פּרעכטיקע זאַלן, האָבן זיך פאַרזאַמלט די שרייבער. ס׳איז גראָד דעמאָלט געווען אַ יובליי־אָוונט לכבוד סטאַלינען. אַלע יידישע פען־חברים, יונג און אַלט, חכמי־קיעוו, אָנגעטאָן אין טאָלסטאָי־בלוזעס, מיט פאַרביקע שנורן פאַרגאַרטלט. פריילעכע און צופרידענע געזיכטער. אויך בערגלסאָן און פעפער צווישן זיי. מ׳האָט געהאַלטן ענטוזיאַסטישע רעדעס, לויב־הימנען פאַר דעם „פאָטער פון די פעלקער״. דעם יובילאַרס אַ גרויס בילד, האָט געהאַנגען איבער דער וואַנט, פון ביידע זייטן — רויטע פענער, געצייכנט מיט ווייסע „האַמער און סערפּ״, וואָס האָבן דעם אָוונט צוגעגעבן מער פייערלעכקייט. אַלץ איז געווען אין אַ געהויבענער שטימונג. און מען האָט נישט אויפגעהערט צו ווינטשן דעם „בעל־היובל״, סטאַלינען, לאַנגע יאָרן פון פּרוכטבאַרער טעטיקייט לטובת דער סאָוויעטישער מדינה. ווען איך בין אַוועק פון דער דאָזיקער שמחה מיט מיין חבר, ביי

וועמען איך בין געווען צו גאַסט אין קיעוו, איז שוין געווען טאָג. מיר האָבן מיט הנאה אַראָפּגעלייענט די נעמען פון די גאַסן: „י. ל. פּרץ", „שלום עליכם".

בערגלסאָן האָט געקוקט אויף ישראלן מיט זיינע קלוגע און טרויעריקע אויגן און זיך אָנגערופן:

— דער ייִדישער שרייבער־פאַראיין איז ליקווידירט, זיינע מיטגלידער וואַלגערן זיך מיט בלוטיקע הערצער, צעפּייניקטע, אין שמוציקע תפיסות. ייִדן האָבן אויך דערציילט, אַז גאַסן מיט נעמען פון פּראָמינענטע ייִדן, זענען געענדערט געוואָרן אויף רוסישע נעמען. ייִדישע ביבליאָטעקן קאָנפיסקירט. די זעלבע לאַגע מיט ייִדישע צייטונגען, ייִדישע שולן אין גאַנץ סאָוויעט־רוסלאַנד. ייִדן ווערן אונטערדריקט אויף קולטורעלע און אַנדערע געביטן מער ווי אַלע אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן.

בערגלסאָן האָט דערציילט זיינע איבערלעבענישן ביי דער נ. ק. וו. ד.

— ווען דער סליעדעוואַטעל (אויספאָרשונגס־ריכטער) אַ פאַר־שוין אַ מגושמדיקער, מיט אַ רויט פּרצוף, האָט אים פאַרהערט, און אין האַנט האָט ער געהאַלטן זיינס אַ בוך: „בייע דערציילונגען" פון דער היטלער־תקופה, האָט ער אים פאָרגעוואָרפן, אַז אין זיין שרייבן, זעט מען זיין גייסטיקע ירושה — זיין אַנטיסאָוויעטישע טעטיקייט... און דערביי, מיט גיפטיקע בליקן, אים צוגעוואָרפן ציניש: — „אוּ נאָס" — ביי אונדז ביסטו, כדי צו העצן קעגן ראַטנפאַרבאַנד — האָט ער געטופּעט מיט די פיס. בערגלסאָן האָט אים רויִק געענטפערט: „ער שרייבט דאָס, וואָס ער האַלט פאַר ריכטיק און גערעכט. און ער איז דאָ, ווייל סאָוויעט־רוסלאַנד איז זיין היימלאַנד".

דער ריכטער איז אויפגעשפּרונגען פון שטול, און זיך צעשריגן מיט ווילדע קולות:

— זאָגסט ליגן, דו! דו זון פון דיין פאָלק! דו קענסט נישט

זיין מיט אונדז. דו קענסט זיך נישט באַפרייען פון דיינע נאַציאָ־נאַלע עמאָציעס. האָסט אַזעלכע בלוטן אין זיך, וועלכע זידן און קאָכן אין דיר, און וועלן קיינמאָל נישט זיין ריין... אַלע זייט איר טייוולאָנים! ביזט אַריבער צו אונדז אין אַ קאָמוניסטישער מאָסקע, כדי אינקאָגניטאָ צו שטערן אונדזער אַרבעט. טוסט שאָדן דעם אויפבוי פון אַ בעסערן מאָרגן, פון אַ בעסערער געזעלשאַפט, אַנשטאָט מיטצוהעלפן און מיטצווירקן. דער אַרעסט אַליין באַווייזט אַז דו ביזט שולדיק... „גאַרבאַטאַוואָ אי מאָגילאָ ניע איספראָ־וויט" (אַ הויקער קען אפילו דער קבר אויך נישט אויסגלייכן). — ער האָט געקריצט מיט די ציין, כסדר געטרונקען וואָדקאָ, זיין פנים איז געווען ווילד און רויט פון כעס.

בערגלסאָן האָט געזאָגט, אַז ער איז דעמאָלט נישט געווען אימשטאַנד אַ וואָרט אַרויסצורעדן — אַ וויסטע אַנשיקעניש — האָט ער געטראַכט. אַ געפיל פון טיפער פאַרצווייפלונג האָט אים אין יענער רגע באַהערשט. ווי איינעם, וואָס עס לויערן אויף אים הונגעריקע וועלף, סטאַדעס משוגענע הינט...

— עס איז שוין עטלעכע יאָר ווי מען האָט אים צוגענומען אין מאָסקווע, צוזאַמען מיט אַנדערע יידישע שרייבער, באַלד ביים אָנהויב, דעמאָלט זענען זיי נאָך אַ סך פען־חברים און קולטור־טוער געווען צוזאַמען. „נ. ק. וו. ד." איז אַריינגע־דרונגען אין מיטן דער נאַכט: „רוקי ווערך" (די הענט הויך) — האָבן זיי אויסגעשריגן, געזוכט אין די קעשענעס, געמאַכט אַן „אַביסק" (הויז־זוכונג), און צוגענומען זיינע מאַנוסקריפטן און אים מיטגענומען. איציק פעפער האָט מען צוגענומען דירעקט פון דער אַרבעט — פון דעם אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט אויף קראָ־פּאָטקינאָ גאַס אין מאָסקווע. פעפער, צוהערנדיק זיך צו בערגלסאָנס רייד, דערציילט: — זינט דעמאָלט, האָט מען זיי שוין געגוג אַרומגעשלעפּט אין פאַרשידענע לאַגערן. אַהער האָט מען זיי

געשיקט פון אַ תפיסה, ווו ס'איז נאָך געווען פרץ מאַרקיש, דער איינציקער נאָך פאַרבליבענער מיט זיי.

— אין אַ פאַרנאַכט, — איז ממשיך בערגלסאָן — ווען מאַרקיש איז געקומען פון דער אויספאָרשונג, אַ צעשלאָגענער מיט אַ צע־ביילט פּנים, האָט ער דערציילט, אַז די „נ. ק. וו. ד.״ האָט אים מערדערלעך געפּייניקט, צוליב זיינער, אין תפיסה אָנגעשריבענער, פּאָעמע, באַשולדיקט אים אין שאָוויניזם. מיט עטלעכע טעג שפּעטער זענען אַריינגעקומען צוויי מאַן אין מונדירן, העכערע „נ. ק. וו. ד.־לייט״ צו זיי אין תפיסה־קאַמער, האָבן געניסטערט, באַטאַפּט יעדן איינעם, און צוגענומען יעדעס באַשריבן פּאַפּירל, דערביי גע־טומלט, געזידלט, געביילט די פויסטן.ביים טרייסלען מאַרקישעס פּעקל קליידער, האָט מאַרקיש, וועלכער האָט נישט געקענט שווייגן, זיי געשליידערט אין פּנים אַריין:

„הענקער, רוצחים!...״

זיי האָבן אים געפּאַטשט, מאַרקיש איז געפאַלן אויף דער ערד אַ צעבלוטיקטער.

— שלאָגט, איר פּעלקער־באַפרייער — האָט מאַרקיש גע־זאָגט — נאָר זיך אַליין קענט איר נישט באַפרייען פון אייערע היהשע אינסטינקטן... איר קענט נישט גובר זיין דעם אורמענטש, וואָס שטעקט אין אייך... איר האָט שוין אומגעבראַכט אומצאָליקע אומשולדיקע מענטשן, ערלעכע מאַרקסיסטן, טרייע פּאַטריאָטן, מענטשן פון פּראָדוקטיווער אַרבעט, אויך אייגענע אויסגעפּרוּווטע חברים פון קרעמל, דאָס הייסט ביי אייך ר יי נ י ק ו נ ג. און די שחיטה גייט אָן כסדר...

— מאָלטשאַט! (שווייגן) — האָבן זיי געוואָלדעוועט און געשלאָגן.

אָבער מאַרקיש רעאַגירט נישט אויף קיין קלעפּ, ער רעדט ווייטער: „מאַקסים גאָרקי, האָט זיך ריכטיק אויסגעדריקט: „די עקלהאַפטע נבילות פון צעווילדעוועטן רוסישן לעבן, דערדריקן

אויף טויט אַ סך פּרעכטיקע נשמות". איר פאַרמאַכט די אויגן פון דיכטער און טרוימער, בעת זיי פאַרמאָגן נאָך אין זיך אַזויפיל ליכט, אַזויפיל געזאַנג. דאָס שענסטע, גייסטרייכסטע פון דער מענטשלעכער נשמה — אַלץ ווערט גיריק אונטערדריקט און אויסגעלאָשן..."

די נ. ק. וו. ד.־געשרייען: „מאַלטשאַט! מאַלטשאַט!" באַגלייט מיט מכות־רצח, האָבן אויף מאַרקישן נישט משפּיע געווען:

— דאָס אומשולדיקע בלוט פון ש. מיכאָעלס, פון נסתר און אַנדערע, וואָס איר האָט אומגעבראַכט, שרייט אַרויס פון דער סאָוויעטישער ערד. און אונדזער אבלדיק געזאַנג וועט מען אפילו פון היגטערן אייזערנעם פאַרהאַנג דערהערן, און וועט קיינמאָל נישט פאַרגעסן ווערן.

— יעוורעיסקאַיאַ מאָרדאַ, פּאַראַזיט, פאַרמאַך דיין פּיסק! — האָבן זיי געשפּאָט און געלאַכט פון מאַרקישן. איינער פון זיי האָט אַ זאָג געטאָן צו אַן אַרבעטער, אַן אַרעסטאַנט, אים דערלאַנגט אַ פּאַפּיראָס:

— זאַקוריטיע (רייכערט) — האָט ער זיך צו אים צעשמייכלט, און אים עפּעס אַריינגערוימט אין אויער.

— טשטאָ?! ניטשעוואָ ניע זנאַיעם!... (וואָס? מיר ווייסן גאָרנישט!).

— דאַ, דאַ, זנאַיעש! (יאָ, יאָ, דו ווייסט).

— ניע זנאַיו (איך ווייס נישט).

— אָן זשע טאָזשע יעוורעי (ער איז דאָך אויך אַ ייד) — האָט אים דער צווייטער אַגענט געשטאָכעט מיט רוגזה.

צוויי באַוואָפנטע וועכטער האָבן מאַרקישן געשמידט אין קייטן, און אים אַוועקגעפירט. צוריק איז פּרץ מאַרקיש מער נישט גע־קומען... — האָט בערגלסאָן געענדיקט דערציילן, און טיף אָפּגעזיפצט.

— פרץ מאַרקיש, האָט געטראָגן דעם לענין־אָרדן — רופט זיך אָן ישראל.

— יאָ — באַשטעטיקט בערגלסאָן — דער מעדאַל איז געווען די העכסטע אויסצייכענונג, וואָס אַ שרייבער האָט געקאָנט אין רוסלאַנד דערגרייכן.

בערגלסאָן האָט נאָך אויסגערעכנט די אַנדערע אַרעסטירטע פון דער יידישער שרייבער־משפחה, וואָס זענען מער צוריק נישט געקומען...

בערגלסאָן און פעפער, בלייכע און שטומע. זייערע אויגן האָבן אויסגעדריקט גרענעצלאָזן פּיין, ווי זיי וואָלטן געיאָמערט: „זיי, אונדזערע טייערע חברים, די מאַרטירער, קדושים, זענען אומגע־קומען על קידוש השם, און מיר וועלן זיי קיינמאָל מער נישט זען".

אַ שווערער אומעט, אַ פּחד האָט אַרומגענומען ישראלן. אין בערגלסאָנס אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן.

פעפער האָט מיטגעוויינט:

— איך האָף, אַז איך וועל נישט לאַנג זיין צעשיידט מיט מיינע טייערע חברים...

אַלע האָבן אבלדיק געשוויגן.

*

די אייזערנע טיר פון דער טורמע־קאַמער האָט זיך געעפנט, דער וועכטער האָט אַריינגעפירט פינף מענער, און די טיר צוריק פאַרשלאָסן.

די אַריינגעקומענע האָבן זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס. זיי זענען געווען צעשלאָגן, צעמזיקט. איינער פון זיי, אַ בלאָנדער שגץ, מיט אַן אונטערגעהאַקט אויג, האָט אויסגעזען פון אַ יאָר 25, און שוין מיט אַ פליך אויפן קאָפּ. ער איז געווען אַ בולטער קאָנטראַסט לגבי די אַנדערע מיטן ספּעציפיש־יידישן אויסזען.

ער איז געשטאַנען אַ דרייסטער, מיט די הענט אין די קעשענעס, און האָט אָבסערווירט יעדן מיט זיינע פאַרדעכטנדיקע לויערנדיקע אויגן.

בערגלסאָן האָט זיך צוגעבויגן צו ישראלן און אים איינגע־רוימט אין אויער:

— דער פּאַרשוין רופט נישט אַרויס קיין באַזונדערן צוטרוי צו זיך.

באַלד האָט עמעץ אויסגערופן זיין נאָמען. דער פּאַרשוין האָט זיך אַרומגעקוקט, דערזען ווער עס רופט אים. געווען איז דאָס איינער, וואָס איז געזעסן אויף אַ פּריטשע, אין אַנדערן עק קאַמער — אַ געזונטער מאַן מיט אַ רויטן קאַרק. דער בלאָנדער שגץ, האָט זיך, נישט איילנדיק, דערנענטערט צו אים. זיין גאַנג איז געווען אַ שטילער, אַ קוים הערבאַרער, ווי דער גאַנג ביי אַ גנב. ער האָט זיך מיט יענעם וואַרעם באַגריסט.

— זיי זעען נישט אויס צו זיין קיין יידן — האָט ישראל געזאָגט.

— זיי זענען פון דער אונטערוועלט — האָט בערגלסאָן גע־ענטפערט. — עס זענען דאָ פאַראַן אַ סך נישט־יידן. רעוואָלוציאָנערע פּערזענלעכקייטן, פּאָליטישע אַרעסטירטע, פון פאַרשידענע לענדער, אויך גנבים, און די ערגסטע פאַרברעכער — די פאַשיסטן... היט־לערס קאָלאַבאָראַנטן...

— מען האָט אונדז דאָ גוט אַריינגעפּאַסט: כלי־קודש, רבנים, שרייבער, פּאָעטן, ראָמאַניסטן, טראָצקיסטן, דאָקטוירים, באַאַמטע, און אַרבעטער — „ראַבאָטשי נאַראָד”, זיצן אין חד־גדיא אין איין קאַמער מיט מעסער־שטעכער...

באַלד האָט זיך ביי דער פּריטשע פון אַנדערן עק צימער געשאַפן אַ רעדל, פון וואַנען ס'האָט זיך געטראָגן אַ געזונט געלעכטער פון פאַרדאָרבענע הפקר־יונגען, וואַגאַבונדן.

אַ ייד, פון די פּריש־אָנגעקומענע, איז נאָך אַלץ געשטאַנען ביי

דער טיר און געווישט טראָפּנס בלוט, וואָס האָבן געטריפט פון זיין מויל. ער האָט דערציילט מיט ביטערקייט:

— צוויי ציין האָבן זיי מיר אויסגעהאַקט. אַזעלכע תלינים! איך זאָל זיך מודה זיין. מיך אַהער געבראַכט פון סיביר, וווּ איך בין געווען פאַרשיקט מיט מיין פרוי און קינדער אויף שקלאַ־פעריי. און מען מאַכט מיר דאָ אַ פּראָצעס...

— און אייער פרוי און קינדער? — האָט ישראל געפרעגט.

— איך ווייס נישט, צי מיינע בני־בית זענען געבליבן אין סיביר — האָט דער ייד זיך דערנענטערט צו ישראלן. — אין שפּיאָנאַזש־טעטיקייט לטובת אַמעריקע, זאָל איך זיך מודה זיין, וווּ האָב איך געפירט שפּיאָנאַזש?! מער האָט מען נישט געהערט, נאָר „קאָסמאָפּאָליט", „שפּיאָן". וואָס ווייס איך פון שפּיאָנאַזש? מיינע פריינד אין אַמעריקע האָבן מיר געשריבן אַ בריוו, מיך אָנגע־פרעגט וואָס איך טו, און זיי, רק מען גלויבט מיר נישט. יעדעס מאָל ביי דער אויספאָרשונג, ווערט מען געפייניקט, און וואָס פאַר אַן אכזריותדיקע פאַרשונגס־מעטאָדן זיי ווענדן אָן. כל מיני עינויים, טאָרטורן, ציען אויס גלידער, אַז ס'איז שיעור נישט דער סוף — זיי שלאָגן אָן אויפהער. איך שריי, מאַך געוואַלדן, און זיי לאַכן, האָבן הנאה פון מענטשלעכע ליידן... דאָ איז פיל ערגער ווי ביי „גאלאגאן־סיבירסקי" (אַ פּראָקוראָר פון די צאַרישע צייטן).

אַ צווייטער פאַרמאַטערטער ייד, האָט אויך זיך דערנענטערט און געזאָגט:

— מיט מיר אין מאַטער־קאָמער איז געווען אַ ייד, וואָס האָט נישט אויסגעהאַלטן די פּייניקונגען, ער איז אומגעקומען אין מיטן שלאָגן אים. דעם ייד האָט האָט מען אויך פאַרגעוואָרפן „שפּיאָנאַזש" א. א. וו...

אַן אַנדערער ייד, וועמען זיי האָבן פאַרגעוואָרפן, אַז ער איז אַ ציוניסט און טרייבט פּראָפּאַגאַנדע פאַר זיין רעליגיעז־נאַציאָנאַ־לער פאַרטיי, האָט זיי אַן מורא דערקלערט: „אין די איצטיקע

שווערע צייטן פאַר יידן, ביי דער נייער אַנטי־יידישער פּאָליטיק, ווען דער קאָמוניסטישער אַנטיסעמיטיזם בושעוועט אין רוסלאַנד און אין די סאַטעליטן־לענדער, איז מער ווי אַלעמאָל וויכטיק צו צעמענטירן אַ געמיינזאַמען כוח פאַר אחדות און שלום, פאַרן אויפבוי פון מדינת ישראל, אין יידישן דת, לטובת דעם קיום פון יידישן פאָלק, „נצח ישראל לא ישקר!".

— נו, נו, איז דאָרט געווען לעבעדיק: מאָלטשאַט! (שווייג יעווריי! (ייד), לומפּן וואָס איר זייט! — אַ קליינער פאַרפעטסטער חברהמאַן האָט געטופּעט מיט די פיס, געזידלט, געשאָלטן, זיין בייז פּנים איז געווען צעפלאַמט: „איר פאַרברעכער פון פאַטערלאַנד. אַגיטאַציע וועסטו פירן לטובת אייער פאַרברעכערישער מדינה?"

דער ריכטער האָט אים באַלד איבערגעגעבן צו די הענקער.

— מערערע טעג האָבן די תלינים אים געהאַלטן אין די פּייניקונגס־קאַמערס און צו די פּייניקונגען איז נישט געווען קיין סוף.

אַ דריטער ייד האָט זיך געקאָכט:

— מ'האָט דאָך מיך אַרויסגעשלעפּט פון שטוב, פאַר דער באָרד אומרחמנותדיק געצויגן, פאַר צוהערן זיך צום ראַדיאָ „קול ישראל". וואָס טוט זיך דאָ אַזוינס? געוואַלד! זענען מיר ביי היטלערן, צי ביי פּרעה אין מצרים?!

— אין אַלע צייטן און ביי אַלע פעלקער, זענען אַנטקעגן אונדז אויפגעשטאַנען כלערליי פּרעהס, די היינטיקע הערשער אין ראַטנפאַרבאַנד, ווי די פּרעהס מיט טויזנטער יאָר צוריק. אויך די סאָוויעטן פאַרקנעכטן די „עברים" — דער אייל אויף די קאָמוניסטישע רעדער... מיט וויפל יידיש בלוט און טרערן איז דורכגעווייקט זייער קאָמוניזם. „וואָס טויגן די פּיתום ורעמסס־פּיראַמידן, אַז אין זיי איז אַריינגעמויערט אַזויפיל מענטשלעך בלוט, אַזויפיל עבודת הפּרך — סיזיפוס אַרבעט אין קנעכטשאַפט...

דער ייד איז ממשיך:

— מיך האָט מען היינט אַרויסגענומען נאָך דערפאַר, ווייל

איך בין געבוירן אַ ייד. מיר פאַרגעוואָרפן יידישן נאַציאָנאַליזם. יידן פּרוּוון צו פאַרטושן אַלע שפּורן פון יידישקייט. ס׳איז אָבער געגנוג אַ טיפּיש־יידישער אויסזען, אַ יידישער אַקצענט, כדי פאַר־שווּנדן צו ווערן אָן שפּור, יאָ אָדער נישט סאָוויעטישער בירגער. אַלערליי רכילותן, געמיינע אינטריגעס זייעט מען אויף יידן. די אָפיציעלע פּרעסע פירט אַ מיאוסע העצע קעגן יידישן פאָלק. זייערע זשורנאַלן זענען פול מיט קאַריקאַטורן פון פאַראַזיטן מיט יידישע נעזער. כסדר קומען פאַר מאַסן־רעפּרעסיעס. יידן לעבן אין גרויס פּחד און בהלה. די גזירות רעות פון קרעמל, די דעספּאָטישע, אומ־געראַכטע אַטמאָספערע — דאָס אַלץ קומט פאַר אין לאַנד פון גאָגאָל, פּושקין, טאָלסטאָי און גאָרקי.

— ווי נעמט מען חיים נחמן ביאַליק מיט זיין „עיר ההריגה״ — בימי סטאַלין!...

ישראל און בערגלסאָן האָבן זיך צוגעהערט אין שטילשווייגעניש.

— ראַסן־דיסקרימינאַציע — זאָגט ישראל, — עלילת־דם־בלבול און אַנדערע שקר־בלבולים, זענען דאָך אין אכזריותדיקער סתירה מיט דער גרויסער אַלדערלייזערישער קאָמוניסטישער אידעע.

— אוודאי — פאָלגט נאָך בערגלסאָן — די גאַנצע „רייניקונג״ בכלל, קלינגט דאָך פאַראַדאָקסאַל, דער גאַנצער קאַמף וואָס גייט אָן קעגן די יידן און קעגן זייער גייסטיקער עליטע, איז נישט צו פאַרשטיין... סטאַלין איז דאָך אויך חושד אַ סך פון זיינע פריינד אין פאַרראַט.

✶

מ׳האָט אַריינגעבראַכט אַ גרויסן טאָפּ מיט זופּ. די קאָמער איז אָנגעפילט געוואָרן מיט פאַרע. ווער ס׳האָט דערלאַנגט אַ מילי־טעריש טעפּל, אַ בלעכן צעבויגן שיסעלע און ווער אַ קאָנסערוון־פּושקע. מ׳האָט געזופּט, מיט, אָדער אָן אַ לעפל, דאָס אָרעמע

מאַלצייט, דאָס ביסל וואַרעמע וואַסער און פאַרביסן מיט שוואַרץ ברויט. מאַנכע האָבן שוין נישט געהאַט קיין כזית פון דעם צוגעטיילטן ברויט פאַרן גאַנצן טאָג, זיי האָבן מקנא געווען די, וואָס עסן...

ישראל האָט געטיילט זיין ברויט און מאַכאָרקע־טאַבאַק מיט אַ צווייטן. ער האָט אָנגעקוקט בערגלסאָנען, די קליינע ביסן וואָס ער נעמט אין מויל, קייעט זיי לאַנגזאַם מיטן אומציינִיקן מויל, עס איז אים שווער אַראָפּצושלינגען דאָס טייג, וואָס קלעפּט זיך צום גומען. ער האָט באַטראַכט בערגלסאָנען, דעם אַמאָליקן גבירישן זון, ער האָט אים נאָך געקענט פון דער היים. בערגלסאָן, האָט זיך געאָפּפערט פאַר זיין גרויסן אידעאַל — פאַר דער פרייהייט, געשאַפן, געשריבן באַגייסטערט גאַנצע נעכט, און נאָר אין מאַמע־לשון... אָוועקגעגעבן דאָס בלוט פון זיין האַרצן. און איצט, אויף זיינע אַלטע יאָרן, דינט מען אים אָפּ... בערגלסאָן איז צו פרי געוואָרן אַ צעבראָכענער זקן, אויסגעמאַטערט פון פיזישע און גייסטיקעליידן.

— אַך — טראַכט ישראל — ווי טאָלסטאָי האָט דאָס רעכט געהאַט: „פון אַלע ליידן, איז די סאַמע גרויזאַמסטע — די אומ־דאַנקבאַרקייט".

פעפער האָט אַ לאַנגע ווײַלע געהאַלטן זיין טעפּל וואַרעמע זופּ מיט ביידע הענט צוגעדריקט צו זיך, ווי זיך געוואָלט אַביסל אָנוואַרעמען, זיינע געדערעם, די אינגעווײדן, וואָס דרייען און שניידן אין בויך. ער איז אויפגעשטאַנען און זיך דערנענטערט צו דער טיר, צום אָרט, ווו ס'איז שוין געזעסן אַ צווייטער.

— שנעלער, שנעלער — האָט זיך פעפער געבעטן...

— ביסטרעי! ביסטרעי! (גיכער) — האָט אַ צווייטער ווידער געשריגן צו פעפערן...

— נאָר „קטנים" — באַמיט זיך אַ דריטער אָפּצונאַרן...

שאַרפע עיפּושדיקע ריחות, פאַרדעכטיקטע ריחות פון קראַנקע

געדערעם, האָבן אָנגעפילט די תפיסה־קאַמער, געריסן אין האַלדז, און אין מות האָט געזעצט ווי מיט האַמערס.

פעפער איז געזעסן אַ ווײַלע צוזאַמענגעקאָרטשעט, באַלד האָט ער זיך געכאַפּט פאַרן האַרצן: — דושנע.

בערגלסאָן האָט אויף אים אַ קוק געטאָן, גענומען אויף אים שפּריצן וואַסער, האָט אים געריבן די שלייפן.

✶

בייַנאַכט, ווען דורכן פאַרקראַטעוועטן פענצטערל אין דער הויך האָט זיך געקענט זען נאָר דרויסנדיקע פינצטערניש, האָט פּלוצלונג עמעצער אַ געשריי געטאָן אויפן קול, ס׳האָט זיך געהערט אַ טראַסק.

— וואָס איז געשען? — האָט ישראל געפרעגט. — ס׳האָט ווער, מסתמא, אַראָפּגעוואָרפן ווען פון געלעגער.

דעם אַראָפּגעפאַלענעמס פּנים איז געווען בלייך, מ׳האָט אים קלאָר געקענט זען אין דער פינצטער. בערגלסאָן האָט זיך אין אים גוט אײַנגעקוקט און געזאָגט:

— דער אַראָפּגעפאַלענער איז אַ ייד. דער וואָס האָט אים אַראָפּגעוואָרפן פון דער פּריטשע איז אַ פאַשיסט. אַממיינסטנס צרות האָבן מיר דאָ אויסצושטיין פון זיי...

דער ייד האָט זיך אויפגעהויבן פון דער ערד. פעטש זענען געפלויגן פון ביידע צדדים. צו זיי האָט זיך דערנענטערט דער בלאָנדער שגץ, וואָס איז היינט געקומען. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם פאַשיסט פאַרן קאָלנער און אים אַזאַ שליידער אַראָפּ געטאָן פון דער פּריטשע, אַז יענער האָט שיער געבראָכן האַלדז און נאַקן.

דער בלאָנדער שגץ האָט זיך דערווייל אויסגעצויגן אויף דעם געלעגער און מודיע געווען:

— אַזוי ווי איך האָב נישט געהאַט קיין פּריטשע, בין איך צופרידן וואָס איצט האָב איך געקריגן.

דער ייד האָט נישט פּראָטעסטירט — אַבי דער פאַשיסט, דער שונא ישראל האָט נישט אויסגעפירט — האָט ער געזאָגט.

ס׳איז געווען טיף אין דער נאַכט. שלאָפן האָט ישראל נאָך לאַנג נישט געקענט, די נערוון זענען ביי אים געווען אָנגעשפּאַנט, די שלייפן האָבן געקלאַפּט, און אויף זיין האַרץ איז אים געווען אַזוי שווער. אין קאַמער איז געווען שרעקלעך אומאָנגענעם — ווער ס׳האָט געכראָפּעט, ווער געקרעכצט אָדער געשריגן פון שלאָף. אין דרויסן האָט דער ווינט געקלאַפּט אונטערן פאַרקראַ־טעווען פענצטערל אויף דעם דאַך. אַלץ האָט אַזוי טעמפּ אָפּגע־הילכט אין דעם דושנעם חלל. ישראל איז געלעגן צוזאַמענגע־קאַרטשעט, און אַריינגעגלאָצט מיט די אויגן אין דער פינצטערניש אַריין. די נאַכט האָט זיך אומענדלעך געצויגן; אַז ער איז אַביסל איינגעשלאָפן, האָבן אים קאָשמאַרע חלומות געפייניקט, ער האָט זיך באַלד צוריק אויפגעכאַפּט מיט שרעק. עס האָט זיך ישראלן אויסגעדאַכט, אַז ער הערט פון ערגעץ אַ ביטער געוויין, אַ מוראדיק געשריי. כאָטש דער ווינטער האָט זיך שוין דערנענטערט צום סוף, האָט אים די קילע לופט אַרומגענומען, ער האָט אינגאַנצן געציטערט פאַר קעלט.

באַלד האָט אַ בלייכע זון־אָפּשיין אָנגעזאָגט, אַז עס ווערט טאָג. מ׳האָט געהערט, ווי פייגל זינגען זייער פרימאָרגנליד. נאָך דער שווערער נאַכט, האָט ישראל זיך געפילט צעבראָכן. אַ שווערע מידקייט האָט זיך צעלייגט אין אַלע זיינע גלידער. אַלע אברים ביי אים זענען ווי פאַרשטייפט געווען. ער האָט זיך אויפגעהויבן, און גענומען זאָגן אַ יידיש וואָרט. דאַן צוגעשפּאַנט צו בערגלסאַנען, וועלכער איז געזעסן אין אַ ווינקל אויף זיין פעקל מלבושים, אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט. ישראל האָט מיט לויטערע ווערטער געזאָגט:

— „ברוך אתה ד׳ אלוקינו מלך העולם הנותן ליעף כוח״. „רבון כל העולמים, לא על צדקותינו אנחנו מפילים תחנונינו לפניך, כי על רחמיך הרבים״. „אתה הוא אלוקינו״. „אמת, אתה הוא ראשון ואתה הוא אחרון ומבלעדיך אין אלוקים״...

בערגלסאָן האָט געקוקט פאַרגליווערט פאַר זיך, ווי ער וואָלט קיינעם נישט געזען און גאָרנישט געהערט... לעבן אים איז געזעסן איציק פעפער מיט זיין ספרל, און געהאַלטן אין איין זאָגן תהילים, מיט אַ רירנדיקן ניגון. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן און געשעפּטשעט אַ פסוק אויף עברי־טייטש :

„וואָס שטייסטו ג־ט פון דערווייטן, פאַרבאַרגסט זיך אין שלעכטע צייטן !...״

זיין פנים איז געווען בלייך, צעפּאַטלטע האָר האָבן אַרויסגעקוקט פון זיין צעקנייטשטן קאַפּעליוש.

.1952